STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03876

DOS HOYZ FUN MAYN FOTER

Yigal Allon

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יגאל אלון

דאָס הויז פון מייַן פאָטער

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורך דער
אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג
צוזאַמען מיטן י. ל. פרץ־פאַרלאַג

יגאל אלון

דאָס הויז פון מײַן פאָטער

איבערגעזעצט פון העברעיִש
שלמה שווייצער

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל-אביב תשנ״א — 1991

YIGAL ALLON

My Father's House

יגאל אלון

בית אבי

©

כל הזכויות שמורות

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח' ברנר 14

I. L. Peretz Publishing House

14, Brenner Str., Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשנ"א

Printed in Israel 1991

סודר והודפס בדפוס „שמגר 1986", ת"א

דער פֿאָטער אין פֿראָנט פֿון הויז

דער פאָטער, די מוטער – און די דרײַ ערשטע זין, אין מלבושים
פון יענער צײַט

פאַר מײַנע קינדער

יפתח און גוני

דער דעמב

מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך „דאָס הויז פון מײַן פאָטער" פון יגאל אַלון, אין ייִדיש, ווילן מיר געבן אַ מעגלעכקייט די ייִדיש־לייענערס, ספּעציעל די עולים וואָס שטאַמען איצט אין לאַנד אַרײַן פון פאַרשיידענע לענדער, בעיקר פון ראַטן־פאַרבאַנד, צו באַקענען זיך מיטן אָרט, סביבה און גײַסטיקן אײַנפלוס, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן, דערצויגן און אויסגעוואַקסן איינער פון די בעסטע זין פון אונדזער פאָלק, דער געבענטשטער סאַברע יגאל אַלון ז"ל.

יגאל אַלון — פון דער היים פּײַקאָוויטש — איז געבוירן געוואָרן אין אָקטאָבער 1918 אין כּפר תּבור (מסחה — אויף אַראַביש). זײַן פאָטער, ראובן־יוסף פּײַקאָוויטש, איז אַן אָפּשטאַמיקער פון גראָדנע, די מוטער חיה עטל, פון צפת, וועלכע איז געשטאָרבן ווען יגאל, דער ייִנגסטער צווישן זײַנע 5 ברידער און איין שוועסטער, איז אַלט געווען 6 יאָר.

זײַן פאָטער, ממש אַ פאַרליבטער אין ערדאַרבעט און אין לאַנד, האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט ווי אַ העלד און זײַן נאָמען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע צווישן די אַראַבער, דרוזן און אַנדערע תּושבים. אַלע האָבן אים פאַרהערלעכט פאַר זײַן מענטשלעכקייט, ערלעכקייט, יושר און גבֿוראַטקייט.

אָט די אַטמאָספער פון דער היים האָט אויך משפּיע געווען אויף דעם יונגן יגאל, דעם תּלמיד פון דער „כּדורי"־שול.

גאָר שנעל האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד אין ישׂראלס שלאַכטן צו פאַרזיכערן איר קיום. ער איז געווען צווישן די גרינדערס פון פּלמ"ח, דערנאָך דער קאָמענדאַנט און שפּעטער גענעראַל אין צה"ל. ער האָט פאַרשריבן קאַפּיטלען פון נצחונות אין אונדזער נײַער ווירקלעכקייט. גלײַכצײַטיק איז ער געווען איינער פון די סאַמע אידעאָליסטישע יונגע פירערס, וועלכע האָבן געגלייבט אין דערהויבענע סאָציאַלע ווערטן און געקעמפט פאַר אַ גערעכטער ישׂראלדיקער געזעלשאַפט. ער

איז קיין מאָל נישט געווען פאַרשיכּורט פון מיליטערישע דערגרייכונגען, נאָר תּמיד זיך באַמיט צו דערציִען די ישׂראל־יוגנט און די אינטעליגענץ זיי זאָלן זײַן געטרײַ און איבערגעגעבן צו אונדזערע גרויסע אידעאַלן. מיט זײַנע מעשׂים און זײַן אידעיִשער השפּעה האָט ער צוגעטראָגן אַ גרויסן צושטײַער צו דער פֿאַרמירונג פון זײַן דור.

ווער ס'האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון אַרבעטער־ציוניזם און געהאַט פאַר די אויגן די גלאָבאַלע נאַציאָנאַלע נויטן פון דער מדינה און פון וועלט־ייִדנטום האָט געקענט זען אין אַלונען דעם אייגנאַרטיקן מנהיג, נישט נאָר פון דער סביבה אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, נאָר פון גאַנצן פאָלק.

אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד האָט ער פאַרנומען אַן ערשטראַנגיקע פּאָזיציע. אין זײַנע באַגעגענישן מיט מנהיגים פון פעלקער און מדינות האָט ער אַרויסגערופן צו זיך רעספּעקט פאַר זײַן פאַרשטאַנד און פּילזײַטיקער אָריענטאַציע. נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט ער צוגעגרייט זײַן פּלאַן פאַר שלום מיט די אַראַבער, וואָס טראָגט זײַן נאָמען („תּוכנית אַלון") און ביז הײַנט האָט קיינער נישט געבראַכט קיין טרעפלעכערן פאָרשלאָג, וואָס זאָל פירן צו אַ לייזונג פון קאָנפליקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זאָרגנדיק פאַר די ישׂראלדיקע אינטערעסן, מוז מען זוכן וועגן צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבישע שכנים און מיט דער היגער אַראַבישער מינדערהייט. זײַן האַלטונג און שטעלונג האָבן אַרויסגערופן בײַ די אַראַבער אין ישׂראל טיפע אָנערקענונג און אַכטונג.

מיר וועלן נישט אויסרעכענען זײַנע דערגרייכונגען אין אַלע מיניסטעריומס וואָס ער איז געשטאַנען אין זייער שפּיץ. אומעטום האָט ער געלייגט זײַן חותם און אויפגעטאָן גרויסע זאַכן.

אין זײַן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן פאַרמעסט האָט ער דערמאָנט חיים אַרלאָזאָראָוון, דעם גרויסן מעטעאָר אויף די הימלען פון דער ייִדישער באַפרײַונגס־באַוועגונג.

וואָס עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון די וואָס האָבן אים געקענט — איז דער מאָראַלישער כאַראַקטער אין זײַן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס געטרײַשאַפט צו זײַנע חברים, ער

האָט געגלייבט אין דער נויטווענדיקייט צו דערמוטיקן דעם יחיד. זײַן בײַשפּיל פון באַשיידנקייט און קאָרעקטקייט, זײַן אײַנגעבוירענער גוטער כאַראַקטער האָט אים נישט דערלויבט צו טרעטן אויף אַ צווייטן, אַבי צו דערגרייכן זײַנע צילן. פאַר אַ סך צענדליקער טויזנטער איז ער געווען דער סימבאָל פון אידעאַלן מנהיג וועמען מען קען אָנטרויען די פירערשאַפט. צוליב אָט די מעלות זײַנע האָט ער אַרויסגערופן צו זיך אַזוי פיל צוטרוי און אַ גרייטקייט אים נאָכצופאָלגן.

זײַן פּלוצעמדיקער טויט — אין אַפּריל 1980 — איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר אַלע און האָט אײַנגעהילט די גאַנצע מדינה אין טיפן טרויער. צענדליקער און טויזנטער, פרײַנד און קעגנערס, זענען געקומען אָפּגעבן אים כבוד אין זײַן לעצטן וועג.

יגאל איז געשטאָרבן, אָבער זײַנע אידעען און אויפטוען לעבן און זענען גילטיק אויך ווײַטער.

יצחק קאָרן

יגאל אלון

ער איז געווען די פּאַרקערפּערונג פון נײַעם טיפּ ייִד, וואָס איז אויפגעקומען אויף דער ערד פון ארץ־ישׂראל, פונעם אידעאַלן סאַברע, דעם זון פונעם באַנײַטן ייִדישן לאַנד. געבוירן אינעם פּויערים־דאָרף מסחה, איז יגאַל אויסגעוואַקסן ווי אַ קינד פון אָט דער היימישער ערד, ווי אַ טייל פון דעם לאַנד, וואָס ער האָט מיט דער צײַט אויסגעטראָטן און מיט די פיס אויסגעמאָסטן יעדן וועג און שטעג אין אים און וואָס יעדער וואַדי, יעדער פלאַנץ איז אים, יגאַלן, געוואָרן אייגן. „מײַן אידענטיפיצירן זיך מיטן גליל און מיט מײַן גלילישן הויז, דאָס אָרט ווו כ'בין געבוירן, איז בשום־אופן נישט געווען בלויז דער רעזולטאַט פון דער ספּעציעל אָריענטירטער דערציִונג פון מײַן טאַטן און מײַנע לערערס. דאָס איז געווען נאַטירלעך און כאָטש כ'האָב געקענט די געשיכטע פון מײַן פאָלק, האָב איך זיך געפילט ווי איינער, וואָס איז קיין מאָל נישט פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד און ווי דער טאַטע מײַנער וואָלט אין אים נישט צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. מײַנע וואָרצלען זענען געווען דאָ, אין דער פעלדזיקער ערד פון גליל", — שרײַבט ער אין זײַן אויטאָביאָגראַפישן בוך **בית אבי** („דאָס הויז פון מײַן פאָטער").

נישט ווינציקער ווי דער זון פון גלילישן דאָרף איז יגאַל געווען דער זון פון ראובן־יוסף פּײַקאָוויטש, דער גראָדנער ייִד, וואָס איז ווי אַ פּופּצן־יאָריק ייִנגל, צוזאַמען מיט זײַן פאָטער יהושע־צבי פּײַקאָוויטש, עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל אין יאָר 1888, און פון חיה־עטל שוואַרץ, אַ געבוירענע אין צפת, אַ טאָכטער פון אַ גאָר אַלטער צפתער משפּחה, וואָס איר עלטער־זיידע איז אין פריִערדיקן יאָרהונדערט געהאַט פאַרבעטן געוואָרן קיין בוטשאַטש און דאָרט אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רב.

און פונקט אַזוי טיף ווי אין דער ישׂראל־ערד האָבן יגאַלס וואָרצלען געשטעקט אין פאָלק, אויך אין דעם טייל זײַנעם וואָס אין די גלות־לענדער. ער, דער סימבאָל פון דער טיפער פאַרבונדנקייט מיטן לאַנד

און מיט זײַן עבר, האָט נישט פֿאַרמאָגט אין זיך קיין שמץ פֿון כּנענישקייט, קיין נטיה זיך אָפּצוגרענעצן אָדער זיך אויסצוטיילן פֿון די ייִדן אין חוץ־לארץ, מיט וועלכע עס האָבן אים פֿאַרקניפּט טויזנטער פֿעדעם. ער איז געווען שטאַרק אויסגעבונדן מיטן לעבן פֿון די ייִדישע תּפֿוצות, געווען בײַ זיי אַ בן־בית, געקענט זייערע פּראָבלעמען. גרויס איז געווען זײַן זאָרג פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק וואָס איז אין סכּנה פֿון אַסימילאַציע. ער האָט געשטרעבט צו ברענגען קיין ארץ־ישׂראל וואָס מער ייִדן פֿון חוץ־לארץ און האָט אַ סך כּוחות דערפֿאַר אָפּגעגעבן. נישט בחינם איז ער געווען דער, וואָס האָט בשעתו איניציִירט און אויפֿגעשטעלט דאָס מיניסטעריום פֿאַר קליטה און איז דער ערשטער געשטאַנען אין זײַן שפּיץ. האָט ער דאָך שוין אין דער מעפּילים־תּקופֿה געטראָגן אויף זײַנע אייגענע פּלייצעס — צוזאַמען מיט אַנדערע חברים — ייִדישע פּליטים, אָפּגעראַטעוועטע פֿונעם נאַצי־גיהנום, וואָס זענען אין לאַנד אָנגעקומען אויף די שיפֿלעך פֿון דער עליה ב׳ און וועלכע מ׳האָט געדאַרפֿט וואָס גיכער אַוועקכאַפּן פֿון די לאַקערנדיקע אויגן פֿון דער מאַנדאַטמאַכט און זיי צעוואַרפֿן אין זיכערע באַהעלטענישן אין די פֿאַרשיידנסטע ערטער פֿונעם ייִשוב.

און דווקא דער סאַברע פֿלעגט אין זײַנע שמועסן און רעדעס, געהאַלטן אין זײַן פּראַקטיקן עבֿרית, אַזוי אָפֿט אַרײַנמישן ייִדישע ווערטער און ווערטלעך און מ׳האָט געפֿילט אַז זיי קומען בײַ אים אַרויס נאַטירלעך, נישט געקינצלט, ווײַל זיי זענען געווען אַן אינטעגראַלער טייל פֿון זײַן ייִדישן גײַסטיקן מהות.

★

זײַן לעבנסוועג איז געווען אַ גראָדער — אָן אָפּווײַכונגען, אָן אָפּנויגן: פֿון טאַטנס שטוב איז ער אַריבער לערנען אין דער אַגריקולטור־שול כּדורי, אין וועלכער עס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט און אויסגעבילדעט אַ גאַנצע ריי אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין ייִשובֿ און שפּעטער אין דער מדינה, און ווו יגאַל האָט זיך פֿאַראייגנט נישט ווינציק געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע ווערטן, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זיי דאָס גאַנצע לעבן.

אָבער די עיקר־תּורה האָט יגאַל געלערנט פֿון טעגלעכן לעבן. „פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען דערגאַנגען צום קאָאָפּעראַציע־וועג און צום סאָציאַ־

ליסטישן וועלטבאַנעם דורך רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אונטער דער השפּעה פון מנהיגים און טעאָריעס — שרײַבט יגאַל אין שוין דערמאָנטן בוך — איך בין צו זיי דערגאַנגען אויפן וועג פון דער פּראַקסיס... נישט די אַבסטראַקטע טעאָריע, נישט דער אַבסטראַקטער וועלטבאַנעם, נײַערט די אוממיטלדיקע און קאָנקרעטע רעאַליטעט און די שאלה וואָס זי האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט, זיי האָבן אויסגעפורעמט מײַן וועג אין לעבן. אָבער אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין אויסבילדן מײַנע השגות האָבן אויך געהאַט די ביכער און צײַטשריפטן וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז אין שטוב אַרײַן".

אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָלע אין יגאַלס לעבן האָבן געשפּילט די בלוטיקע געשעענישן פון 1936—1939. אין יענער צײַט איז ער, זײַענדיק אַ תּלמיד, אַרײַן אין חיל הנוטרים (ציווילע וואַך פון ייִשוב), האָט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע חומה ומגדל (דאָס אומלעגאַלע אָבער גיכע אויפשטעלן נײַע קיבוצים אין משך פון איין נאַכט). ווען ער האָט געענדיקט לערנען אין כּדורי, איז ער געווען צווישן די גרינדערס פון קיבוץ גינוסר. און ווען ס'איז אין 1941 געשאַפן געוואָרן דער פּלמ"ח, ווערט ער דער קאָמענדאַנט פון דער פּלוגה א'. צוויי יאָר שפּעטער איז ער שוין וויצעקאָמענדאַנט פון פּלמ"ח, די רעכטע האַנט פון יצחק שׂדה, און אין יאָר 1945 — דער קאָמענדאַנט גופא.

אונטער זײַן אָנפירונג ווערן אין פּלמ"ח אויסגעשולט די פּאַראַשו־טיסטן, וואָס ווערן שפּעטער אַריבערגעוואָרפן אויף יענער זײַט פון די ליניעס פונעם נאַצישן שונא אין אייראָפּע, כּדי צו ברענגען הילף און דערמוטיקן די דאָרטיקע ייִדן. עס ווערן אויך געמאַכט די ערשטע שריט כּדי צוצוגרייטן דאָס לאַנד צום ווידערשטאַנד קעגן אַ נאַצישן אָנפאַל אויף ארץ־ישׂראל און עס ווערן צו דעם צוועק אויסגעפורעמט ספּעציעלע קאַמפּ־איינהייטן. ווען די וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די תּקופה פונעם „מאבק" (דער געראַנגל) פון ייִשוב מיט דער מאַנדאַטמאַכט, שטייט דער פּלמ"ח אונטער יגאַלס אָנפירונג אין די ערשטע שורות פון די הגנה־קעמפערס. דאָס זענען די יאָרן פון דער אומלעגאַלער עליה, פון אַרויפגיין אויף נײַע התישבות־פּונקטן, פון צוגרייטן געווער.

און באַלד קומט די באַפרײַונג־מלחמה, אין וועלכער יגאַל ווײַזט זיך אַרויס ווי דער פּעיִקסטער צה״ל־אָנפירער. ער פירט אָן מיט די שלאַכטן וואָס האָבן געבראַכט די באַפרײַונג פון אייבערשטן גליל, פון צפת און שפּעטער — דאָס אײַנגעמען אילת.

זײַן מיליטערישע קאַריערע איז באַלד פון אָנהייב געגאַנגען געפּאָרט מיט זײַן אידעיִשן וועג. דעריבער וועט דאָס אויפלייזן דעם פּלמ״ח דורך דוד בן־גוריון, מיט וואָס ער קען בשום־אופן נישט מסכּים זײַן, באַשטימען אַן אינעווייניקסטן פּראָצעס, וועלכער וועט אים נאָך דער באַפרײַונג־מלחמה דערפירן צו פאַרלאָזן צה״ל. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז דער דאָזיקער שריט פאַרשפּאַרט אים דעם וועג צו ווערן אַ רמטכּ״ל, וואָס ער האָט כּשר פאַרדינט און צו וואָס ער האָט אויך געשטרעבט. ער האָט אויך געוווּסט אַז ס׳דערוואַרטן אים נישט קיין גרויסע פּערזענלעכע דערגרייכונגען אין פּאָליטישן תּחום, מחמת דער פּאָזיציע פון זײַן פּאַרטיי, אחדות־העבודה פּועלי־ציון, אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן שאַכברעט. יגאַל איז אָבער נישט געפירט געוועזן פון קאַריערע־זוכערײַ, נאָר פון זײַנע אידעיִשע און מאָראַלישע פּרינציפּן, אין וועלכע ער האָט זײַן גאַנץ לעבן זיך געהאַלטן. פאַר מענטשן פון דער זײַט האָט אַזאַ שריט געקענט אויסזען ווי אַ טראַגעדיע. און אפשר איז עס אויך פאַר יגאַלן גופא געוועזן אַ טיפע טראַגעדיע. ער האָט זי אָבער געטראָגן בײַ זיך אין האַרצן, ווײַל אַזוי האָט אים דיקטירט זײַן געוויסן.

דאָס איז נישט געווען יגאַלס איינציקע אַנטוישונג. שפּעטער זענען צוגעקומען אַנדערע, נישט ווייניקער ביטערע: אין 1967, ערב דער זעקסטאָגיקער מלחמה, ווען משה דיין און נישט ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער זיכערקייט־מיניסטער. און אויך אין 1974, ווען ער האָט, נאָך גאָלדעס דעמיסיע, געהאָפט צו ווערן פּרעמיער־מיניסטער און דער אַמט איז איבערגעגעבן געוואָרן זײַן תּלמיד יצחק רבין און ער, יגאַל, האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיטן אַמט פון וויצע־פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער. אין ביידע פאַלן האָט ער גובר געווען די פאַרביטערונג, טיף אין זיך געשטיקט די געפילן און געטאָן דאָס וואָס זײַן געוויסן און אחריות האָבן אים געהייסן.

יגאַל אַלון איז געווען באַשאָנקען מיט מעלות, וואָס זענען גאָר נישט קיין אָפטע ביי פּאָליטיקערס בכלל און אַוודאי נישט ביי פּאָליטיקערס אין אונדזער לאַנד. ער איז געווען באַשיידן, איינגעצוימט, אָפנהאַרציק, גראָד־ליניק, אָרנטלעך, איידל ביז גאָר — ממש דזשענטעלמעניש, אַ זאַך וואָס איז אַזוי זעלטן אין דעם פּאָליטישן דזשונגל. ער האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שמץ פון צביעות, וואָס איז אַזוי אָפט נייטיק כדי צו קריכן אין דער הייך און צו מאַכן קאַריערע. ער, דער דרייסטער און דער מוטיקער, דער אומדערשראָקענער און דערוועגטער, האָט אין פּאָליטיק און געזעל־שאַפטלעכן לעבן אַרויסגעוויזן באַהערשטקייט און געצוימטקייט, ווען מען האָט עס געדאַרפט, באַזונדערש דעמאָלט ווען ער האָט געוווּסט אַז דאָס איז לטובת דער זאַך, פאַר וועלכער ער שטעלט זיך איין און אין וועלכער ער גלייבט.

גרויס און פעסט איז געווען זיין גלייבן אין דער ריכטיקייט פון זיין וועג, אין דער גערעכטיקייט פון זיין ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן ציל — אַ גערעכטע געזעלשאַפט אין אייגענעם פריַיען לאַנד. און מיט אָט דעם גלויבן זיינעם האָט ער אָנגעצונדן אַנדערע. זיין איבערצייגונג־כּוח, ספּע־ציעל אין די ציַיטן פון פּלמ״ח, איז געווען ממש אַ לעגענדאַרער. אין זיין מחיצה האָט זיך חברה געפילט זיכער. דער צוטרוי צו אים און צו זיין וועג איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער. זיין פירערשאַפט איז געווען אַן איבערצייגנדיקע, זיין אויטאָריטעט — אַ נאַטירלעכע. אָבער מער ווי אויטאָריטעט איז ער געווען חבר. די פריינדשאַפט און די חברישקייט האָבן ביי אים געהאַט די אייבערהאַנט איבער זיין אויטאָריטעט. אויף אַלעמען האָט ער געווירקט מיט זיין פּערזענלעכן ביישפּיל. זיינע רייד האָט ער תּמיד באַגלייט מיט מעשׂים. און אַנדערע זענען אים נאָכגעגאַנגען. ער איז תּמיד געווען פון די ערשטע, אַזוי ווי ס׳זאָגט זיך אינעם ליד פון פּלמ״ח — אָפט מאָל טאַקע דער ערשטער.

איז קיין וווּנדער נישט וואָס מ׳פלעגט אים תּמיד רופן מיט זיין פּשוטן נאָמען, יגאַל, וועלכער האָט באַטייט מער ווי אַלע טיטלען וואָס ער האָט געטראָגן: קאָמענדאַנט, גענעראַל, וויצעמיניסטער, מיניסטער. דער בלויזער נאָמען זיינער, יגאַל, האָט כאַראַקטעריזירט דעם מענטשן, דעם גאַנצן

מענטשן אין אים — דעם מיליטער־מאַן, דעם מלוכה־מאַן, דעם פּאָליטישן מנהיג, דעם וויזיאָנער, דעם ציוניסט, דעם סאָציאַליסט, דעם מנהיג וואָס האָט געצויגן נאָך זיך די מאַסן, דעם פֿאָלקסמענטש, דעם חבר, דעם וואָס איז באַשאָנקען געוועו מיט אַזוי פיל חן און אַזוי פיל כּישוף. דער נאָמען יגאַל, מיט וועלכן מען האָט אים באַטיטלט, איז געוועו דער אויסדרוק פון דער גרויסער ליבשאַפט און פאַרערונג וואָס האָט געשטראָמט צו אים פון די וואָס האָבן אים געקענט און באַוווּנדערט און אַפילו פון די וואָס האָבן וועגן אים און זײַנע מעשׂים בלויז געוווּסט אָדער נאָר געהערט.

*

ער, דער געבוירענער און אויפגעהאָדעוועטער אינעם קליינעם דאָרף מסחה אין גליל, האָט פאַרמאָגט ברייטע האָריזאָנטן — זיכער אַ גאָב פון דער נאַטור, אָבער מסתּמא אויך אַ רעזולטאַט פון דער דערציִונג וואָס ער האָט באַקומען פון זײַן פֿאָטער, אַ מענטש מיט אַן אײַנגעבוירענער אינטעליגענץ און אַ גרויסן לעבנס־נסיון, ווי אויך פון דער שפּעטערדיקער אַליין־דערציִונג וואָס יגאַל האָט דורכגעמאַכט אין דער ברייטער וועלט. ער איז געוועו ווײַט פון באַגרענעצטקייט, אין פּולן זינען פון וואָרט — דער אמתער אײראָפּעער. דאָס האָט מען געזען און געפילט אין זײַן באַציִונג צו מענטשן, אין זײַן אופן רעדן און דיסקוטירן.

ער איז געוועו אָריגינעל אין זײַן דענקען, האָט פאַרמאָגט אַן אַנאַלי־טישן מוח, אַ שטאַרק אַנטוויקלטן פּאָליטישן חוש, וואָס איז בײַ אים געגאַנגען געפּאָרט מיט זײַן וויזיע און זײַן שווונג. ער האָט כּסדר געלערנט און זיך פאַרפולקומט: אין אָקספאָרד, באַלד נאָך זײַן פאַרלאָזן צה״ל, האָט ער געלערנט געשיכטע און מיליטערישע טעאָריע; שפּעטער — אין אַנדערע אוניווערסיטעטן — מיזרח־וויסנשאַפטן. און נאָך דעם ווי ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, האָט ער, ווי מיניס־טער פאַר בילדונג און דערציִונג, זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע פּיאָנירישע אײַנפאַלן און דערגרייכונגען, הן אויפן געביט פון אַלגעמיינער בילדונג, הן אויפן געביט פון אוניווערסיטעטן. אויך אין די אַנדערע מיניסטעריומס וואָס ער איז געשטאַנען אין זייער שפּיץ, האָט ער אײַנגעפירט עפּעס נײַס:

נײַע אידעען, נײַע אָרגאַניזאַציע־פֿאָרמען, נײַע אײַנריכטונגען, וואָס זענען פֿאַרבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. מיר האָבן שוין דערמאָנט דאָס קליטה־מיניסטעריום, וואָס ער האָט אײַנגעאָרדנט און מיט וועלכן ער האָט זיך באַמיט באמת צו אינטעגרירן דעם נײַעם עולה, פֿאַרשפּאָרנדיק אים די ביוראָקראַטישע ווייען, ווײַל ער האָט דעם עולה באַטראַכט ווי אַ מענטש, ווי אַ ברודער און נישט ווי אַן אָביעקט און האָט אויך אָפּגעשאַצט די ערשטראַנגיקע וויכטיקייט פֿון עליה און קליטה פֿאַר דער מדינה. ווי אַן אַרבעט־מיניסטער, האָט ער זיך באַמיט צו דערהייבן דעם אַרבעטסמענטש און פֿאַרזיכערן אים זײַן צוקונפֿט. ער האָט געבראַכט פֿאַר דער כּנסת דאָס געזעץ פֿון אַרבעט־געריכט, וואָס פֿאַרזיכערט אַ באַזונדערע געריכטלעכע באַהאַנדלונג פֿאַר ענינים פֿון אַרבעט. ווי אַן אויסערן־מיניסטער, האָט ער זײַן מיניסטעריום אַ היפּש ביסל מאָדערניזירט און אויף דעם פּאָסטן האָט ער אַ סך צוגעטראָגן צו דערגרייכן די דערוואַײליקע אָפּמאַכן מיט מצרים, וועלכע האָבן געפֿלאַסטערט דעם וועג צום שלום־פּראָצעס מיט אונדזער גרעסטן אַראַבישן שכן.

✶

איינע פֿון זײַנע גרויסע וויזיעס איז געווען און פֿאַרבליבן דער שלום מיט אונדזערע אַראַבישע שכנים און געשטרעבט צו אים האָט דווקא ער, וואָס האָט מיט די אַ שכנים געפֿירט אַזעלכע פֿאַרביטערטע קאַמפֿן אויף די שלאַכטפֿעלדער. ער האָט אָבער געוווּסט אַז דער שלום איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגן און קאָמפּליצירטן פּראָצעס, וואָס מען דאַרף כאַוועון מיט גרויס התמדה. קיינער ווייס נישט אויף זיכער ווען און ווי אַזוי מיר וועלן דעם פֿולן שלום דערגרייכן. מ׳טאָר זיך אָבער פֿון אים בשום־אופֿן נישט מיאש זײַן — האָט יגאל געהאַלטן. „דער שלום — האָט ער געזאָגט — פֿאַרלאַנגט מחשבה, פֿאַנטאַזיע, פּלאַנירונג, דרײַסטקייט און אָנשטרענגונ־גען, נישט ווינציקער ווי עס פֿאָדערט די מלחמה. פּונקט אַזוי ווי ס׳איז פֿאַראַן אַן אינעווייניקסטע דינאַמיק פֿון שינאה און מלחמה, איז אויך פֿאַראַן אַן אינעווייניקסטע דינאַמיק פֿון צוזאַמענרעדן זיך און פֿון שלום״.

אין דער אמתן האָבן די אַראַבער, די ישׂראלדיקע, ווי אויך די מחוץ

ישׂראל, נישט געהאַט קיין בעסערן פֿרײַנד ווי יגאַל אַלון. אַ סך פֿון די ישׂראל־אַראַבער האָבן עס געפֿילט און עס אויסגעדריקט בײַ זײַן לעבן און נאָך זײַן טויט. אַ סך פֿון זיי זענען געקומען צו די יערלעכע טרעפֿונגען וואָס ער האָט אײַנגעאָרדנט פֿאַר יידיש־אַראַבישער פֿרײַנדשאַפֿט אין זײַן קיבוץ גינוסר און וואָס האָבן געדאַרפֿט דעמאָנסטרירן אַז דער איינציקער אויסוועג פֿאַרביידע פֿעלקער איז אַן אמתע קאָעקסיסטענץ, באַזירט אויף קעגנזײַטיקן כּבֿוד, אויף דירעקטע קאָנטאַקטן און צונויפֿרעדן זיך.

יגאַלס שטרעבונג צו שלום איז אָבער געווען אויפֿן ענגסטן אופֿן פֿאַרבונדן מיט זײַן שטרעבונג צו גאַראַנטירן ישׂראלס זיכערקייט און דאָס האָט אים געבראַכט צו זײַן פּלאַן, דעם אַלון־פּלאַן, וואָס כאָטש ער איז אָפֿיציעל נישט אָנגענומען געוואָרן, האָט ער דאָך געדינט דער מערך־רעגירונג און איר פּאָליטיק בײַם באַפֿעלקערן באַשטימטע פּונקטן אין ירדן־טאָל. ער אַליין האָט ביז זײַן לעצטן טאָג געגלייבט אַז זײַן פּלאַן וועט דינען ווי אַ באַזע פֿאַר אַ צוזאַמענרייד מיט די פּאַלעסטינער און מיט דעם ירדן־קיניגרײַך. און עס קאָן זײַן אַז דער פּלאַן וועט נאָך דינען ווי אַ באַזע און אויסגאַנגפּונקט בײַ אַ שפּעטערדיקן משׂא־ומתּן וועגן אַן אויס־גלײַך אינעם ישׂראל־אַראַבישן קאָנפֿליקט.

ער האָט עקשנותדיק געקעמפֿט פֿאַר זײַנע פּרינציפּן, פֿאַר די אמתן אין וועלכע ער, דער מענטש פֿון אמת, האָט טיף געגלייבט. ער האָט אָבער זײַן קאַמף פֿאַרן אמת און פֿאַר זײַנע פּרינציפּן תּמיד געפֿירט מיט ריינע מיטלען און געוויכט פֿון וועגן וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זײַן פּסול.

ער איז געשטאַנען די לעצטע חדשים אין מיטן פֿון אַ שאַרפֿן, אידעיִשן געראַנגל און האָט נאָך געהאַט פֿאַר זיך אַזוי פֿיל פּלענער און אויפֿגאַבן וואָס ער האָט זיך געגרייט דורכצופֿירן. אָבער זײַן האַרץ, זײַן איידל און אָנגעווייטיקט האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן און ער איז אַוועקגעפֿאַלן ממש אויפֿן פּאָסטן.

שלמה שווייצער

א

כ׳האָב דערזען די ליכטיקע שײַן אין אָקטאָבער 1918 אין אַ קלײנעם דאָרף פון ערדאַרבעטערס — כּפר־תּבור, צופוסנס פונעם באַרג, אויף זײַן זײַער שײנער מיזרח־זײַט. פריִער איז דאָ געװען אַן אַראַביש דאָרף. אײגנטלעך, אַ חורבה מער װי אַ דאָרף, און האָט געהײסן מסחה. אָט דער נאָמען האָט זיך אויך צוגעקלעפּט צו מײַן געבורטדאָרף. דאָס באַקאַנטע ליד פון חיים חפר: „כּך נראה הרחוב במסחה״, װאָס טראָגט דעם נאָמען פון מײַן דאָרף, װעקט בײַ מיר אויף אַ האַרציק געפיל יעדער מאָל װען כ׳הער עס.

אין מײַן קינדהײט האָט כּפר־תּבור געצײלט אַן ערך פינף און דרײַסיק פּויערים־משפחות, אַ טײל פון זײ דער צװײטער דור אין לאַנד, דערצויגן אין ראָש־פּינה און זכרון־יעקב. צו זײ זענען צוגעקומען עטלעכע משפחות, בעל־מלאָכות, לערערס, אײן נישט־דיפּלאָמירטער אַפּטײקער און אײן דאָקטער. דאָס רוב פּויערים האָבן געשטאַמט פון רומעניע, אַ קלענערע טײל — פון רוסלאַנד און פון פּוילן, אײן משפּחה פון תּימן און אײנע פון בבל. עטלעכע פון די משפחות װאָס זענען געקומען פון רוסלאַנד זענען באַשטאַנען פון גרים. מײַן פאָטער, װאָס האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד, האָט מיט אָט די גרים אײַנגעשטעלט זײער ענגע פרײַנדשאַפטלעכע און אַרבעט־פאַרבינדונגען.

די פּויערים־משפחות זענען בדרך־כּלל געװען געבענטשט מיט אַ סך קינדער. אַזױ אויך אונדזער משפחה. בײַ מײַנע עלטערן זענען געבוירן געװאָרן נײַן קינדער: זעקס זין און דרײַ טעכטער. דרײַ פון די קינדער — צװײ טעכטער און אַ זון — זענען אַװעק פון דער װעלט יונגערהײט, אײדער איך, דער בן־זקונים, בין געבוירן געװאָרן. מיר זענען אַזױ אַרום פאַרבליבן פינף ברידער און אײן־אײנציקע שװעסטער — אײן־אײנציק אין אַלע הינזיכטן

— דבורה. דער אונטערשייד אין עלטער צווישן משהן, דעם עלטסטן ברודער, און מיר איז דרײַ און צוואַנציק יאָר.

ב

כפר־תּבור ליגט אויף אַ שיידוועג אין צענטער פון הויכלאַנד פונעם אונטערשטן גליל, אין מײַן יוגנט איז קיין איינער פון אָט די וועגן נישט געווען געפּלאַסטערט, פּאַקטיש זענען עס געווען ענגע זאַמדוועגן וואָס האָבן זיך צעצווײַגט אין אַלע זײַטן. געפאָרן איז מען אויף פערד, מוילאייזלען און אייזלען ווי אויך אויף וואָגנס געשפּאַנטע מיט אָקסן און מוילאייזלען. זומער פלעגן קומען, כאָטש גאַנץ זעלטן, אין אונדזער דאָרף אַרײַן לאַסטאויטאָס. זייער דער־שײַנען איז פאַר אונדז געווען אַ יום־טוב און מיר, קינדער, פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַרום דעם מאָטאָריזירטן וואָגן, אַרומקוקן אים פון אַלע זײַטן און באַוווּנדערן די נײַע פלאַימדיקע וועלט וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן. אין טעג פון שטאַרקע רעגנס, פון שווערער זומפּיקער בלאָטע האָט זיך אונדזער דאָרף, אַזוי ווי געפונען אין אַ לענגערער באַלאַגערונג. מיט דער צײַט האָט זיך דער מצב פאַרבעסערט מיטן אויספּלאַסטערן דעם שאָסיי, וואָס איז דערגאַנגען צו עפולה און שפּעטער — אויך צום כביש נצרת—טבריה.

ווען עמעצער פון דאָרף האָט געוואָלט פאָרן אין שטאָט אַרײַן, האָט אים איינער פון דער משפּחה געפירט אין אַ וואָגן ביז עפולה און פון דאָרט איז ער געפאָרן מיט דער באַוווסטער שלעפּבאַן פונעם עמק, וואָס איז געווען אַן אָפּשניט פון דער ליניע באַדזשאַז — חיפה. ווען ער איז אָנגעקומען קיין חיפה, זענען פאַר אים געשטאַ־נען אָפן אַלע קאָמוניקאַציע־וועגן פון יענע טעג, וואָס אויך זיי זענען געווען שטאַרק באַגרענעצט אין זייערע מעגלעכקייטן.

אונדזער דאָרף איז פאַרהעלטענישמעסיק געווען אָפּגעזונ־

דערט, די נאָנטסטע קאָלאָניע איז געווען סעדזשעראַ; אַן ערך אַכט קילאָמעטערס צפון־זייט און צען קילאָמעטערס מיזרח־זייט איז געלעגן יבניאל. צו זיי זענען נאָך צוגעקומען צוויי קליינע קרייַזשטעט: טבריה מיט איר געמישטער באַפעלקערונג, אַן ערך פינף און צוואַנציק קילאָמעטערס מיזרח צו און די יידישע עפולה — אַן ערך אַכצן קילאָמעטערס מערב צו. נצרת, אויסער דעם וואָס זי איז געווען דער הויפטמאַרק פון גליל, האָט נאָך געדינט ווי דער אַדמיניסטראַטיווער קרייַזצענטער. אָבער נצרת, די פרעמדע און טייל מאָל אויך די פייַנטלעכע, איז געווען ריין פון יידן. צווישן כפר־תבור און די דאָזיקע יישובים האָבן זיך געפונען אַראַבישע דערפער און בעדויִנער־געצעלטן, וואָס האָבן מערסטנס אָנגעהאַלטן נאָרמאַלע שכנות־באַציִונגען מיט כפר־תבור, כאָטש דאָס האָט נישט געשטערט אַ סך פון זיי צו לקחנען פון די ביימער און פון די פעלדער פון דער קאָלאָניע, אַ מאָל אויך אַ בעל־חי פון די הייף אין דאָרף. אין צייַטן ווען די לאַגע איז געווען אַ געשפּאַנטע, איז דאָס פאָרן איבער די וועגן אָדער דאָס אַרבעטן אין ווייַטע פעלדער געווען ממש פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות.

ג

די ענינים פון פערזענלעכער און קאָלעקטיווער זיכערקייט האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויף אונדזער גאַנצן לעבנס־שטייגער. די פויערים פלעגן אַרויסגיין צו דער אַרבעט מיט געווער אין דער האַנט, אַ מאָל פלעגן עס זייַן יאַגדביקסן געהאַלטענע מיט אַ דער־לויבעניש, אַ מאָל רעוואָלווערן אומגעזעצלעכע, גוט באַהאַלטענע אונטער די קליידער. די קאָלאָניע אַליין איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטיינערנער מויער מיט פענצטערלעך דורך וועלכע מ׳האָט געקענט שיסן שטייענדיק און קניִענדיק. די מויער איז געשאַפן געוואָרן דורכן פאַראייניקן די אויסערלעכע ווענט פון די געבייַדעס

פון דאָרף. מיט דער צײַט האָט מען פּאַר זיי אויפגעשטעלט אויף אַ מרחק פון צוואַנציק מעטער אַ פּאַרקאַן פון שטעכדראָט און נאָנט פון אים אויסגעגאָסענע און אײַנגעגראָבענע פּאַרפּאָסטנס.

אַן אַנגעזעענער טייל פון די שמועסן אין מײַן פּאָטערס הויז איז געפירט געוואָרן אַרום זיכערקייט־ענינים. מײַן פּאָטער האָט געקענט זייער שיין דערציילן און ער פלעג עס טאָן שילדערנדיק זײַנע איבערלעבענישן אין דער אַרבעט און אין דער שמירה אויף זײַנע פאַרשיידענע לעבנס־סטאַנציעס אין לאַנד; אין ראָשון־לציון, אין ראָש־פּינה, אין מחניים, אין כּפר־תּבור ווי אויך אין טערקישן מיליטער, וווּ ער האָט געדינט ווי אַ סערזשאַנט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ס'האָבן מיך באַצויבערט די דערציי־לונגען וועגן מײַן ברודער משה, דעם בכור, דעם מאַן פון דער גרויסער וועלט, וואָס האָט געדינט ווי אַן אָפיציר אין אָטאָמאַנישן מיליטער; וועגן מײַן ברודער מרדכי (נומער 2), וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס מוט און געוואַגטקייט בעת ער איז געווען איינער פון די ערשטע שומרים אויף די פעלדער פון כּפר־תּבור. אָבער די דערציילונג וואָס האָט מיך צום מערסטן גערירט איז פאַרבונדן מיט מײַן ברודער צבי (נומער 3), וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין בויך אין אַ שלאַכט מיט אַ באַנדע רויבערס פון עבר־הירדן, וועלכע האָט אין 1920 צוגערויבט די סטאַדע קי פון אונדזער דאָרף. דאָס שילדערן ווי אַזוי צבי און זײַנע חברים פון דער קאָלאָניע איז געלונגען צו פאַרשטעלן דעם וועג פון די רויבערס, זיי זאָלן זיך נישט קענען צוריקציִען קיין עבר־הירדן, די פײַער־אויסטוישן און דאָס אָנפאַלן אויף זיי — דאָס אַלץ האָט צעפלאַקערט מײַן פאַנטאַזיע. אין דעם דאָזיקן געיעג איז דערהרגעט געוואָרן איינער פון דער קאָלאָניע, משה קלע־מענטאָווסקי, אונדזערער אַ קרוב. אַנדערע צוויי — מײַן ברודער און נחמן קרניאל — זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן; זיי זענען אָבער געזונט געוואָרן. וועגן מײַן ברודער האָט מען דערציילט אַז נאָך דעם ווי ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער שלאַכט, האָט

ער געבעטן דעם טשערקעסישן זשאַנדאַרם, וואָס איז אָנגעריטן אויפֿן אָרט פֿונעם צוזאַמענשטויס, ער זאָל אים אויסלייַען זייַן פֿערד. דער היטער פֿון געזעץ האָט אָפּגעזאָגט און מייַן ברודער איז פֿאַרבליבן בלויז די ברירה אים אַראָפּצונידערן מיט כּוח פֿונעם פֿערד. אַן אויסגעשעפּטער און פֿאַרלירנדיק בלוט האָט צבי אונטער־געיאָגט דאָס פֿערד — און אַזוי רייַטנדיק האָט ער אַרייַנגעכאַפּט אַ צווייטע קויל אין זייַט — ביז ער האָט דערגרייכט די אַפּטייק (דער באַגריף קליניק איז נאָך אין יענע צייַטן נישט געווען באַקאַנט).

פֿערזענלעך געדענק איך, פֿאַרשטייט זיך, נישט דאָס געשעע־ניש. כ׳בין דעמאָלט אַלט געווען צוויי יאָר. אָבער די דערציילונג האָט זיך אַזוי אייַנגעקריצט אין מייַן זכּרון אַז כ׳האָב אָנגעהויבן גלייבן אַז כ׳בין אַליין געווען אַן עד־ראיה דערפֿון. געווען איז עס אַ שבת, ווען דאָס דאַרף האָט זיך געקליבן צו פֿייַערן דעם טאָג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. „די קאָלאָניע״ — האָט אַ צייַט שפּעטער געשריבן מייַן שוועסטער — „איז באַצירט געוואָרן מיט גרינס און מיט פֿענער. די מיידלעך זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייַסע קליידער, אַרומגענומען מיט בלויע בענדער. אַ בלויער באַנד האָט אויך אַרומגענומען די ווייַסע העמדער פֿון די בחורים״. אַזוי פֿיל מאָל האָב איך געהערט דערציילן דאָס דאָזיקע געשעעניש אַז עס דאַכט זיך מיר טייל מאָל אויס, אַז כ׳הער די געשרייען וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין גאַס: „די סטאַדע איז אַוועקגעריבט גע־וואָרן!״ צבי איז אַרייַנגעשפּרונגען אין שטוב אַרייַן, געכאַפּט די שווערע דייַטשישע ביקס וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט און איז אַרויסגעלאָפֿן מיזרח צו צוזאַמען מיט זייַנע חברים. אויך דער פֿאָטער האָט אַרויסגעצויגן דעם בראַונינג־רעוואָלווער פֿון דער טיפֿעניש פֿונעם קליידער־קופֿערט וואָס אין ווינקל פֿונעם צימער (קיין קליידערשאַנק האָבן מיר נישט געהאַט) און איז געלאָפֿן, צוזאַמען מיט זייַנע שכנים, די פּויערים, צום צפֿון־אַרייַנגאַנג פֿון דער קאָלאָניע, אייַנצוהאַלטן די בעדויִנער, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער מפּלה פֿון די ייִדן, כּדי זיך אַרייַנצורייַסן אין דער קאָ־

לאָניע און נעמען רויבן. די מאַמע איז אַרויס פאַרן הויז און די שוועסטער, האַלטנדיק מיך אין אירע אָרעמס, איז געשטאַנען בײַם פענצטער וואָס קוקט אַרויס צו דער הויפּטגאַס. אַלע האָבן געוואַרט מיט קלאַפּנדיקע הערצער אויף בשורות פון פראָנט. פּלוצעם האָבן זיך דערהערט טריט פון אַ גאַלאָפּירנדיקן פערד און פאַרן הויז איז פאַרבײַגעריטן מײַן ברודער צבי. זײַן ווײַס העמד איז געווען רויט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער מאַמען און געשריִען: „ס'איז גאָרנישט, אי־מי!" (אין יענע צײַטן פלעגט מען אין אונדזערע געגנטן, אין גליל, נישט זאָגן „אמא" אָדער „אבא", נאָר „אי־מי" און „א־בי" מיטן טראָפּ אויף אויבן). די מאַמע האָט געחלשט און מײַן שוועסטער, די צען־יאָריקע, האָט מיט דער הילף פון די גוטע שכנטעס, זי אָפּגעמינטערט.

צבי, וואָס איז אַזוי געריטן דרײַ קילאָמעטערס, האָט פאַרלוירן אַ סך בלוט. עטלעכע וואָכן איז ער אָפּגעלעגן אין דער אַפּטייק און, ווען ער איז אַרויס פון געפאַר, איז ער איבערגעפירט געוואָרן אַהיים אויף ווײַטערדיקער באַהאַנדלונג. ווען ער איז אַ ביסל צו זיך געקומען, האָט מען אים געקענט אַריבערפירן אין שפּיטאָל אַרײַן. ערשט אַ יאָר שפּעטער איז ער געזונט געוואָרן און האָט געקענט צוריקגיין צו דער אַרבעט אין דאָרף.

ווי געזאָגט, האָט דאָס דאָרף געהאַט איין דערהרגעטן און צוויי שווער פאַרוווּנדעטע.

„אויף מאָרגן נאָכן רויבאָנפאַל — האָט דער פאָטער שפּעטער דערציילט, האָט זיך די אַראַבער פון דער סביבה פאַרגלוסט אַדורכ־צופאָרן דורך דער קאָלאָניע מיט אַ ,פאַנטאַזיע', מיט שיסערײַען, מיט גערויש און מיט געזאַנג. מײַן הויז האָט זיך געפונען בײַם עק פון דער קאָלאָניע און אין גאַס האָט מען דעמאָלט קיין לעבעדיקן מענטשן נישט געזען. כ'בין אַרויס איינער אַליין צו די פאַראַדע־מאַכערס און גערעדט מיט זיי האַרבע רייד: איר ווייסט וואָס נעכטן איז געשען, אַז ס'זענען פאַראַן בײַ אונדז פאַרוווּנדעטע און דערהרגעטע? איר האָט זיך נישט געאײַלט צו קומען אונדז צו

הילף, און איצט קומט איר נאָך צוגעבן שלעכטס. די פאַרוווּנדעטע און די פרויען וועלן נישט פאַרטראָגן קיין טומל און קיין מהומה און איך וועל אײַך נישט לאָזן אַדורכרײַסן די גאַס פון דער קאָלאָניע און דער וואָס וועט זיך דורכרײַסן דער ערשטער וועט באַקומען אַ קויל. ס׳זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געטענהט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער וועג אַדורכצוגיין און געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן זיך געקלאָגט: איין איינציקער ייִד וויל אײַנהאַלטן אַ מחנה מוסולמענער... זענען דעמאָלט אַרויס שייכן וואָס האָבן מיך געקענט און זיי האָבן געזאָגט צו די אונטערהעצערס: לאָמיר זוכן אַן אַנדער וועג, ווײַל אָט דער ייִד איז אַ מאָסקאָוו... און זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן״.

ד

פון צײַט צו צײַט פלעגן אַרײַנקומען צו אונדז די לעגענדאַרע מענטשן פון „השומר״ און אויך פון זיי פלעגן מיר הערן באַגײַס־טערנדיקע דערציילונגען וועגן זייערע וווּנדערלעכע איבערלע־בענישן. גאַנץ באַזונדערס פלעג איך פאַרכאַפּט ווערן דורך דעם שומר יגאל, דעם גיבור פון דער ערשטער מרחביה, אונדזערער אַ קרוב, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַן אויסגעצייכנטער רײַטער און אַ פּרעכטיקער דערציילער. ווי ס׳איז אָנגענומען אין דער וועלט פון ווײַטע דערינערונגען, ווערט אין איר דאָס פריִערדיקע אויס־געמישט מיטן שפּעטערדיקן. בײַ מיר איז עס ספּעציעל דער פאַל מיט דעם אַלעם וואָס איז זיך פאַרלאָפן אָדער וואָס כ׳האָב זיך וועגן דעם אָנגעהערט אין מײַנע קינדער־יאָרן, דאָס שטאַרקע אידענטיפיצירן זיך מיט די דערציילונגען פונעם משפחה־„שבט״ האָט זיי געמאַכט פאַר אַ טייל פון מײַן אייגענעם „איך״. אַזאַ איז די שיינע דערציילונג וועגן מײַן טאַטנס מיליטער־דינסט אין דער טערקישער אַרמיי. די דערציילונג איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש

פאַר זײַן פּערזענלעכקייט און זי ווערט געבראַכט דורך מײַן ברודער אליאב אין זײַן ביכעלע: „מסכת של בזלת" („די פּרשה פון באַזאַלט"). אליאב דערציילט זי אין נאָמען פון אַ פּויער פון סעדזשעראַ, הער עבב, וואָס האָט אויך געדינט אין טערקישן מיליטער:

„די טערקן האָבן פאַרלאַנגט אַז די אַרבעט בײַם פלאַסטערן די שאָסייען זאָל צוגעאײַלט ווערן און זיי האָבן נישט מותּר געווען אויף די יום־טובים־טעג פון ראָש־השנה און יום־כּיפּור. אַלע שתּדלנותן פון די עסקנים אין באר־שבע בטל צו מאַכן די גזירה האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. דער פאָטער האָט באַשלאָסן צו האַנדלען על דעת עצמו און האָט געמאָלדן זײַנע ייִדישע חברים, אַז יום־כּיפּור וועלן אַלע ייִדן, וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַגער, קראַנק ווערן און וועלן, אויף זײַן אַחריות, נישט אַרויס־גיין צו דער אַרבעט. דער פאָטער איז נישט געווען קיין רעליגיעזער מענטש אינעם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט, כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער קענער, אַ דאַנק זײַן לערנען אין חדר און אין דער ישיבה אין חוץ־לאָרץ, אָבער אַ שטאַרק נאַציאָנאַל געפיל האָט געקלאַפּט אין אים און דרײַסטקייט האָט ער פאַרמאָגט אַ סך.

„ווען דער באַפעלמעכטיקטער אָפיציר האָט זיך דערוווּסט, אַז צוליב דער שולד פון פאָטער זענען די ייִדן יום־כּיפּור נישט דערשינען צו דער אַרבעט, האָט ער אַרײַנגערופן זײַן קאָמאַנדיר אין לאַגער אַרײַן און דער פאָטער איז באַפוילן געוואָרן צו קומען אין געצעלט כּדי געשטעלט צו ווערן פאַר אַ מישפּט. דער קאָמאַנ־דיר האָט אין דער זאַך געזען אַ בונט קעגן דער מאַכט און האָט זייער האַרב אַ פרעג געטאָן דעם פאָטער, — וואָס ער האָט צו זאָגן צו זײַן פאַרטיידיקונג. דער פאָטער האָט זיך באַהערשט, איז געשטאַנען פאַר זײַן קאָמאַנדיר מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און האָט נישט אַראָפּגעלאָזן זײַנע בלויע אויפגעבראַכטע אויגן, אַרויס־זאָגנדיק אָן מורא זײַנע ווערטער: מײַן קאָמענדאַנט! דו ביסט דאָך אַליין, ווי ס'איז מיר באַקאַנט, אַ פרומער מוסולמענער. צי וואָלסטו

מסכּים געווען צו אַרבעטן שווערע אַרבעט אין מידבר אין אַ טאָג וואָס איז אַ הייליקער יום־טוב פאַר דײַן אמונה? פאַר אונדז, ייִדן, איז יום־כּיפּור אַ הייליקער טאָג און יעדער איינער פון אונדז איז גרייט זיך מוסר־נפש צו זײַן אויף קידוש־השם און דעם טאָג נישט פאַרשוועכן. איך בין זיך מודה, אַז איך טראָג די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דעם וואָס איז געשען און אויב דו וועסט געפינען פאַר ריכטיק מיך צו באַשטראָפן, טו עס און זאָלסט נישט טאָן קיין שלעכטס מײַנע חברים. אָבער איידער דו טראָגסט אַרויס אַן אורטייל, ווענד איך זיך צו דײַן פּערזענלעכן רעליגיעזן געוויסן, ווײַל דאָס וואָס כ׳האָב געטאָן איז געווען אַ ריכטיקע זאַך!״

דעם פּאָטערס רייד און זײַן מוטיקע האַלטונג, זײַנען נישט דער־נידעריקן זיך האָבן געווירקט אויפן אָפיציר. אַ שעה שפּעטער איז דער פּאָטער פון דאָס נײַ געבראַכט געוואָרן פאַרן קאָמאַנדיר און ער האָט צו אים געזאָגט: „פאַר דעם וואָס דו האָסט געטאָן קומט דיר טויטשטראָף דורך שיסן, אָבער איך רעכן זיך מיט דײַן פּער־זענלעכקייט און פאַרגיב דיר דאָס מאָל״.

אַן אַנדער דערציילונג, וואָס כ׳האָב תּמיד ליב געהאַט צו הערן אויף ס׳נײַ, איז פאַרבונדן מיט אַן אַוואַנטורע אין וועלכער ס׳האָבן אָנטייל גענומען דער פּאָטער, משה און מרדכי. געווען איז עס אין די מלחמה־טעג, אין האַרבסט 1917. דעם פּאָטערס באַטאַליאָן האָט געלאַגערט אין אודושאַ אַל־כאַפּיר אויף דער גרענעץ פון סיני. משה האָט געדינט אין זײַן שטאַב, אין ירושלים, מרדכי איז קעגן זײַן ווילן מאָביליזירט געוואָרן און האָט באַקומען אַ באַפעל אַראָפּצונידערן קיין באר־שבע מיט אַ וואָגן געשפּאַנט אין צוויי מוילאייזלען. די לאַסט אָנצופירן מיט אונדזער באַלע־באַטישקייט איז געפאַלן אויף דער מאַמען, אויף צבי און אויף אליאבן. ס׳איז נאַטירלעך, אַז דער פּאָטער האָט זיך שטאַרק גע־זאָרגט וועגן דעם גורל פון דער באַלעבאַטישקייט... אָבער נישט די דאָזיקע זאָרג, נאָר די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז שוין געהאַט דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט, האָט אים באַוויגן זיך

אַרײַנצולאָזן אין דער געפּערלעכער אַוואַנטורע זיך צו באַפרײַען, דאָס הייסט דעזערטירן.

די דעקלאַראַציע האָט באַגײַסטערט מײַן פֿאָטער און אָנגעצונדן אין אים אַ האָפֿענונג, אַז אָט־אָט קומען אָן די טעג פֿון נאַציאָנאַלער באַפרײַונג. האָט ער שוין מער נישט געזען קיין זינען צו דינען אין די שורות פֿונעם טערקישן מיליטער, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן דער גרויסער זיגנדיקער און פרײַנדשאַפֿטלעכער גרויס־בריטאַניע. צו דער זעלבער מסקנה איז אויך דערגאַנגען משה. אין איינעם אַ טאָג איז אים, אויפֿן דינסטלעכן וועג באַוווּסט געוואָרן וועגן אַ פּלאַן אָפּצושיקן דעם באַטאַליאָן פֿון מײַן פֿאָטער אין די טיפֿענישן פֿון סיני צו אַ שלאַכט מיט די ענגלענדער. האָט משה אויף דער שנעל געגעבן צו וויסן מרדכין, ער זאָל אין אַ באַשטימטער צײַט אַוועקפֿאָרן מיט זײַן וואָגן אין דער ריכטונג פֿון אודזשאַ אַל־כאַפּיר. ער אַליין האָט גענומען אורלויב און איז אין אַ שנעלן טעמפּאָ אַוועקגעריטן אויף זײַן פֿערד צו אודזשאַ דורך די חברון־בערג און באר־שבע. זײַן פּלאַן איז געווען אַרויסצוראַטעווען דעם פֿאָטער און מרדכין פֿון די טערקן, וואָס זייער מפּלה איז שוין געווען פֿאַרויסצוזען. אַ דאַנק משהס פֿאַרבינדונגען מיטן דײַטשישן קאָמענדאַנט איז דער פֿאָטער באַשטימט געוואָרן ווי דער פּערזענלעכער באַדינער פֿונעם יונגן אָפֿיציר, דאָס הייסט פֿון זײַן זון. דערווײַל איז מרדכי אָנגעקומען אויפֿן באַשטימטן אָרט. אין מיטן דער נאַכט איז דער פֿאָטער אַרויף אויפֿן וואָגן. ביידע האָבן זיך געלאָזט צו צפֿון־צו — צו כפֿר־תּבֿור — און משה איז צוריקגעפֿאָרן אין זײַן שטאַב אין ירושלים. אַ יאָר שפּעטער בין איך געבוירן געוואָרן. זעט אויס, אַז איך פֿאַרדאַנק, ווי עס איז, מײַן געבוירן ווערן דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע.

משה איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו די ענגלענדער און איז אָפּגעזעסן אַ צוויי יאָר אין געפֿאַנגען־לאַגער אין מצרים. דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט ענגליש, אויסער אַראַביש, פֿראַנצייזיש, דײַטש און טערקיש, וואָס ער האָט שוין געקענט. דאָס

זענען, מיט איין וואָרט, דערציילונגען וועגן אַוואַנטורעס און העל־דישקייטן, דערציילט דורך מענטשן וואָס זענען דיר זייער נאָענט און וואָס קיין נענטערע פון זיי פאַרמאָגסטו נישט.

די העלדן פון די דאָזיקע דערציילונגען זענען, ווי געזאָגט, געווען מיטגלידער פון אונדזער משפּחה אָדער אַרײַנגייערס אין אונדזער הויז. די פראַגע פון פאַרטיידיקן דאָס לעבן איז נישט געווען קיין אַבסטראַקטע, נאָר אַ קאָנקרעטע און אַ טאָג־טעגלעכע. דאָס באַאַרבעטן די פעלדער, למשל, דאָס איז געווען אַ שטענדיקע זיכערקייט־פּראָבלעם, וואָס מ׳האָט זי געפילט טאָג־אײַן טאָג־אויס. די דרײַ הונדערט זיבעציק דונאַם פון מײַן פאָטער זענען געווען אײַנגעטיילט אין עטלעכע טיילן און זענען געווען צעשפּרייט ביז אַ פינף קילאָמעטער ווײַט פון דער קאָלאָניע. דאָס פאָרן צו דער אַרבעט אויפן וואָגן פאַרטאָגס, דאָס פאַרבלײַבן אין די אָפּגע־לעגענע פעלדער, מערסטנס איינער אַליין אין משך פון אַ סך שעהען און דאָס אַהיימקומען פאַר נאַכט צו; דאָס היטן בײַ נאַכט די אָראָפּגענומענע תבואה, וואָס איז נאָך נישט אײַנגעזאַמלט געוואָרן אויפן שפּײַער אָדער אין ווײַנגאָרטן; דאָס זעלבע די שמירה, לויט דער ריי, אין דער קאָלאָניע גופא אויסער דער מויער, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער פאַרשטאַרקטער גרייט־קייט אין אַ צײַט פון שפּאַנונג — דאָס אַלץ האָט מיך באַגלייט פון מײַן פריסטער יוגנט און האָט אין מיר און אין אונדז אַלע איבערגעלאָזט אַ טיפן חותם.

ה

„דער וואָס וויל זיך פאָרשטעלן דעם צויבער פון די דאָזיקע ערטער, דאַרף זיי זיך אויסמאָלן מיט אַ טאָפּאָגראַפישער פּינקט־לעכקייט", האָט געשריבן קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי אין זײַן בוך „די ווײַטע יאָרן".

כפר־תבור איז טאַקע געבענטשט מיט אַ באַצויבערנדיקן פּייזאַזש, מיט אַ רײַכער פלאָרע, מיט ווילדע בעלי־חיים און מיט פאַרשיידנאַרטיקע געפליגל. אין צענטער פונעם פּייזאַזש סטאַרטשעט אַרויס — ווי אַ ריזן־קופּאָל — דער תבור. אַ שיינער באַרג, דער שענסטער פון די בערג וואָס כ׳האָב ווען עס איז געזען. „אפשר זענען דאָ שענערע פון אים, אָבער אַזאַ ווי ער איז נישטאָ״, אויב ס׳איז מיר דערלויבט צו פאַראַפראַזירן אַ שורה פון אַלטערמאַנס אַ ליד. אַזוי זעט ער אויך אויס אין מײַנע אויגן הײַנט, ווי ער וואָלט געווען אַליין, צווישן די בערג אַרום אים: אַן איינזאַמער, אַ פעסטער און אַ ברייטפּלייציקער, מיט זײַנע אייגנאַרטיקע שטריכן און מיט אַ וווּנדערלעך שיינער הימל־ליניע. צופוסנס צו אים שפּרייטן זיך אויס ווי טונקעלע טעפּעכער ברייטע און זייער פּרוכטיקע פאַסן ערד.

דער באַרג פאַרמאָגט אַ פאַרשיידנאַרטיק און קאָלירפול געוויקס: דעמבעס, אייכנביימער, בעריאָזעס, סאָסנעס, ווילדפלוים־ביימער, ער איז רײַך מיט זײַנע לאַנדשאַפטן און פאַרבן, וואָס בײַטן זיך מיטן ליכט פון טאָג און מיט די סעזאָנען פון יאָר. גאָר אין דער הייך שטייען קירך־בנינים וואָס פאַסן זיך גוט אַרײַן אין דער נאַטירלעכער „אַרכיטעקטור״ פונעם פּייזאַזש, כאָטש זיי פלעגן, וואָס אַן אמת, וואַרפן אויף מיר אַ פרעמדקייט יעדער מאָל ווען כ׳פלעג דערגרייכן דעם ברייטן באַרגשפּיץ.

קומענדיק צום באַרג און אַרומוואַנדערנדיק אין די קלויסטערס וואָס געפינען זיך אויבן, האָב איך געפילט ווי כ׳וואָלט געקומען אין אַן אַנדער לאַנד.

אויך דעמאָלט ווען כ׳האָב געלערנט אין דער „כדורי״־שול, פלעגן מיר קריכן אויפן באַרג, בחברותא, אָפּטרעטן אין דער קירך און שפּאַצירן דורכן שמאָלן שטיינערנעם דורכגאַנג צווישן ביידע הויפּטהויפן, טייל מאָל פלעג איך אָנטרעפן אַ שיינע מאַנאַשקע און די דאָזיקע קאָמבינאַציע פון שיינקייט און צניעות האָט געשטערט די רו. טייל מאָל פלעגן זיך אונדזערע בליקן קרייצן,

זיי פלעגן זיך אָבער אויך שנעל פונאַנדערגיין. אַזאַ בליק פלעגט מיר אַ מאָל באַגלייטן עטלעכע טעג. נישט איין מאָל בין איך אַהין צוריקגעגאַנגען מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער האָפענונג אין האַרצן אָנצוטרעפן די יונגע, שיינע און בלאַסע מאַנאַשקע. איך האָב זי אָבער מער נישט געזען.

כ'האָב גאָר שטאַרק ליב געהאַט די ריחות פון מײַן געבוירן־דאָרף. די ריחות פון דער היים, פונעם הויף, דעם ריח פון די בהמות, דעם ריח פונעם מיסט און דעם ריח פון די פאַראַקערטע, אָפגעשניטענע פעלדער; דעם ריח פון די מאַנדלביימער, פון די פעלדבלומען, פון די געוויקסן און מער פון אַלץ — דעם ריח פון דער ערד נאָכן ערשטן רעגן. דער אָנגענעמער גערוך פון היי איז ביי מיר געוואָרן דער סינאָנים פאַר די ריחות פון ליבע.

עטלעכע פון די ווילדגעוויקסן האָבן אונדז געבראַכט אַ ממשותדיקן נוצן. פון די שטעכעדיקע צווײַגן פון ווילדפלוים־בוים פלעגן מיר אויפשטעלן צוימען פאַרן שײַער אָדער פאַרן גרינסגערטנדל. פון די דאָרנדיקע קוסטעס פון דער פאָטעריום־פלאַנץ פלעגן מיר מאַכן גוטע בעזעמער אויסצוקערן דעם הויף. מיר פלעגן זיך אויך מיט זיי באַנוצן צו באַדעקן די יונגע שפּראָצן פון די טאַבאַק־פלאַנצונגען. די קאַקטוספלויטן, וואָס האָבן גע־דינט ווי נאַטירלעכע באַריערעס צו באַשיצן די פלאַנטאַציעס, האָבן אונדז אין סעזאָן אויך געגעבן אַ זיסע און זאַפטיקע פרוכט. די ווילד־פּרי וואָס איז באַקאַנט מיט איר אַראַבישן נאָמען אַקוב, פלעגן מיר קאָכן מיט שעפּסנפלייש און ס'פלעגט אַרויסקומען אַ קייסערלעך מאכל. פון די גרינע מאַלוועבלעטער פלעגן מיר בײַ אונדז אין קיך צוגרייטן געריכטן וואָס זייער טעם און אַראָמאַט איז געווען אוממעגלעך צו פאַרגעסן. און ווי קען מען אויסלאָזן די שטשאַוובלעטער, וועלכע זענען געווען אַ פּיקאַנטער צוגאָב צום סאַלאַט פון גרינסן, וואָס איז געווען צוגעפּראַוועט מיט אָליוונאייל, ציטרין, זאַלץ און פעפער. זאָלן אויך דערמאָנט ווערן צום גוטן די ווייכע שטענגלעך פון ווילדן קאָפער, ווי אויך די

סינריה, דער חורפש און דער ביטערער מורר. די שטענגלער פונעם מורר פלעגן מיר אָפּרײַסן אין פעלד, מיר פלעגן זיי אָפּ־שיילן כּדי אַרויסצונעמען פון זיי זייער ביטערניש און פלעגן זיי קײַען מיט אַפּעטיט. אין די הייסע זומערטעג פלעגן מיר אָנפילן די מײַלער מיט דער פרוכט פון דעם ווילדפלוים־בוים, וואָס איז באַקאַנט מיטן אַראַבישן נאָמען דאָם, אַ פרוכט רײַך מיט איר אינהאַלט און פאַרכאַפּנדיק מיט איר ריח. לענג־אויס דעם וואַדי מידי זענען ווילד געוואַקסן די שטעכעדיקע מאַלינע־קוסטעס. זייער זוויערלעכע פרוכט איז אונדז געווען זיס אָבער נישט זעלטן פלעגט זי אונדז פאַרדאַרבן דעם מאָגן. ווי אַ דאָרפסקינד האָב איך געוווּסט אונטערצושיידן צווישן פאַרסמטע שוואָמען און אַזעלכע וואָס זענען גוט געווען צום עסן. קלײַבן שוואָמען איז געווען איינע פון מײַנע באַליבטסטע באַשעפטיקונגען און נישט ווייניקער דאָס עסן זיי — געפּרעגלטע און געקאָכטע. אַ גאַנץ באַזונדערע פּרי אין פרילינג־סעזאָן זענען געווען די מאַנדראַגאָראַס — קליינע, געל־ברוינלעכע עפּעלער, שמעקנדיקע און זייער באַטעמטע, ווען זיי זענען שוין געווען רײַף. אַ סך לעגענדעס זענען געווען פאַרבונדן מיט די מאַנדראַגאָראַס. פון די אַראַבישע פעלאַכן האָב איך נישט איין מאָל געהערט וועגן די הייל־סגולות און די ליבע־סגולות וואָס זיי פאַרמאָגן. דער פאַקט וואָס דאָס ווערט אויך דערמאָנט אין תּנך האָט בלויז געשטאַרקט אין מיר דעם צוטרוי וואָס כ'האָב געגעבן זייערע רייד. ס'איז נאַטירלעך אַז אין אונדזערע יוגנט־יאָרן זענען מיר להוט געווען נאָך די קליינע עפּעלער פון דער וווּנדער־פּרי.

היות ווי מיר האַלטן בײַם קאַפּיטל פון די מאכלים, איז דאָ דאָס אָרט צו דערציילן עפּעס וועגן דער יאַגד. כּל־זמן ס'האָט נאָך געלעבט אונדזער מוטער, וועלכע האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויפן כּשרות, האָבן מיר נישט געוואַגט צו ברענגען אַהיים קיין שום געווילד פון דער יאַגד. אַנדערש איז געווען נאָך איר טויט, ווען ווילדע האָזן, קוראָפּאַטוועס, ווילדע טויבן, שפּאַקעס און

אַ מאָל אויך אַ זײַטל סאַרנע פּלעגן געפינען דעם וועג אין אונדזער קיך אַרײַן — נישט נאָר אַראָפּגעשאָסענע מיט אַ ביקס, נאָר אויך געבאַפּטע אין פּרימיטיווע פּאַסטקעס, וואָס די שכנים האָבן אונדז אויסגעלערנט אויפצושטעלן.

ו

כ'האָב שוין דערמאָנט דעם וואַדי מידי. ס'איז כּדאַי ברייטער זיך אָפּצושטעלן אויף דעם סיסטעם פון וואַדיס (טײַכלעך וואָס פילן זיך אָן בלויז אין רעגנצײַט), וועלכע שנײַדן דורך דעם פּלאַטאָ פונעם אונטערשטן גליל פון אַלע זײַטן פון כּפר־תבור, נישט נאָר מחמת זיי זענען געווען שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּייזאַזש פון דער קאָלאָניע, נאָר ווײַל זיי זענען אומפאַרגעסלעכע אויסבליקן פון דער קינדהייט.

דרײַ עיקרדיקע וואַדיס שטראָמען ווינטערצײַט פון צפון צו דרום און איינער, דער גרעסטער, פון מערב צו מיזרח: דער ווײַטסטער, פון דער מערב־זײַט, איז וואַדי מידי, וועלכער דרענירט דאָס רעגן־וואַסער פון די מיזרחדיקע שיפועים פון די נצרת־בערג און פון הר־תבור. תמיד האָבן מיר געליטן פון מאַנגל אין וואַסער פאַר איריגאַציע און פון צײַט צו צײַט אויך אין וואַסער צום טרינקען. פּלעגן מיר דעריבער אַזוי אויפגעבראַכט ווערן, ספּעציעל אין אונדזערע קינדער־יאָרן, ווען מיר פּלעגן זען ווינטערצײַט אַזאַ שפע וואַסער שטראָמען אינעם וואַדי. נישט איין מאָל פּלעגן מיר אײַנשטעלן אונדזער געזונט און אפשר אַפילו אונדזער לעבן, ווען מיר פּלעגן אין מיטן פון רעגנטאָג אויסטאָן אונדזערע מלבושים — פאַרשטייט זיך, ווען די קאָמפּאַניע איז געווען אַ ריין בחורישע — און זיך אײַנטונקען אין קויטיקן וואַסער פונעם וואַדי, וואָס איז אויף עטלעכע טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקן שטראָם.

ביים עק פונעם וואַדי, נאָענט צו זיין קוואַל, אויפן וועג צווישן כּפר־תּבור און סעדזשערא (אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג צום היינ־טיקן קיבוץ בית־קשת), איז געשטאַנען צווישן פעלדזן, ווי ער וואָלט פון זיי אַרויסגעוואַקסן, אַן אַלטער רחבותדיקער בנין באַ־קאַנט אונטערן נאָמען סוק אַל־כּאַן, ספק אַ פעסטונג, ספק אַן אַכסניה פאַר מענטש און בהמה. אין די צייטן פון די טערקן האָט די דאָזיקע ציטאַדעל געדינט ווי אַ צווישן־סטאַנציע פאַר קאַראַ־וואַנען וואָס זענען געגאַנגען מיט קעמלען, מוילאייזלען — פון דמשק קיין ירושלים אָדער קיין יפו און צום פלאַכלאַנד אויפן וועג צו עזה און מצרים. קעגן איבער דעם כּאַן, ביי דער מערב־זייט פונעם שאָסיי, איז געשטאַנען נאָך אַן עלטערער בנין — טייל האַלטן אַז ער שטאַמט פון דער תּקופה פון בית־שני. אַ קלע־נערער, וואָס האָט בשעתו געשפּילט אַן ענלעכע ראָלע ווי דער כּאַן. זעט אויס אַז די היסטאָרישע שליאַכן האָבן זיך נישט קיין סך געביטן אין משך פון דורות. אָבער אויב אין די אַמאָליקע צייטן זענען די דאָזיקע פלעצער געווען אַ מקור פון זיכערקייט פאַר די דורכפאָרערס, זענען זיי אָבער אין אונדזערע קינדער־יאָרן געווען אַ מקור פון שרעק און פון פּחדים. אין אָט די וויסטע חורבות פון גרויע קאַלכשטיינער, וואָס זענען מיט די יאָרן שוואַרץ געוואָרן, האָבן געפונען אַ באַהעלטעניש כּנופיות און וועג־רויבערס. אַ מין סודותדיקייט, וואָס אָט ציט זי צו און אָט שטויסט זי אָפּ, האָט אַרומגענומען די געשפּאָלטענע מויערן און די אויפ־געבראָכענע וואָלטורעמס. דאָס אַריינגיין אין הויף פון דער פעס־טונג איז באַגלייט געווען דורך אַ פּאַראַדאָקס, אויב נישט דורך אַ שרעק. אָבער דער נייגער און די האָפענונג צו אַנטפּלעקן צווישן די דאָזיקע חורבות אַלטערטימלעכס און אומבאַקאַנטס און אפשר גאָר פּשוט, דער דראַנג נאָך אַוואַנטורעס, האָט מיר תּמיד גע־האָלפן גובר צו זיין מיין יינגלשע מורא.

דער ווייטסטער וואַדי פון דער מיזרח־זייט איז וואַדי שומאַר אויפן נאָמען פונעם קאָפּער (שמיר) וואָס וואַקסט אין אים בשפע.

דער דאָזיקער וואַדי איז מער אָפּגערוקט פון דער קאָלאָניע און זײַן לאַנדשאַפט איז אַ ווילדע גערדיכטעניש. פון זײַנע משופּעדיקע אַראָפּהאַנגען פלעגן מיר אויסרײַסן די שטענגלער ווילדן קאָפּער און מאַכן פון זיי דעם סכך פאַר אונדזערע סוכּות. דאָרט פלעגן מיר אויך כאַפּן קוראָפּאַטוועס און זיך נאָכיאָגן נאָך יונגע קראָ־ליקעס און הירשן. דאָס איז אויך דער וואַדי אין וועלכן ס'איז, ווי שוין דערציילט, פאַרוווּנדעט געוואָרן צבֿי. וואָס איז דעריבער דער וווּנדער וואָס כ'בין מיט אים פאַרבונדן געווען אַזוי מיס־טעריעז און וואָס יעדער מאָל, ווען כ'פלעג אַרײַנטרעטן אין זײַנע אַרײַנגאַנגען, פלעג איך אָנגעפילט ווערן מיט געפילן פון פּחד, נײַגער און גאווה. אין דער מיט, צווישן די דאָזיקע ביידע וואַדיס און פּאַראַלעל צו זיי — מיזרחדיק פון דער קאָלאָניע, — האָט זיך געצויגן מיט זײַן גאַנצער פּראַכט דער וואַדי מסחה (מעסכאַ), וואָס אין אונדזערע אויגן איז ער געווען ד ע ר וואַדי און ער איז טאַקע דער אינטערעסאַנטסער פון די דרײַ וואַדיס.

ראשית, דערפאַר וואָס אויף איינעם פון זײַנע ראַנדן זענען געשטאַנען די חורבות פון דער אַלטער מסחה, וואָס ווערט דער־מאָנט אין די מיצרישע פּאַפּירוסן מיטן נאָמען שאַבצימאַ. מיר האָבן, וואָס אַן אמת, קיין מאָל נישט באַוויזן אויפצודעקן דעם מקור פונעם נאָמען „מסחה". אַלץ וואָס מיר האָבן געוווּסט איז געווען, אַז אין די חורבות פון מסחה געפינט זיך דער קבר פון אַ מוסולמענישן הייליקן, דעם דערוויש וואָס האָט געהייסן אַל־מאַסכאַווי. דער דאָזיקער קבר איז געווען פאַרהייליקט אין די אויגן פון די אַראַבער פון גליל וואָס פלעגן קומען צו אים מאַסנ־ווײַז, כּדי זיך אויסצושפּרייטן אויף זײַנע שטיינער. צווישן די אַראַבער פון דער געגנט איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע אַז צוויי אינדינס פלעגן יעדער נאַכט קומען אויפן הייליקן קבר און דער דערוויש פלעגט זיי מעלקן און טרינקען זייער מילך, וואָס אַ דאַנק איר, האָט ער זוכה געווען צו לעבן אייביק. אינטערעסאַנט, אַז אַלע אַראַבער מיט וועלכע כ'האָב גערעדט וועגן דער לעגענדע,

האָבן אין איר באמת געגלייבט. קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט, צי דער נאָמען מסחה שטאַמט פונעם נאָמען פון דערוויש, אָדער פאַרקערט. די חורבות פון דער אַלטער מסחה זענען אויך געווען אַ כּסדרדיקער מקור פון שערבלער, אַלטע מטבעות און אַנדערע קלייניקייטן, שטומע באַווײַזן פון אַ לעבן וואָס איז דאָ אַנגעגאַנגען אין אוראַלטע צײַטן. דאָרט געפינען זיך אויך די טונקעלע און געהיימענישפולע היילן, וואָס האָבן אונדז געצויגן און גלײַכצײַטיק אָפּגעשטויסן.

צווייטנס, איז דער וואָדי פול מיט שרײַיִק־פאַרביקע בלומען, פון דעם אַנעמאָן און ציקלאַמען ביז צום בלויען לובין.

דריטנס, אויף זײַן ברעג געפינט זיך דער בית־עלמין אויף וועלכן ס׳האָבן באַקומען זייער לעצטע רו די ראשונים און די גרינדערס פון דער קאָלאָניע. אין איינעם פון די קברים ליגט מײַן מאַמע, חיה־עטל, וואָס איז ניפטר געוואָרן יונגערהייט, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד.

פערטנס, אין דעם אַ וואָדי שטראָמט אַרויס דער קוואַל פון וועלכן מיר האָבן געשעפּט אונדזער וואַסער. וואָדי מסחה איז נישט אַזוי ווילד ווי די אַנדערע און אַ באַדײַטנדיקער טייל פון זײַנע משופּעדיקע אַראָפּהאַנגען איז אַפילו געווען קולטיווירט. אין דער נאָענט פון איינעם פון זײַנע פעלדזנווענט איז געשטאַנען אַ קליין אָבער קאָמפּאַקט אייקאַליפּטן־וועלדל, וואָס האָט אונדז געדינט ווי אַן אידעאַל אָרט פאַר אונדזערע קינדערשפּילן און וואָס אונטער זײַן קילנדיקן שאָטן פלעגן מיר זיך אָפּרוען אין די טעג פון שווערן כאַמסין. נישט ווײַט פון דעם קוואַל איז געשטאַנען די מעלמיל פון דאָרף, וואָס האָט די מערסטע טעג פון יאָר נישט געאַרבעט, מחמת דער מאָטאָר אירער איז אָפט געווען קאַליע. ווען די מיל איז נישט געווען טעטיק, פלעגן מיר מאָלן אונדזער תבואה אין כּפר־קמא, דעם שכנותדיקן טשערקעסישן דאָרף, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען צוויי מעלמילן אוןביידע זענען תמיד געווען אין גאַנג. אין אַ וואָגן אָדער אויף אַ מוילאייזל פלעגן מיר

ברענגען איינעם אָדער צוויי זעק ווייץ, מיר פֿלעגן זיי אויסשיטן אין גרויסן בײַטל־קאַסטן וואָס אין איין זײַט פֿון דער מיל און פֿלעגן באַקומען דאָס פֿאַרטיקע מעל פֿון דער אַנדערער זײַט. אין אַזעלכע מילן האָט מען געקענט מאָלן אַלץ: ווייץ, קוקורודזע, קטניות — איטלעכער לויט זײַנע באַדערפֿענישן און גערעטענישן.

דאָס פֿאָרן צו דער מיל, דאָס באַגעגענען זיך מיט מענטשן פֿון אַנדערע דערפֿער — יידן, אַראַבער, טשערקעסן — פֿלעג שאַפֿן בײַ אונדז אַ יום־טובדיקע שטימונג, אַ געפֿיל וואָס איז געווען גאַנץ אַנדערש פֿונעם געפֿיל פֿון די אויסמאַטערנדיקע אַרבעטטעג, אָדער פֿון דער רוטין פֿון די שולבענק. כ׳געדענק אַז בעת איך פֿלעג וואַרטן אויף מײַן ריי, פֿלעג איך טייל מאָל בנעימותדיק אַרומשפּאַצירן צווישן די שמאָלע געסלעך פֿונעם טשערקעסישן דאָרף, פֿלעג זיך אַרומקוקן אַרום זיך, אָפּשטעלן בײַ אַ שטעל און זיך קויפֿן ראַכאַטלאַקום און היימישע צוקערלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ באַזונדערן טעם און אַ באַזונדערן קאָליר. טייל מאָל פֿלעג איך אַרײַנגיין אין אַ קראָם און אײַנהאַנדלען אַ נײַע רוט אָדער אַן אַנדער רײַט־מכשיר. נישט איין מאָל פֿלעג איך, אײַנשטעלנדיק זיך ממש אַרויסצורופֿן די אומברחמנותדיקע אײפֿערזוכט פֿון די מאַנצבילן פֿונעם דאָרף, גנביש וואַרפֿן אַ קוק כּדי אויפֿצוכאַפּן אַ בליק צו מיר, דעם פֿרעמדן, פֿון אונטער די שלייערן פֿון די טשערקעסישע שיינע מיידלעך, וואָס האָבן פֿאַרדעקט זייער פּנים. אַן אַנדערע וועלט, אַ פֿרעמדע און אַ באַצויבערנדיקע.

איצט לאָמיר צוריקגיין צום וואַדי מסחה. ווי געזאָגט, האָט אין אים אַרויסגעשטראָמט די קרעניצע וואָס פֿון איר האָבן מיר געשעפּט אונדזער טרינקוואַסער. דאָס מויל פֿונעם ברונעם איז געווען אַרומגענומען מיט געטעסעטע שטיינער. קיין פּלומפּ איז דאָרט נישט געווען. פֿלעגן דעריבער די פּויערים קומען צוויי מאָל אין דער וואָך צו דער קרעניצע מיט זייערע וועגענער אָנגעלאָדענע מיט פֿעסער. דאָס אַראָפּלאָזן פֿונעם עמער אין די טיפֿענישן

פון דער קרעניצע מיטן קלאָרן וואַסער איז געווען מײַן טאַטנס אָדער מײַן ברודער אליאבס (נומער 4) מלאָכה און, צו מײַן פאַרדראָס, האָט מען מיך, דעם קליינעם, דערצו נישט צוגעלאָזן. מײַן עובדא איז געווען איבערצונעמען פון זייערע הענט דעם עמער, וואָס איז איבער די ברעגעס געווען איבערגעפּולט מיט וואַסער, און אים אַרײַנגיסן אין פאַס אַרײַן. ווען די פעסער זענען פול געוואָרן, פלעגן מיר זיי צודעקן מיט גוט אויסגעוואַשענע זעק און די זעק צופעסטיקן מיט אייזערנע רייפן איבער דער עפענונג פונעם פאַס. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך דער וואָגן פאַמע־לעך געשלעפּט אויבן אַרויף אין דעם משופּעדיקן וואַדי (אַ פּראָב־לעם פאַר זיך אַליין) אין דער ריכטונג צו אונדזער שטוב. אינעם הויף זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַ שורה ליידיקע פעסער אין וועלכע מ׳פלעגט אויף דער גיך איבערגיסן דאָס פרישע וואַסער אויפן זעלבן אופן ווי ס׳איז פריער געשילדערט געוואָרן, כּדי פרײַ צו מאַכן דעם וואָגן פאַר זײַנע אַנדערע פּילצאַליקע אויפגאַבעס. ערשט אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מען צפון־צו פון דעם דאָרף אויפגעשטעלט אַ פּלומפּ און ביזן הײַנטיקן טאָג פאַר־זאָרגט ער מיט טרינקוואַסער דאָס גאַנצע דאָרף.

כ׳האָב אָפּגעגעבן אַ סך שבחים דעם וואַדי מסחה, און פון דעסטוועגן איז דער קעניג פון די וואַדיס, דער טיפסטער און אינטערעסאַנטסטער פון אַלע, נחל תבור, אָדער ווי מיר פלעגן אים רופן מיט זײַן אַראַבישן נאָמען: וואַדי שאַראַר. זײַן קוואַל געפינט זיך אינעם וואַסערשייד דרום־מערבדיק פון הר־תבור (אין דער פאַרקערטער ריכטונג געפינט זיך איינער פון די צופלוסן פון טײַך קישון). ער שטראָמט פון מערב צו מיזרח־צו און אין צולאָג צו זײַנע אייגענע קוואַלן גיסן זיך אין אים אַרײַן די וואַסערן פון די אויבן דערמאָנטע וואַדיס. ער איז אויך דער האַפּטיקסטער פון אַלע. נחל־תבור פאַלט אַרײַן אין וואַדי־בירא (זעט אויס, בית־ברא פון תנך), וואָס פאַרנעמט זיך אין דער ריכטונג פון ירדן און פאַלט אין אים אַרײַן ערגעץ ווו דרום־צו צו נהריים. דאָרט

שטייען אויך די חורבות פון דער שטאַרקער און געהיימענישפולער פעסטונג פון די קרייצפאַרערס, וואָס די אַראַבער האָבן אַ נאָמען געגעבן קאַוקאַוו־אַל־האַווא און וואָס איז אין אונדזערע טעג באַקאַנט אונטערן נאָמען כוכב־הירדן (דער שטערן פון ירדן). בעת מיר פלעגן צו אים צוקומען, פלעגן מיר פאַרכישופטע קוקן אויף דער נאַקעטער און ווילדער לאַנדשאַפט פון די הרי־גלעד (גלעד־בערג) וואָס הויבן זיך אויף אַנטקעגן איבער און אויף דעם ברייטן און טיפן טאָל וואָס טיילט אונדז אָפּ פון זיי. די שטאַרקע און פּײַפּנדיקע ווינטן, וואָס האָבן געוואָיעט אין דער פעסטונג און אַרום איר אויך אין מיטן זומער, האָבן צוגעגעבן דעם דאָזיקן פּלאַץ זײַן אַמאָליקע אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע מאַיעסטעט.

לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן דעם דאָזיקן וואַדי און רויבער־מעשיות זענען געווען פאַרבונדן מיט זײַן נאָמען. דער אמת איז אַז ער האָט טאַקע געדינט ווי אַ טויער דורך וועלכן ס'פלעגן אַרײַנדרינגען שײַקעס גנבים און שמוגלערס פון מיזרח־דיקן טייל פון עבר־הירדן; דורך אים פלעגן זיך אַדורכרײַסן באַנדעס רויבערס און אַנטרינען מיט זייער רויב אונטערן שוץ פון זײַנע געשלענגלטע שיפּועים. ווען נאָר אַ טריקעניש איז געקומען אויפן מיזרחדיקן עבר־הירדן, האָט דער וואַדי געראָיעט מיט מאַסן נאָמאַדן וואָס זענען געקומען אַהער צעפירן די הענט און צולקחנען דאָס האָב־און־גוטס פון ייִדישע פּויערים און אַראַבישע פעלאַכן פון דער זײַט טײַך. אַ שפּאַציר אין אָט דעם וואַדי איז תּמיד געווען אַ באַזונדערע איבערלעבעניש באַגלייט דורך שרעק און אומפאַרויסגעזעענע דערוואַרטונגען. און אפשר טאַקע דערפאַר פלעגן מיר זיך אָנטאָן אַ כּוח צו דערגיין דורך אים ממש ביז צום ירדן. יעדער מאָל ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין וואַדי, בין איך געשטאַנען אַ פאַרוווּנדערטער אין אָנבליק פון זײַנע גראַדליניקע געהיימענישפולע פעלדזן. כ'בין געווען זיכער אַז ערגעץ ווו אין עק געפינט זיך אַ פאַרבאַהאַלטענער דורכגאַנג וואָס פירט צו די הרי־חושך.

כ׳בין זייער שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו אַט די לאַנד־שאַפטן פון מײַן קינדהייט. כ׳פלעג אַ סך אַרומשפּאַצירן אין דער געגנט — צו פוס אָדער רײַטנדיק, פריער אויף אַן אייזל און שפּעטער אויף אַ קליאַטשע, מײַן קליאַטשע — אַ מאָל בחבֿרותא, אָבער לרובֿ איינער אַליין. אַ סך שפּאַצירן פלעג איך מאַכן מיט דער שולע, אונטער דער אָנפירונג פון מײַנע לערערס, וואָס זענען געווען ביז גאָר אויסגעבונדן אין דער געשיכטע פון ארץ־ישׂראל, אין אירע פלאַנצן און אירע בעל־חיים. בלעטער פון די דערציילונגען פון תּנך און פון דער געשיכטע פון דער זעלאָטן־תּקופֿה, פון די קרייצצוגן און פון דער איסלאַמישער תּקופֿה פלעגן אָננעמען קאָנקרעטע פאָרמעס פון בנינים, פון זאַמד און פון שטיין, בעת מיר פלעגן וואַנדערן איבער די פלעצער וואָס ווערן דערמאָנט אין דער געשיכטע פונעם לאַנד.

אונטערן אײַנפלוס פון די תּנך־דערציילונגען איז צוגעקומען אַ נײַע דימענסיע צו מײַנע שפּאַצירן איבערן הר־תּבֿור, וועלכן איך קען זינט דעם טאָג ווען כ׳האָב געעפֿנט מײַנע אויגן. אמת איז, אַז זײַן ממשותדיקייט איז כּלל נישט פאַרמינערט געוואָרן. די קירך־געבײַדעס זענען געשטאַנען אויף זײַן שפּיץ, פרעמדע, נישט מײַנע. אָבער איצט, ווען כ׳פלעג אַרויפקלעטערן אויפן באַרג אָדער אַראָפּגליטשן זיך פון אים, פלעגן שטיין פאַר מײַנע אויגן די מעשׂים פון דבורה און ברק בן־אבינועם; דאָ, פלעג איך זאָגן צו זיך אַליין, זענען אַ מאָל געשטאַנען צען טויזנט מענטשן, פון שבט נפתּלי און פון שבט זבולון. בעת כ׳פלעג שפּאַצירן לענג אויס דעם טײַך קישון איז מיר געקומען אויפן זכּרון די געשיכטע פון סיסרא און יעל, דער פרוי פונעם קיני, פון איין זײַט, און די געשיכטע פון חצור אין אייבערשטן גליל, פון דער אַנדער זײַט. אַפילו ניט זײַענדיק קיין גרויסער סטראַטעג, איז געווען אוממעגלעך נישט באַאײַנדרוקט צו ווערן, שוין דעמאָלט, פון דער חכמה פון ברקן, וועלכער האָט באַוויזן אָפּצושטויסן דאָס מיליטער פון סיסרא מיט זײַנע שווערע רײַטוועגענער צו די טיפע בלאָטעס וואָס אויף

די ברעגעס פון קישון. כ׳האָב באַוווּנדערט ברקן און איין מאָל, אין אַ טעאַטער־שפּיל אין אונדזער שול, איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דווקא די ראָלע פון סיסרא און נישט לײַכט האָב איך מיט דער ראָלע משלים געווען.

דאָס אַרומשפּאַצירן איבערן גלבוע אָדער אין זײַן סביבה האָט אויפגעוועקט פאַר מײַנע אויגן דאָס לעבן פון שאול און יהונתן, די פּראַכט פון זייער גבורה און פון זייער טויט. און, ווי כּדי צו פאַרפולקומען דאָס טראַגישע בילד, האָב איך ממש פונעם פענצטער פון מײַן הויז געקענט זען דאָס אַראַבישע דאָרף עין־דור און פאַר מיר — דעם קעניג שאול, דעם טרויעריקן, דעם וואָס כ׳האָב צום ליבסטן געהאַט פון אַלע קעניגן פון ישראל. נישט איין מאָל, ווען מיר פלעגן זײַן אין עין־דור, האָבן מיר, נישט רעדנדיק, אַרומגעזוכט די היזיקע פון דער כּישוף־מאַכערין. דער גײַסט פון מײַן קעניג שאול האָט געשוועבט איבער דעם אָרט. אין איינעם אַ טאָג איז אין אונדזער דאָרף געקומען אַ רעפערענט — שאול טשערניכאָווסקי — וואָס איז אַ קורצע צײַט געווען דאָקטער אין אונדזער קאָלאָניע. זײַן געשטעל, זײַן פּנים, זײַנע וואָנצעס און זײַן טשופּרינע האָבן מיך פאַרכּישופט. אויך איך בין געגאַנגען הערן זײַן רעפעראַט וועגן שאול, דוד און יהונתן. כ׳בין געווען אַ קינד און כ׳געדענק נישט, פאַרשטייט זיך, אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער כ׳געדענק דעם עיקר און ספּעציעל דעם פאַרגלײַך, וואָס ער האָט געמאַכט צווישן דער געשטאַלט פון שאולן און דער געשטאַלט פון דודן.

„זעט" — האָט געזאָגט שאול דער דיכטער — „ווי גרויס ס׳איז געווען שאול המלך. די געשיכטע האָבן געשריבן דודס טעלער־לעקערס, אָבער אַפילו זיי איז נישט געלונגען צו פאַר־קלענערן זײַן געשטאַלט. און אויב זײַן געשטאַלט איז אַרויס אַזאַ פון אונטער זייערע הענט, איז זיך לײַכט פאָרצושטעלן ווי גרויס דער מאַן איז באמת געווען".

די רייד פונעם דיכטער האָבן געערדט צו מײַן האַרצן און

אויסגעדריקט דאָס וואָס כ'האָב געפּילט. כ'האָב זיך געוואַקלט צווישן דער גבורה פון דודן דעם נעים זמירות ישראל (דעם זיסן זינגער פון ישראל), און דער גבורה און באַשיידנקייט פון שאולן און מײַן האַרץ איז נישט געגאַנגען נאָך דודן, נײַערט נאָך שאולן, דעם מאַן וואָס איז אַרויס אָפּזוכן די אייזלען פון זײַן פאָטער און האָט געפונען די מלוכה. דאָס קינד אין מיר האָט זיך אָפּגעזאָגט משלים צו זײַן מיט דודס אַנטלויפן אין לאַגער פון די פלישתּים. איך האָב געגלייבט אַז ווי גרויס ס'זאָל נישט זײַן די געפאַר וואָס לויערט איבער דיר, זוכט מען נישט קיין באַהעלטעניש אינעם לאַגער פון שׂונא. און די פלישתּים, זיי זענען געווען די פײַנט פון ישׂראל, נישט די פּערזענלעכע פײַנט פון שאולן. איך האָב אויך נישט געגלייבט אין דער אויפריכטיקייט פון דודס קלאָגליד אויף יהונתנען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זײַן אַ צו פיל אויסגערעכנטס, כּדי צו דערגרייכן אַ באַשטימטן ציל. דעריבער איז דאָס דאָזיקע מספּיד זײַן שאולן, דעם קאָנקורענט זײַנעם אויף דער קעניגלעכער קרוין — מיר נישט געפעלן געווען. אויך די מאָדנע אומשטאַנדן בײַ וועלכע אבנר בן־נר איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דודס מיליטערישן הויפּט־קאָמאַנדיר, יואב בן־צרויה, האָבן פאַרזייט ספיקות אין מײַן האַרץ. אמת איז, אַז מיט זײַן מויל האָט זיך דוד אָפּגעגרענעצט פון דעם מאָרד; בײַ מיר איז אָבער פאַרבליבן אַ טיפער חשד אַז דאָס וואָס יואב האָט אָפּגעטאָן האָט ער עס געטאָן אויפן באַפעל פון דודן, מחמת אויב נישט אַזוי — האָב איך זיך אַליין געפרעגט — פאַר וואָס האָט ער אים נישט באַשטראָפט?

אויך די פּרשה אַבשלום האָט אַרויסגערופן טראַכטענישן. אָבער איבערגעכאַפּט די מאָס האָט די מעשׂה פון שיקן אוריה החתי, דעם געטרײַען און איבערגעגעבענעם אָפיציר, אין מלחמה־פײַער אַרײַן כּדי ער זאָל דאָרט פאַלן און כּדי ער, דוד, זאָל קענען צונעמען פאַר זיך זײַן שיין ווײַב. דאָס אַלץ האָט ער געמאַכט מיט דער הילף פון יואבן, זײַן פאַרטרויונג־מענטש און

מיניסטער און איך האָב נישט געקענט מוחל זײַןביידן. אויב כ'האָב זיך געפונען אַ פּאַרגיטיקונג, איז עס געווען אין דעם מוט פון נתן הנביא, וואָס האָט אים געזאָגט וואָס ער האָט אים געהאַט צו זאָגן און דערציילט די מעשה פון „דעם אָרעמאַנס שעפּעלע״. נישט איין מאָל פלעג איך מיר זאָגן אַז אויב גאָט האָט גוזר געווען אויף דודן, ווען דאָס פאָלק האָט אַזוי פאַרהערלעכט, ער זאָל נישט אויפבויען דעם בית־המיקדש, האָט ער עס דאָך נישט געטאָן צוליב די מלחמות וואָס דוד האָט געפירט קעגן זײַנע שונאים, נײַערט צוליב מעשים אין אייגענעם לאַגער. כ'האָב באַוווּנדערט דודן פאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן מיט גליתן, פאַר זײַנע געזאַנגען און פאַר זײַן געוואַגטקייט. ס'האָבן מיך אָבער געעקלט זײַנע מיאוסע האַנדלונגען. נאָך דעם וואָס כ'האָב געהערט פון שאול טשערניכאָווסקין זענען בײַ מיר מער קיין ספיקות נישט פאַרבליבן און די געשטאַלט פון דעם באַשיידענעם שאול המלך איז בײַ מיר שטאַרק אויסגעוואַקסן.

אויך צו שמואלן, וואָס האָט פאַרלאָזן שאולן, האָב איך געפילט אַ פאַרדראָס אין מײַן האַרצן. נאָכן רעפעראַט, אויפן וועג אַהיים, האָב איך געזאָגט צום טאַטן דאָס אַלץ וואָס כ'האָב נאָר וואָס אויסגערעכנט. דעם טאַטנס ענטפער איז געווען אַ לאַנגער קוש אויף מײַן שטערן, גלעטנדיק מײַן קאָפּ מיט זײַנעביידע שטאַרקע הענט.

די לאַנדשאַפטן וואָס כ'האָב געשילדערט זענען געווען די לאַנדשאַפטן פון מײַן קינדהייט, פשוטע און זייער באַקאַנטע, אַזעלכע וואָס מ'קען אַרומנעמען מיטן אויג, וואָס מ'קען אַדורכגיין מיטן פוס און מ'קען אָנרירן מיט דער האַנט, אָבער אונטער דער השפעה פון די פּאַסירונגען וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן זענען זיי אַזוי ווי אַרויס פון זייער פשטות. אַזוי דער נחל־חרוד און דער בית־ברא — דאָס שלאַכטפעלד פון גדעונען, וועלכער איז מיר צום נאָענטסטן פון אַלע שופטים. אַזוי אויך די סביבה פון צפת, וואָס כ'האָב נישט געקענט טראַכטן וועגן איר, נישט דערמאָנענ־

דיק זיך אָן שמעון בר־יוחאי, דעם צדיק וואָס האָט זיך אויס־באַהאַלטן, יוחנן מגוש־חלב, דעם גיבור פון גליל וואָס האָט גע־געבן די רוימער שטאַרקע קלעפּ; און ווי אַ פּולן קאָנטראַסט צו אים — יוסף בן־מתּתיהו, וואָס האָט אין מײַנע אויגן פון אַ דאַרפסמענטש אויסגעזען ווי אַ ירושלימער אַריסטאָקראַט, וואָס האָט זיך נישט נאָר אַרויסגעוויזן ווי אַ דורכגעפאַלענער מיליטע־רישער קאָמאַנדיר, נאָר אויך ווי אַ פאַררעטער פון זײַנע קאַמף־חברים אין יודפת אין גליל. ס'קען אפשר קלינגען מאָדנע, אָבער דער פאַקט אַז דאָס איז געשען אין גליל האָט דאָס דאָזיקע ווײַטע געשעעניש ווי עס איז פאַרוואַנדלט אין אַ ממש פערזענלעכן ענין.

דאָ רעדט זיך נישט בלויז וועגן לאַנדשאַפטן, נאָר וועגן געשעע־נישן וואָס זענען זיך פאַרלאָפן אויף דער ערד פון גליל אין דער נאָענטער אָדער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט. מיט וואָסער ציטער, געמישט מיט יִראת־הכבוד פלעג איך כאַפּן אַ בליק אין די היילן פון די קנאים אין דער געגנט פון דעם אַרבל. דאָס זעלבע אין בית־שאן מיט די היסטאָרישע אַסאָציאַציעס וואָס זי פלעג אין מיר אויפוועקן, אַזוי ווי אין צפּורי, אין די מויערן פון עכּו, אין צפת און טבריה און איבער אַלעם — אין קרני חטין, די עדות פון דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט צווישן די חיילות פון איסלאַם און די קרייצפאַרערס; און אין תּל־חי, וואָס די געשיכטע פון איר גבורה און איר פאַלן איז מיר גוט באַקאַנט געוועזן פון די דערציילונגען פון די מענטשן פון „השומר״, וועלכע פלעגן אַרײַנ־קומען צו אונדז אין הויז אַרײַן.

צו דער פּרשה תּל־חי האָב איך זיך באַצויגן מיט געמישטע געפילן: פון איין זײַט, האָט געגרעדט צו מײַן האַרצן די שרעק־לעכע איינזאַמקייט פון די ווייניקע און מוטיקע קעמפערס, וואָס האָבן זיך אַנטשלאָסן אויסצוהאַלטן אינעם דאָזיקן אַזוי פאַר־וואָרפענעם ווינקל, אין אַ פײַנטלעכער סביבה, אַנטקעגן די שווערע סכּנות, נישט האָבנדיק אויף קיינעם זיך צו שטיצן, אויסער אויף זיך אַליין. פון דער אַנדערער זײַט, האָב איך נישט געקענט אָוועק־

מאַכן מיט דער האַנט מײַן טאַטנס שאַרפֿע קריטיק אויף דעם פֿאַטאַלן פֿעלער וואָס טרומפּעלדאָר איז באַגאַנגען ווען ער האָט מסכּים געווען צו עפֿענען דעם טויער און אַרײַנלאָזן די באַוואָפֿנ־טע אַראַבער פֿון חלסה זיי זאָלן כּלומרשט זוכן די אויסבאַהאַל־טענע פֿראַנצויזן. „ער איז געווען אַ גיבור״, פֿלעג דער טאַטע זאָגן, „אָבער ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ רעקרוט. ער האָט פּשוט נישט געקענט און נישט גענומען אין חשבון די ביטערקייט פֿון די שכנים״.

אַפֿילו די קריסטלעכע נצרת און די קרייצפֿאָרערס, ווי אויך זייערע מוסולמענישע קעגנערס, האָבן געוועקט מײַן פֿאַנטאַזיע, היות ווי זיי זענען געווען פֿאַרבונדן מיט פֿעסטונגען וואָס זענען געשטאַנען אויף דער ערד וואָס כ׳האָב זי געזען ווי מײַנע. מײַן אידענטיפֿיצירן זיך מיטן גליל און מיט מײַן גלילישן הויז, דעם אָרט וווּ כ׳בין געבוירן, איז בשום־אופֿן נישט געווען בלויז דער פּועל־יוצא פֿון דער דערציִונג וואָס מײַן פֿאָטער און מײַנע לע־רערס האָבן מיר געגעבן. עס איז מיר געקומען בדרך הטבע. און כאָטש כ׳האָב געקענט די געשיכטע פֿון מײַן פֿאָלק, האָב איך זיך געפֿילט ווי איינער וואָס איז קיין מאָל פֿונעם לאַנד נישט פֿאַר־טריבן געוואָרן און פּונקט ווי דער טאַטע מײַנער וואָלט צו אים נישט צוריקגעקומען פֿון רוסלאַנד. מײַנע וואָרצלען זענען געווען דאָ, אין דער פֿעלדזיקער ערד פֿון גליל.

ז

מײַן פּערזענלעכע געשיכטע טראָגט דעם נאָמען „דאָס הויז פֿון מײַן פֿאָטער״, אָבער דער אמת פֿאַרלאַנגט זי זאָל הייסן „דאָס הויז פֿון מײַן מוטער און מײַן פֿאָטער״. און דאָס נישט נאָר כּדי אָנצוהאַלטן אַ פֿאָרמעלע גלײַכהייט צווישן די געשלעכטער אָדער צוליב כּיבוד אָב ואם, נאָר מחמת ביידע האָבן אויף דעם הויז

געלאָזט זייער חותם און האָבן אויסגעפורעמט זײַן כאַראַקטער און שטייגער. כ'וועל דעריבער פּרוּוון שילדערן דאָס דאָזיקע הויז אַזוי ווי איך געדענק עס.

אונדזער הויז האָט זיך געפונען אין אייבערשטן טייל פון דאָרף, נישט ווײַט פון זײַן צפונדיקן אַרײַנגאַנג. עס איז געשטאַנען מיטן פראָנט צו מיזרח־צו אַנטקעגן דער הויפּטגאַס. הינטערן הויז, צו מערב־צו איז געווען דער הויף. אַרום דעם הויף, ווי זיי וואָלטן אים אַרומגערינגלט, זענען געשטאַנען די בנינים פונעם פּאַלוואַרק. אַן עופות־הויף מיט עטלעכע הונדערט עופות, אַ פערד־שטאַל, אַ שטאַל מיט איין פּאָר מוילאייזלען און איין פּאָר אָקסן (אַ ביסל שפּעטער זענען די אָקסן פאַרביטן געוואָרן אויף נאָך איין פּאָר מוילאייזלען), אַ קליאַטשע און אַן אייזל; אַ פישטאָל מיט צוואַנציק קי — אָדער ווי מיר האָבן זיי גערופן „ווײדלען" צוליב זייער שוואַכער אויסגיביקייט — מיינסטנס פון אָרטיקן אָפּ־שטאַם און אַ טייל פון זיי פון דער דמשק־ראַסע, וואָס האָבן זיך געשפּײַזט פון נאַטירלעכער פּאַשע מיט אַ צוגאַב פון טרוקענעם געפיטער וואָס מיר האָבן צונויפגעקליבן אויף אונדזערע פעל־דער. מיר האָבן אויך געהאָדעוועט עטלעכע ציגן. בײַ דער מערב־וואַנט פון הויף איז געווען צוגעפּעסטיקט דער טאַבון, אַן אַראַבי־שער באַקאויוון וואָס איז אײַנגעגראָבן אין דער ערד און ווערט אײַנגעהייצט מיט גראָבן שטרוי, וואָס גיט נישט קיין פלאַם און האַלט אָן אַ באַשטענדיקע טעמפּעראַטור. דער אויוון גופא איז געמאַכט פון געברענטן ליים און אויף זײַן דנאָ זענען געווען צעוואָרפן שערבלעך אויף אַרײַנצונעמען און אײַנצוהאַלטן די היץ. זײַן קײַלעכיקע עפענונג האָט געהאַט אַן אײַזערנעם צודעק מיט אַ הענטל און איין מאָל אין טאָג, מערסטנטייל צו אָוונט־צו, פלעגן מיר אַראָפּנעמען דאָס אַש און אויף זײַן אָרט אַוועקלייגן פרישן שטרוי. אין דעם דאָזיקן אויוון פלעג מײַן מאַמע — און נאָך איר טויט, מײַן שוועסטער — באַקן ברויט וואָס קיין בעסערס און געשמאַקערס פון אים האָב איך קיין מאָל נישט געגעסן. מיר

פלעגן אין אים אויך אַרײַנשטעלן מאכלים וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַ לענגער קאָכן. דער ריח פון די טאָבונעס איז געווען אײַנגעגעסן אין מײַן געבוירן־דאָרף. ער האָט זיך געטראָגן פון אַלע הייף און איז געווען אָן אַן ערך שטאַרקער אין די הייסע טעג און אָוונטן, בעת די לופט איז געשטאַנען אַ געדיכטע און קיין שוםווינטל האָט נישט געבלאָזן. אין אַזעלכע טעג פלעג אָט דער שווערער און באַזונדערער ריח אַרומנעמען די הײַזער פון דער קאָלאָניע און דעם הימל איבער זיי.

אין מער אָפּגערוקטן ווינקל אין הויף איז געשטאַנען דער אָפּטריט, וואָס זײַנע ברעטער זענען פאַרלייגט געווען איבער אַ טיפן גרוב. ווי ווײַט מיר האָבן זיך נישט באַמיט אים צו האַלטן ריין, איז ער ווײַט געווען פון צו זײַן היגיעניש.

אין אַן אַנדער געבײַדע, וואָס איז געווען דער תבואה־שפּײַכלער, האָבן זיך געפונען זאַסיקעס פון האָלץ מיט אינעווייניקסטע ווענטלעך פון גאַלוואַניזירטן בלעך. דאָ זענען געלעגן די זאַפּאַסן תבואה פאַרן הויזגעברויך און פאַר די בהמות ביז צום נאָענטסטן שניט. דאָ האָט מען אויך אויפגעהיט די זריעות וואָס מ׳האָט געדאַרפט פאַרזייען פאַר דער גערעטעניש פון קומענדיקן יאָר. ווען ס׳איז געקומען די צײַט אײַנצושפּײַכלערן די נײַע תבואה, פלעג איך, דער קליינער און דאַרער, זיך דורכשטופּן דורך דער פורטקע פונעם שפּײַכלער און אויסקערן די רעשטלעך פון דער אַלטער תבואה וואָס איז פאַרבליבן אויפן דנאָ, ווי דער טאַטע פלעג זאָגן: „און איר וועט אַרויסראַמען די אַלטע פון וועגן דער נײַער״.

אין מיטן הויף איז געשטאַנען די פור. זי איז געווען פון אויסגעצייכנטן האָלץ, דאָס זעלבע אירע פיר רעדער וואָס זענען געווען אַרומגענומען מיט דיקע שטאָלענע רייפן. פון דער פאָדער־שטער טייל פון דער פור האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט הילצערנע האָלאָבליעס אונטערגעשמידטע מיט אײַזערנע בענדער. זייער לענג איז געווען ווי די לענג פון די אַרבעט־בהמות. די האָלאָב־

ליעס זענען געווען שטאַרק פּאַרפּעסטיקט און געהאַט קייטן אין זייער שפּיץ — אויף איינצושפּאַנען די מוילאייזלען. אין די אַקער־און פּאַרזיי־סעזאָנען, אין ווינטער און אין זומער, האָט די פור אויסגעזען ווי אַ לאַנגער פירעקיקער קאַסטן, וואָס זיינע ווענטלעך צענעמען זיך און שטעלן זיך לייכט צונויף. אין דער צייט פון שניט פלעגן די זייטן פונעם קאַסטן אַוועקגענומען ווערן און אויף זייער אָרט פלעגט מען אַוועקשטעלן לייטערס און הויכע הילצער־נע שטאַנגען אויף צו פירן די תבואה אין שייער אַריין. אין אַן אַנדער ווינקל פון הויף איז געשטאַנען אַביידל אין וועלכן מ׳פלעג האַלטן די אַרבעט־מכשירים: אַקעראייזנס פאַר צוויי אָדער איינצלנע בהמות, סאַכעס, בראַנעס א״אַ.

דער הויף האָט געהאַט צוויי טויערן: איינער, דער צו דער גאַס־צו, איז געווען אַ ברייטער און דער אַנדערער — וואָס איז געווען מער פאַרטקע ווי טויער — האָט זיך געעפנט אין דער מויער גופא און האָט געפירט צום טייל גאָרטן, צום שייער און צום הויפן מיסט וואָס הינטערן הויף. פאַרן הויז איז געווען אַ גאָרטן, אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקן, אין וועלכן מיר האָבן געהאָדעוועט פּרוכטביימער און עטלעכע ביימער פאַר באַפּוצונג, גרינסן און אַ פּאָר בייטן בלומען.

אינעם הויף, אין איינעם פון זיינע ווינקלען, איז זיך גע־שטאַנען דאָס הייזקע פון דעם חרת (חאַראַט), דעם אַראַבישן פּאַכטער. אין דער דאָזיקער הייזקע האָט ער געוווינט מיט זיין ווייב און קינדער, וואָס האָבן זיך גוט איינגעגלידערט אין דער אַרבעט פון דערווירטשאַפט און געקראָגן דערפאַר אַ טייל פונעם געררעטעניש.

דאָס הויז גופא איז געווען געבויט פון אָרטיקע קאַלכשטיי־נער, מיט אַ ברייטן קעלער. זיין דאַך איז געווען פון רויטע מאַרסייער דאַכלקעס, אַן איינפלוס פון דער דאָרפישער פראַנ־צייזישער אַרכיטעקטור, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז דורך דעם באַראָן ראָטשילדס אינסטיטוציעס. כאָטש דאָס הויז איז אין שטח

גאָר נישט געווען קליין, איז שווער געווען צו זאָגן גוטס וועגן זײַן אינערלעכער אײַנטיילונג. עס האָט פאַרמאָגט סך־הכל צוויי גרויסע צימערן. איינער האָט געדינט ווי אַ קיך, אַן עסצימער און אַ ווינקל צום שלאָפן, דער צווייטער — ווי אַן אויפהאַלט־צימער און צו גלײַך ווי אַ שלאָפצימער.

אין ווינקל פון דער קיך איז געשטאַנען אַ רונדע בלעכענע טון, געפאַרבט העל־רויט, און אין איר האָט זיך געפונען דאָס געמאָלענע מעל. איבער דער טון זענען געהאַנגען קיילעכיקע זיפּן מיט בייגעוודיקע הילצערנע ווענטלעך און נעצן געפלאָכטענע פון שמאָלע לעדערנע פּאַסן — אין פאַרשיידענע ברייטן, צוגעפּאַסט צו דער גרייס פון די קערנער וואָס מיר פלעגן דאַרפן דורכזיפּן אין שײַער. איין קליין, דעליקאַט זיפּל איז געווען באַשטימט אויף אָפּצושיידן די קלײַנע פונעם מעל. אַ טאַץ, געפלאָכטן פון שטרוי (טאַבאַק אין אַראַביש) איז אויך געהאַנגען אויף דער וואַנט ווי אַ באַפּוצונג. מ׳פלעג זיך מיט איר באַנוצן ווען ס׳איז געווען נייטיק, בײַם באַקן אָדער בײַם דערלאַנגען. ביזן הײַנטיקן טאָג קען איך נישט פאַרשטיין ווי אַזוי מיר האָבן זיך געקענט אײַנאָרדענען בלויז אין אָט די צוויי צימערן. און דאַר געדענק איך נישט מיר זאָלן זיך ווען עס איז האָבן באַקלאָגט אַז דאָס הויז איז צו ענג.

פאַקטיש פלעגן מיר דאָס רוב טעג אין יאָר בכלל נישט נעכטיקן אין שטוב. אַ טייל פון אונדז פלעג נעכטיקן אין שײַער אָדער אינעם בײַדל וואָס איז געשטאַנען אין ווײַנגאָרטן — אַ מין צונויפפּאָרן אָפּרו און שמירה — און די אַנדערע פלעגן שלאָפן אויף אַ הילצערנער ברעט וואָס מײַן פאָטער פלעג אַרויסלייגן אין הויף האַרט בײַ דער וואַנט פונעם הויז. אויף דער דאָזיקער ברעט פלעג די באַלעבאָסטע אויסשפּרייטן ראַגאָזשעס, מאַטראַצן און לײַלעכער און מיר אַלע, אַחוץ די עלטערן, וואָס זענען געשלאָפן אין שטוב, זענען געשלאָפן איינער לעבן דעם אַנדערן, געניסן פונעם זומערדיקן באַשטערנטן הימל וואָס איבער אונדז

און פונעם קילן אָונטווינט וואָס האָט געבלאָזן איבער די פעלדער. ס'איז געווען אַ מחיה אַזוי צו ליגן, צוהערן זיך צו די קולות פון דער נאַכט וואָס הערן זיך אין דרויסן און צוקוקן זיך צו דער פולער אָדער האַלבער לבנה. מיר פלעגן זיך אויפוועקן מיטן טויִקן און דערפרישנדיקן באַריר פון קאַיאַר. דאָס דאַזיקע שלאָפן אין קאָמפּאַניע, אונטערן פרײַען הימל, איז פאַר אונדז געווען אַ גאַנץ באַזונדערע זומער־איבערלעבונג, וואָס מיר האָבן זי אויסגעקוקט זי זאָל שוין צוריקקומען, ווען ס'האָט זיך געשטעלט דער ווינטער מיט זײַנע ווינטן און רעגנס.

דאָס שלאָפן אין דרויסן איז אויך געווען פאַרבונדן מיט נישט ווייניק געפאַרן. אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען כ'בין אַלט געווען פיר יאָר, בין איך אויפגעשטאַנען פון מײַן געלעגער אין דרויסן און ווען מײַן מאַמע איז צוגעגאַנגען צונויפצונעמען דאָס בעט־געוואַנט, האָט זי אַנטדעקט אונטער מײַן קישן אַן אײַנגעקאָר־טשעטע פּיפּערשלאַנג וואָס איז זיך רויִק געשלאָפן. זי האָט גע־מאַכט אַ שרעקלעך געוואַלד און איז גלײַך געפאַלן אין חלשות. די שלאַנג האָט גענומען אַנטלויפן, אָבער דער זעץ וואָס זי האָט באַקומען פונעם שטעקן אין דער האַנט פון מײַן טאַטן, וואָס איז אָנגעלאָפן אויף דעם געוואַלד, האָט איר צעשפּאָלטן דעם קאָפּ. די מאַמע איז שנעל אַוועק אין שול אַרײַן מיט אַ בינטל ליכט אין האַנט און אייל פאַרן נר־תמיד, בענטשנדיק גומל און דאַנקענ־דיק דעם אייבערשטן דערפאַר וואָס ער האָט מיך אָפּגעראַטע־וועט.

פון דער אומגעבעטענער געזעלשאַפט פון די שלאַנגען — אָט די לאַנגע, קריכנדיקע שטעקעלער, ווי קינדער פלעגן זיי רופן — האָבן מיר געליטן יעדן זומער. מײַן פאָטער איז געוואָרן אַן אמתער מומחה זיי צו כאַפּן. האָט ער זיי נאָר דערזען פון דער ווײַטנס, פלעג ער שיסן אויף זיי מיט זײַן יאַגדביקס און קיין מאָל נישט פאַרפעלן. האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַן זיי פון דער נאָנט, פלעג ער זיי צעקוועטשן מיט אַ שטעקן, מיט אַ ווידלע

אָדער מיט אַ שטיין. כ׳געדענק אַז איין מאָל האָט זיך אין אונ־דזער קיך באַוויזן אַ שלאַנג. מײַן טאַטע האָט פאַרקלאַפּט די טיר, כּדי די שלאַנג זאָל נישט קענען אַנטלויפן און האָט אָנגעהויבן זי נאָכצויאָגן מיט אַ שטעקן. מיר האָט ער געהייסן אַרויפגיין אויפן טיש און נאָכקוקן די באַוועגונגען פון דער שלאַנג. דאָס איז געווען אַ שלאַכט, וואָס אַט האָט זי דערשראָקן און אַט האָט זי באַגײַסטערט. אין אַ מינוט פון פאַרצווייפלונג האָט זיך די שלאַנג אַ שטעל געגעבן אויף איר וויידל און אַ שפרונג געטאָן צו מײַן פאָטער. כ׳האָב אײַנגעהאַלטן מײַן אָטעם. אָבער דער טאַטע האָט זיך אַ קער געטאָן אין אַ זײַט און מיט אַ בליץ־שנעלן קלאַפּ מיט זײַן שטעקן האָט ער געטראָפן אין דער שלאַנג, וואָס האָט מיט אירע לעצטע כּוחות געפונען אַ באַהעלטעניש אין אַ גרויסן קרוג וואַסער. מײַן פאָטער האָט אויף גיך פאַרשטאָפּט דעם קרוג און אַזוי איז די שלאַכט פאַרענדיקט געוואָרן. אויך מײַן שוועסטער דבורה האָט איין מאָל בײַם אַראָפּנעמען ווײַנ־טרויבן אָנגעכאַפּט אַ שלאַנג אַנשטאָט אַ שטענגל טרויבן און איר האַנט איז מיט אַ נס ניצול געוואָרן פון אַ ביס. מײַן ברודער אליאב האָט ליב געהאַט צו כאַפּן קאַנאַריקעס אין אַ שטײַג. אין איינעם אַ טאָג, ווען ער איז אַרויפגעקראָכן צו דער שטײַג, וואָס איז געהאַנגען אין פראָנט פון הויז, כּדי צו געבן עסן זײַנע פייגל, איז אים אַנטקעגנגעשפּרונגען פון דער שטײַג אַ פּיפּער־שלאַנג. צום גליק האָבן די פאַרצוקטע פייגעלער אָנגעשוואָלן דעם בויך פון דער שלאַנג און זי איז פאַרבליבן אײַנגעקלעמט צווישן די קראַטעס פון דער שטײַג. דאָרט האָט זי אויך מײַן פאָטער געממיתט.

אינעם אויפהאַלט־צימער, וואָס האָט אויך געדינט ווי דער הויפּט־שלאָפצימער, איז געשטאַנען אַ גרויסער קופערט, וואָס האָט אויסגעפילט די ראָלע פון אַ קליידערשאַנק. אין דער מיט פון דער וואַנט איז מאַיעסטעטיש געשטאַנען אַן אַלטער שטיי־זייגער, וואָס פלעג אויסקלינגען די האַלבע און גאַנצע שעהען.

איינע פון די ווענט האָט באַצירט אַ גרויסער שפּיגל אין אַן אויס־געשניצטער הילצערנער רעם. אין אונדזערע יוגנט־יאָרן פלעגן מיר אין שפּיגל נאָכקוקן אונדזער צעשויבערטע טשופּרינע, וואָס איז געווען אין דער מאָדע אין יענע טעג. דער גרויסער פּירקאָנטיקער טיש, דעם טאַטנס אַרבעט, איז געשטאַנען אין צענטער פונעם אומגעהײַער גרויסן צימער. מײַנע שענסטע זכרונות זענען פאַר־בונדן מיט אָט דעם טיש: אַרום אים פלעגן מיר זיצן אין די יום־טוב־אָוונטן, אַרום אים פלעג זיך צונויפקומען די גרויסע משפחה און אויף אים האָבן געגעסן די פילצאָליקע געסט, וואָס פלעגן זיך אָפּשטעלן נעכטיקן אין אונדזער הויז. צוזאַמען מיט אונדז פלעג זיך דער טיש שטילערהייט צוהערן צו די פאַרכאַפּנ־דיקע דערציילונגען, וואָס זיי פלעגן ברענגען מיט זיך פון אַלע עקן לאַנד און פון דער וועלט. דאָס מעבל איז געווען באַשיידן און פונקציאָנאַל און דאָס נישט דווקא צוליבן דוחק אין געלט. די ווענט זענען געווען ליידיק, אָן בילדער. דאָ און דאָרט פלעגן ליגן צעוואָרפן עטלעכע ביכער; און אויפן קליינעם בופעט, פון באַגלאָזטע רעמען, האָבן געקוקט צו אונדז עטלעכע משפחה־פאָטאָגראַפיעס. אין די אָוונטן האָבן פאַרקאָפּטשעטע נאַפט־לעמפּ געפירט אַ ליכט־מלחמה מיט דער אַרומיקער פינצטערניש. די לאָמפּן האָבן פאַרשפּרייט אַ גאַנץ ספּעציעלע, עפּעס מיסטער־יעזע ליכט, וואָס פלעג אויפגיין אָדער צאַנקען מיט יעדן ווינט וואָס פלעג אַרײַנדרינגען אין צימער אַרײַן.

אין די פאַרשידענע ווינקלען פונעם הויז זענען געשטאַנען די דזשאַרעס — אָט די וואַסער־כּלים פון כּלערליי פאָרמען, וואָס אַראַבישע הענדלערס פלעגן יעדער פרילינג ברענגען אײַנגע־וויקלטע אין נעצן געפלאָכטן פון שטריק. ס'איז פאַר אונדז געווען אַ ווונדער ווי אַזוי זיי זענען נישט צעבראָכן געוואָרן אויפן לאַנגן וועג וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אויף די רוקנס פון די לאַסט־בהמות. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דאָרף אַרײַן, האָבן די הענדלערס אויסגעשפּרייט אויף דר'ערד שטרויענע ראָגאָזשעס,

אַרויסגענומען די קרוגן פון די נעצן און אָנגעהויבן אויסשרײַען זייער סחורה מיט הילכיקע, זינגענדיקע קולות. אָט די ליימענע קרוגן האָבן אויסגעפירט די ראָלע פון אײַז, וואָס איז בכלל נישט געווען בנימצא און פאַרטרעטן דעם אײַזקאַסטן וואָס וועגן אַזאַ זאַך האָבן מיר אַפילו נישט געהערט. אין די גאָר הייסע זומערטעג זענען מיר זיי געווען דאַנקבאַר וואָס זיי האָבן גוט קאַלט געמאַכט דאָס וואַסער אָדער אויפגעהיט די פרישקייט פונעם אויפּס און פון די גרינסן. נאָענט פון די קרוגן זענען געשטאַנען די ליימענע טעפּ וואָס האָבן געדינט צו מאַכן אונדזער קעז. די קרוגן זענען געווען אַן אמתע קונסטאַרבעט. געווען צווישן זיי שוואַרצע ווי דער באַזאַלט, העלע ווי דער קאַלכשטיין, געווען הויכע מיט אַ שמאָלער טאַליע, וווּנדערלעך ענלעך צו אַ יונגער אַראַבקע מיט אַ שטייפן רוקן, וואָס טראָגט אויף איר קאָפּ אַ קרוג וואַסער פון קוואַל נישט אָנרירנדיק אים מיט אירע הענט, געווען גראָבבײַכיקע, וואָס האָבן דערמאָנט שוואַנגערנדיקע פרויען. אַזוי ווי קינדערלעך זענען צווישן זיי געשטאַנען די קליינע קריגעלעך מיט אַ שנאָבל אין דער זײַט — דאָס זענען געווען קריגלעך צו טרינקען. יעדן פרילינג פלעג דער פאָטער מיר קויפן מײַן אייגענעם קריגל צו טרינקען, וואָס כ'פלעג נעמען מיט זיך גייענדיק אין שײַער אָדער אין ווײַנגאָרטן. איך געדענק גוט ווי אַזוי כ'האָב זיך געלערנט טרינקען ביז כ'האָב זיך אויסגעלערנט ווי געהעריק צו זופּן פונעם קריגל, אַזוי ווי ס'טוען עס די אַראַבער: מ'הייבט אויף דאָס קריגל די לענג פון אַן אָרעם איבערן מויל און מ'זופּט אַרײַן דאָס דינינטשקע שטראָמעלע אַזוי אַז די ליפּן זאָלן נישט אָנרירן דעם שנאָבל.

איין מאָל אין צוויי יאָר פלעגן מיר טוישן אונדזערע קוישן אויף נײַע, וואָס אויך זיי פלעגן מיר קויפן בײַ אַראַבישע הענדלערס. געווען זענען עס קוישן געפלאָכטענע פון צוגעשניטענע פאַפּירוס־שטענגעלער. אַזוי ווי די קרוגן, זענען אויך די קוישן געווען פון פאַרשיידענע גרייסן: אַ גרויסער קויש — אויף אַוועק־

צוטראָגן די אייער וואָס מסעוד דער סוחר האָט געקויפט; אַ מיטעלער קויש — אויף קניות אָדער אויף מיטצונעמען שפּײַז אויפֿן טאָג ווען מ׳איז אַוועק אַרבעטן אין פעלד; קליינע קיישע־לעך — פאַר קינדער מיטצונעמען אין זיי זייערע מאָלצײַטן ווען זיי זענען אַוועק אין שולע אָדער אויף אַ שפּאַציר.

אונדזערווירטשאַפט איז געווען באַזירט אויף געוויקסן מיט רעגן־באַוואַסערונג. מיר האָבן אײַנגעפירט אַ צוויי־יעריקן פאַרזיי־ציקל: איין העלפט פונעם שטח איז געווען באַשטימט פאַר ווינטער־געוויקסן און די אַנדערע העלפט פאַר זומער־געוויקסן. אין דער ערשטער העלפט די פאַרשיידענע תבואות, ווייץ און גערשטן — דער „חסיד״. אין דער צווייטער העלפט שויטן־געוויקסן, קוקורודזע, סאָרגע — דער „כרב״. אויפֿן שטח ווו ס׳איז אַ יאָר פריער געוואַקסן דער „כרב״, האָט מען אַ יאָר שפּעטער פאַרזייט די „חסיד״־געוויקסן, און פאַרקערט. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער צוויי־יעריקער פאַרזיי־ציקל. דעריבער איז תמיד געווען וואָס צו שנײַדן און אײַנזאַמלען און אויך וואָס צו פאַר־קויפן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ ווײַנגאָרטן און אַ מאַנדלווועלדל, יעדער פון זיי צוואַנציק דונאַם די גרייס. אין די באַדינגונגען פון די גליל־ווירטשאַפטן דאַרפן אַזעלכע געוויקסן נישט האָבן קיין צוגאָב־באַוואַסערונג און זייער גרויסע מעלה איז געווען, וואָס מיר האָבן זיי נישט געדאַרפט אָפּזעצן יעדן טאָג. אַן אַנגעזעענער טייל פון די פּראָדוקטן פאַרן הויזפאַרברויך איז געקומען פון דער אייגענער ווירטשאַפט און ראשית־כּל — דאָס ברויט וואָס מיר האָבן געגעסן און וואָס מיר האָבן געבאַקן אין דער פאָרעם פון לאַבנס אָדער פון פּיתּות. אייער האָבן מיר געהאַט בשפע, הינער־פלייש האָבן מיר אָבער ווייניק געגעסן. די שטאַל האָט אונדז צוגעשטעלט מילך און מילכפּראָדוקטן — פּוטער, סמעטענע, קעז און מאַסלינקע, ווי אויך שטיקער זויערמילך וואָס מיר פלעגן אויפהיטן אין גרויסע גלעזערנע סלאָיקעס, אײַנגעווייקט אין אָליוון־אייל. היות ווי אין יענער צײַט זענען נאָך נישט געווען קיין סע־

פּאַראַציע־מכשירים, פּלעגן מיר אַרײַנגיסן די מילך אין קרוגן פון שוואַרצן ליים און עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין די סמעטענע געשווומען פון אויבן און אונטער איר די זויערמילך. דעמאָלט פלעגן מיר צונויפנעמען די סמעטענע אין אַ לאָגל פון ציגנפעל, שאָקלען זי אויף רעכטס און אויף לינקס, אַרויף און אַראָפּ ביז ס'איז געוואָרן פון איר האַרטע געל־ווײַסלעכע פּוטער. מיט דער צײַט האָבן מיר אײַנגעפירט אַ פּשוטע האַנטמאַשינקע אויף אויס־צושלאָגן פּוטער. מיר פלעגן טרינקען מיט פאַרגעניגן די זויערע מילך אָדער פלעגן מאַכן פון איר קעז. מיר האָבן זיך אַפילו ספּעציאַליזירט אין אויסאַרבעטן די צפתער געזאַלצענע קעז. מיט דער הילף פון ספּעציעלע פילן פלעגן מיר פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון פאַרגליווערן די מילך. ווען די מילך איז שוין געווען גענוג פאַרסטאַיעט, פלעגן מיר זי אַרײַנטאָן אין געפלאָכטענע קערבעלער פון געשפּאָלטענע ריטלער; די פליסיקייט פלעג אַרויסרינען אין דרויסן און עטלעכע טעג שפּעטער פלעג זיך באַקומען אַ שטיק קעז אין דער פאָרעם פון אַ דיקן און גרויסן דיסק מיט אײַנשניטן פון די ריטלער.

און ס'זענען, פאַרשטייט זיך, געווען סעזאָן־מאכלים אָדער אַזעלכע וואָס מ'פלעג צוגרייטן אין אַ באַשטימטן סעזאָן. טרויבן, דער עיקר ווײַנטרויבן, פלעגן אין סעזאָן נישט אַראָפּגיין פון אונ־דזער טיש ביז זיי פלעגן אונדז שוין כמעט קריכן פון האַלדז. בײַם סוף פון דעם טרויבן־סעזאָן פלעג זיך אונדזער הויז אָנפילן מיט אַ זײַערלער־זיסן און פאַרשיכּורנדיקן ריח: דער ריח פון די אײַנגעמאַכטסן וואָס פלעגן זיך קאָכן אין ריזיקע גאַלוואַניזירטע קופּערנע קעסלען. כ'פלעג ליב האָבן שטיין לעבן אָט די קעסלען בעת מײַן שוועסטער מישט אין זיי מיט אַ גרויסן לעפל מיט אַ לאַנגן הענטל, צוקוקן זיך צו די אַליקאַנט־ און באַרדאָ־טרויבן וואָס פּלאַצן און צעלאָזן זיך אין דער היץ פונעם פײַער אונטער זיי. ווען דאָס קאָכן איז געווען פאַרענדיקט, פלעג מען דאָס אײַנ־געמאַכטס אַריבערגיסן פון די ריזיקע קעסלען אין די גרויסע גלע־

זערנע סלאַיעס אין וועלכע עס האָט זיך קאָנסערווירט ביז צום קומענדיקן טרויבן־סעזאָן.

דאָס אײַנגעמאַכטס פון די אַליקאַנט־ און באָרדאָ־טרויבן פלעג באַצירן אונדזער טיש עטלעכע מאָל אין טאָג, בעת די וואָרעניע פון די מיוחסדיקע מוסקאַט־טרויבן, וואָס האָט אויפֿגעהיט די גאַנצקייט פון די פירות, פלעג דערלאַנגט ווערן שבת און יום־טוב און אַ מאָל אויך אין אַ וואָכנטאָג, ווען ס'פלעגן צו אונדז קומען געסט. מײַן שוועסטער האָט געמוזט פירן אַ קאַמף מיט אליאבן, וואָס איז געווען אַ גרויסער נאַשער און האָט אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע ליבשאַפט דווקא צו דער וואָרעניע פון די מוסקאַט־טרויבן. זי האָט כּסדר אויסגעפונען פאַר איר נײַע באַהעלטענישן און געפאַלן אויף נײַע המצאות כּדי ער זאָל זי נישט געפינען, ווײַל אליאב איז געווען מסוגל אַ סוף צו מאַכן אין אַ קורצער צײַט צו אַ פּאָרציע אײַנגעמאַכטס, וואָס איז געווען באַשטימט אויף אַ סך טעג, און אַפילו אויף אַ סעזאָן אָדער צוויי.

לעבן הויז האָבן מיר געהאַט אַ קליינעם גאָרטן פון גרינוואַרג, אָבער אַחוץ ציבעלע, אוגערקעס, רעטעכלעך און קליינע בייטן פּעטרישקע, שאַרפע רעזעדאַ און שמעקעדיקן פּעפּערמינץ, האָבן מיר נישט געהאָדעוועט קיין גרינסן — פּשוט דערפאַר וואָס מיר האָבן נישט געהאַט גענוג וואַסער — אָבער בײַ אונדז אין הויז האָט קיין גרינוואַרג נישט געפעלט. זיי פלעגן געבראַכט ווערן צו אונדז אָנגעלאָדן אויף די רוקנס פון אייזלען דורך אַראַבישע הענדלערס פון דעם בית־נטופה־טאָל וואָס האָט געהאַט וואַסער בשפע. און ס'זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אין סעזאָן די מאַנדלען, וואָס מיר האָבן געוואַרט אויף זיי מיט אומגעדולד, און די גרינע אַרבעס, וואָס מיר האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט רוי אָדער געבראָטן, ווי אויך די קוקורודזע, וואָס איז אונדז געווען באַטעמט סײַ געקאָכט, סײַ צוגעבאַקן אויפן פײַער. אַ באַזונדערן טעם האָבן געהאַט די יונגע טרויבן־בלעטער, אָנגעפילט מיט רײַז און פלייש.

די שפּייַז איז געווען נאַטירלעך און פּשוט — זי האָט געשטאַמט פון דער אייגענער ערד און פון דער אייגענער פּראַצע.

ח

די חדשים פון יאָר פלעגן מיר ציילן לויטן יידישן לוח, ווי די שבתים און יום־טובים זענען געווען די צענטראַלע אַקסן און גלייַכצייַטיק אויך די הויכפּונקטן. אָבער אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן איז אָפּגעפלאָסן לויט אַן אַנדער קאַלענדאַר — דעם קאַ־לענדאַר פון די יאָר־סעזאָנען און פון זייערע ענדערונגען. דאָס אַפּילו דעם האַרבסט אין מייַן דאָרף האָט זיך נישט באַגרענעצט צו דעם אַזוי וווּנדערלעכן און קורצן איבערגאַנג פון די הייסע און שווערע טעג צו קעלטערע טעג און ספּעציעל נעכט. האַרבסט אין דאָרף באַטייַט אייַנזאַמלען די זומער־תּבֿואה אינעם שייַער און שפּייַכלער; אַרייַנברענגען די שטאַנגען קוקורודזע און סאָרגע אין שייַער אַרייַן. מיטן קומען פונעם האַרבסט זענען די שניט־פעלדער דורכגעאַקערט געוואָרן מיט אַן איינמעסערדיקן טיפן אַקעראייַזן און ס'זענען צוגעגרייט געוואָרן די שטחים פאַרן „כרב", דאָס הייסט, די שטחים פון וועלכע מ'האָט אַראָפּגענומען די שויטן־געוויקסן, וואָס באַפרופערן די ערד און אויף וועלכע מ'האָט שוין געקענט פאַרזייען תּבֿואות. אין האַרבסט האָבן אַרויסגעַ־שפּראָצט פון דער ערד די ערשטע ווילדע בלימעלעך (חצב). זיי זענען אַרויס, אַזוי צו זאָגן, פון זיך גופא, אָן דער הילף פון הימל און פון זייַנע רעגנס. מיט אַ ציטער האָבן מיר געוואַרט אויפן ערשטן רעגן, דעם יורה, און ווען ער איז געקומען, איז עס געווען אַ יום־טוב פאַר די אויגן און פאַרן האַרץ. מיטן האַרבסט זענען געקומען די גרויסע יום־טובים, ראש־השנה און יום־כּיפּור, ווען אַלע אין דער קאָלאָניע אָן אויסנאַם האָבן גע־פאַסט. ווען כ'בין געווען אַ קינד, האָב איך, פּונקט ווי דאָס רוב

קינדער פון דאָרף, זיך באַנוגנט צו פאַסטן בלויז אַ האַלבן טאָג. דערנאָך איז געקומען סוכּות. שוין בײַם אויפשטעלן און באַפּוצן די סוכּות האָבן מיר אָפּגעפּילט דעם יום־טוב און די ערשטע זיך צו פרייען זענען געווען מיר, די קינדער.

צו די יום־טובים פלעגן אין דאָרף אַרײַן צוריקקומען אַלע דערוואַקסענע קינדער, וואָס זענען אַוועק לעבן אין אַנדערע ערטער. געווען, פאַרשטייט זיך, אויך אַזעלכע וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט אין שטאָט כּדי זיך „אײַנצואָרדענען" אויף פאַרשיידענע אַמטן, אַ באַגריף וואָס האָט שוין עקזיסטירט אין יענע טעג. אָבער דאָס רוב האָט פאַרלאָזן כּדי אויפצושטעלן נײַע קאָלאָניעס. דער צונויפקום פון דער גאַנצער עדה פון מסחה אין די יום־טוב־טעג האָט דעם יום־טוב צוגעגעבן נאָך אַ טעם און האָט אונדז אַרײַנגעגעבן אַ געפיל פון כּוח און אַנגעהעריקייט. דער פײַערלעכער מאַלצײַט דעם ערשטן יום־טוב־אָונט, די דערציילונגען וועגן דעם וואָס עס הערט זיך אין די נײַ־געגרינדעטע קאָלאָניעס, די מתּנות, די פרײַנדלעכקייט — דאָס אַלץ האָט אויסגעטיילט די דאָזיקע אָוונטן פונעם געוויינלעכן, אָנגענומענעם ציקל. און אויף מאָרגנס בעתן אויסנעמען (קריאת התּורה), פלעג מען צונויפנעמען אין שול אַלע קינדער וואָס זענען נאָך נישט געוואָרן בר־מיצווה, מ׳פלעג אויסשפּרייטן איבער זיי אַ גרויסן טלית און די קינדער פלעגן מאַכן די ברכה אַלע צוזאַמען מיט הויכע און פריילעכע קולות. שׂימחת־תּורה פלעג מען אונדז געבן פענער, וואָס אין זייער שפּיץ האָט געשטעקט אַן עפּל, פון אונדזערע אייגענע פּרוכטן, און גאָר אויבן, אינעם עפּל, אַ קליין ברענענדיק ליכטל. צוליב דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פונעם יום־טוב האָבן מיר געפּילט ווי אַזוי די תּורה גלידערט זיך אײַן אין דער ערד־אַרבעט און אין דער פרייד פון איר גערעטעניש. די דאָזיקע יום־טובים זענען געווען די איינציקע ווען דער פאָטער פלעג גיין אין שול אַרײַן. אין די אַנדערע טעג און יום־טובים האָט מען אים דאָרט נישט אָנגעזען. כאָטש ער

איז געווען אַ תּלמיד־חכם, האָט ער זייער אָפּט געפֿירט טעאָלאָ־גישע וויכּוחים מיט די כּלי־קודש אין דער קאָלאָניע: מיטן שוחט און מיטן חזן, ספּעציעל ווען דאָס איז געווען אַ חזן פֿון דרויסן, וואָס איז געקומען זײַן דער בעל־תּפֿילה אין די ימים־נוראים. אין די דאָזיקע דיסקוסיעס פֿלעג ער פֿאַרטיידיקן די מאָראַלישע ווערטן און דאָס ראַציאָנאַלע אין תּורת־משה און אין דער תּורה שבעל־פּה, ער האָט זיך אָבער אָפּגעגרענעצט פֿונעם קולט און פֿון דער מיסטעריע וואָס אין זיי. דאָס וואָס ווערט אין זיי געזאָגט וואָס שייך ענינים צווישן איין מענטש און אַנדערן, דאָס האָט ער אָנ־גענומען. אָבער בנוגע די זאַכן בין אָדם למקום — האָט ער געהאַט ספֿקות.

נאָך די יום־טובֿים זענען געקומען די ערשטע רעגנס, דער ווינטער. ביז הײַנט פֿיל איך נאָך דעם ערשטיקן טעם פֿון אַ קינד יעדער מאָל ווען כ׳דערפֿיל דעם פֿאַרשיכּורנדיקן ריח פֿון דער אויסגעטריקנטער ערד, וואָס זאַפּט אין זיך אײַן די וואַסערן פֿונעם ערשטן רעגן, דעם יורה. טייל מאָל פֿלעג דער ריח פֿון דער צע־אַקערטער ערד אַרײַנגיסן אין אונדז אַזאַ שיכּרות, אַז מיר פֿלעגן זיך אויסשפּרייטן אויף איר, נעמען פֿון איר אַ הויפֿן און אים קײַען. די ערד איז געווען ריין. און ס׳איז אַ פֿאַקט, אַ פֿאַקט וואָס כ׳קען אים אפֿשר נישט דערקלערן, אַז כ׳האָב געפֿילט אין איר אַ גוטן טעם.

אַזוי ווי ס׳פֿירן זיך די פּויערים אומעטום, האָבן מיר אויך געהויבן די אויגן צום הימל און געבעטן דעם אייבערשטן ער זאָל אַראָפּשיקן דעם רעגן.

ווען ס׳האָט געהאַלטן בײַם פֿאַרזייען, האָבן זיך תּמיד געאַמ־פּערט צווישן זיך צוויי פּויערים־שולעס: וואָס איז בעסער? פֿאַרזייען פֿאַרן ערשטן רעגן, אָדער נאָך אים? אויב דו האָסט פֿאַרזייט פֿאַרן יורה, האָסטו געוואָסן פֿון אַ היפּשן קוואַנטום רעגן וואָס פֿילט אָן די זוימען און פֿאַרזיכערט אַ פֿרײַיק אויפֿשפּראָצן, אָבער אויב דער צווייטער רעגן פֿאַרזאַמט זיך, ווערן די שפּראָצן

פֿאַרוועלקט און דעמאָלט האָסטו קיין אַנדער ברירה נישט ווי צו פֿאַרזייען אויף דאָס נײַ, אין מיטן ווינטער. די אָנהענגערס פֿונעם פֿאַרזייען נאָכן ערשטן רעגן האָבן דערקעגן געהאַלטן, אַז אין זייער שיטה שטעקט אַ קלענערע ריזיקע, ווער רעדט נאָך אַז בײַם פֿאַרזייען ווערן אויך פֿאַרטיליקט די שפּראָצן פֿון ווילדגראָז. די שיטה האָט אָבער אויך אַ פּגם: אין דעם פֿאַל פֿאַרבלײַבט ווייניקער צײַט ביז עס וואַקסט אויס די תּבֿואה. ס׳איז זיי שווער געווען זיך צו אַנטשליסן און אויך איך ביז נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג נישט פֿעסט בײַ זיך, וועלכע פֿון די ביידע שיטות איז די בעסערע.

צווישן איין רעגן און דעם צווייטן פֿלעגן מיר פֿאַרזייען די ווינטער־תּבֿואה, אַרומשנײַדן די קוסטעס אין ווײַנגאָרטן, צעאַקערן און צעגראָבן צווישן די שורות, אַרומשערן די מאַנדלביימער. און ווען ס׳פֿלעגן זיך צום סוף פֿאַרענדיקן די אַלע אַרבעטן און ס׳איז שוין געשטאַנען דער ווינטער און די גראָזן האָבן אָנגעהויבן וואַקסן, פֿלעגן מיר, צוזאַמען מיט אַלע פּויערים פֿון דער קאָלאָ־ניע, אַוועקשיקן די קי, די מוילאייזלען, די פֿערד און די אייזלען אויף דער גרויסער לאָנקע וואָס האָט זיך געפֿונען נישט ווײַט פֿון דעם דעמבנוואַלד, צפֿון־מערבֿדיק פֿון דאָרף, צו די שטחים אויף וועלכע ס׳געפֿינט זיך הײַנט דער קיבוץ בית־קשת. די פּויערים פֿלעגן זיך ווײַצלען, אַז די בהמות „זענען געשיקט געוואָרן אויף וואַקאַציעס״. מיר האָבן די דאָזיקע שטחים גערופֿן „וואַלד״ בעת די אַראַבער האָבן זיי גערופֿן „וואַאַר״, וואָס וויל זאָגן: אַ שטח פֿון פֿעלדזן אָדער אַ וועלדל פֿון דעמבן. למען־האמת האָבן דאָרט ביידע נישט געפֿעלט.

אַן ערך צוויי חדשים האָבן די בהמות פֿאַרבראַכט אויף דער נאַטור־פּאַשע, נישט אומקערנדיק זיך אַהיים. געווען מיט זיי זענען בלויז די אַראַבישע פּאַסטעכער. די סטאַדעס פֿלעגן צוריקקומען ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער ווינטער־סעזאָן, צום פֿרילינג צו. דאָס בילד פֿון די הונדערטער בהמות, וואָס טופּען מיט זייערע טריט אין אַן איינהייטלעכן שנעלן טעמפּאָ, האָט ממש פֿאַרכאַפּט

דאָס אויג. דאָס מוקען, דאָס מעקען, דאָס הירזשען און דאָס רעווען זענען געווען אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע, האָבן איבערגעריסן איינס דאָס אַנדערע און האָבן צוזאַמען געשאַפן אַ מין באַזונדערע אויפרודערנדיקע מוזיק, וואָס אַ פרעמדער וואָלט נישט פאַרשטאַנען. קלאַפּנדיק מיט זייערע קאָפּיטעס אין דער ערד פונעם דאָרף, האָבן די בהמות געשפּאַנט לענג־אויס דער הויפּטגאַס און האָבן זיך סטאַדעסווײַז מיט איין מאָל פּאַר־קערעוועט פון זיך אַליין דורך די אָפענע טויערן אין די הייף אַרײַן, יעדע סטאַדע אין הויף פון איר באַלעבאָס. דאָ האָט טאַקע „דער אָקס געוווּסט זײַן באַלעבאָס און דאָס אייזל די קאָריטע פון זײַן האַר״. די באַלעבאַטים גופא פלעגן שטיין בײַם טויער, אָפּציילן די בהמות און נאָכזען צי ס'פעלט נישט וועלכע פון זיי, צי זיי זענען צוריקגעקומען בשלום. רירנדיק איז געווען די סצענע פון דער באַגעגעניש פון אַלטע פרײַנד, פון די פּויערים מיט זייער פי, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהיים. אין די חדשים ווען זיי האָבן זיך געפּאַשעט און אויסגערוט, האָבן די בהמות באַוויזן צוצונעמען פלייש און זייער הויט איז געווען קלאָר און גלאַנציק. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דער אָדער יענער קו נאָכגעשלעפּט אַ יונג און צעטומלט קעלבל, וואָס פלעג נאָכגיין דער מאַמען זײַנער אין שטאָל אַרײַן, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן אויף זײַן נײַער היים. ס'האָט אויסגעזען, אַז מיטן צוריק־קומען פון די סטאַדעס אין דאָרף אַרײַן איז צו אים אַזוי ווי צוריק־געקומען דער פרילינג אַליין.

דאָס רוב ווינטערטעג איז אונדזער דאָרף געווען אָפּגעשניטן און האָט טייל מאָל אויסגעזען ווי אַ פאַרלאָזענער אינדזל. אַרבעט איז געווען ווייניק. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן און מיר זענען זיך געזעסן אַרום דעם ליימענעם קאַמין, זיך אײַנגעקוקט אין די גליענדיקע האָלצקוילן, וואָס וואַרעמען די שטוב און גלײַכ־צײַטיק דאָס האַרץ, צײַטנווײַז פלעג זיך, אין די ווינטערדיקע אָוונטן, די יוגנט צונויפזאַמלען אינעם קלוב פון דאָרף, אַ מאָל אויף

אַ שמועס, אַ מאָל אויף אַ שטורמישן טאַנץ אונטערן קלאַנג פון אַ מאַנדאָלינע, אַ פליט און אַ מויל־האַרמאָניקע. די טעג, ווען מ׳האָט נישט געאַרבעט אין פעלד, פלעגן אויסגענוצט ווערן אויף צו פאַרריכטן די אַרבעט־מכשירים, דאָס געשפאַן פון די מוילאייזלען און די פערדזאָטלען, און זיי אויסשמירן מיט סמאָלע. מ׳פלעג אויך דעמאָלט גרינטלעך אויסרייניקן די קישטאָלן, די שעפסן־שטאַלן און די פערדשטאַלן איידער די סטאַדעס האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

צווישן איין רעגן און אַ צווייטן פלעגן זיך די מענטשן אַרויסכאַפּן פון די הײַזער אין דרויסן, טראַגנדיק אויף זיך שווערע ווינטער־מאַנטלען און אויף די פיס גומי־שטיוול. זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען אויף דער הויפּטגאַס פון דער קאָלאָניע צו „כאַפּן" אַ ביסל זון און אויך אַ שמועס.

ט

ווען ס׳האָבן אויפגעהערט די רעגנס, האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף פון פרילינג אויף די פעלדער, אויף די בערג און אויפן מענטשן. אין אַ פיבערדיקן טעמפּאָ האָט מען אַ צעאַקער געטאָן די פעלדער — די לעצטע אויפאַקערונג מיט דעם צווייטעסערדיקן אַקעראײַזן, וואָס לאָזט נישט איבער נאָך זיך קיין גרודעס, און די זומער־תּבֿואה איז פאַרזייט געוואָרן מיט גרויס פּינקטלעכקייט און מיט אַ תּפֿילה אין האַרצן — אַזוי ווי ס׳פירט זיך און ס׳איז אָנגענומען בײַ פּויערים יאָר נאָך יאָר, ווען ס׳רעדט זיך אין פעלדגעוויקסן וואָס דאַרפן וואַקסן אָן אַ רעגן, בלויז מיט דער הילף פון דעם טוי און דער פײַכטקייט וואָס איז אײַנגעזאַמלט אין דער ערד. אין די טעג צווישן סוף ווינטער און אָנהויב פרילינג פלעגן פון די טיפענישן פון דער ערד, באַדעקט מיט אַ גרינער קאָלדרע, אַרויסשפּראָצן מאַסן פּילפּאַרביקע בלומען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג.

אָבער פון אַלע די בליעכצן האָט די נאַטור נישט באַשאַפן קיין שענערע און מער פאַרשיכורנדיקע ווי דאָס ראָז־ווײַסע בליעכץ פונעם מאַנדלבוים, וועמ רעדט נאָך פון הונדערטער דונאַם מאַנדל־פלאַנצונגען, וואָס זענען אין פעברואַר אין משך פון עטלעכע וואָכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומגעהײַערע בליִענדיקע גערטנער.

דער זומער־סעזאָן אין כּפר־תּבור איז אין מײַן זכּרון פאַרבליבן ווי אַ הייסער סעזאָן, פול מיט פּירות, מיט תּבואה־פעלדער הויך ווי אַ מענטש, און מיטן שניט: אומגעהײַערע סטויגן אין שײַער, דאָס דרעשען מיט אַ דרעשמאַשין, דאָס אָפּטיילן די קערנער פון דער פּלעווע דורך אַ הילצערנעם ווינטשופל; דאָס אויסמעסטן די תּבואה, דאָס אַראָפּנעמען די אייזלבירטן און דער ריח פונעם טאַבאַק וואָס טריקנט זיך; דאָס אַראָפּנעמען די ווײַנטרויבן און די מאַנדלען; און די פאַרשיידענע פּירות וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער דאָרף אין קאַסטנס וואָס שאָקלען זיך אויף די רוקנס פון אייזלען געפירטע דורך די אַראַבער פון דער געגנט. ווי געזאָגט, פלעגן זיי קומען צו אונדז פון דעם בית־נטופה־טאָל וואָס פאַרמאָגט אַ סך וואַסער און מיר פלעגן קויפן בײַ זיי אויפס און אַנדערע געוויקסן וואָס מיר אַליין האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו לאָזן וואַקסן בײַ אונדז, ווי מילגרוימען, פײַגן און זאַפטיקע אַרבוזן. די וואַסער־אָפּזאַצן בײַ אונדז זענען געווען אָרעמער ווי בײַ זיי און דעריבער איז אויך אָרעמער געווען די פאַרשיידנקייט פון אונדזערע געוויקסן. מיר האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דעם וויכטיקסטן און וואָס עס לוינט זיך צום בעסטן, נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען און די אַרבעטקראַפט. די קולות פון די גאַסן־הענדלערס זענען אַ טייל פון די זומער־קולות אין מײַן געבורטדאָרף און זייער אויפס האָט צוגעטראָגן אַ זאַפּטיקן צושטײַער צו אונדזערע לבנה־נעכט אין שײַער, צו די נעכט פון שמירה און פון ליבע, ווי מיר פלעגן עס זינגען אין יענער צײַט, וואָס איז אַזוי ווײַט און אײַנגעקריצט אין מײַן האַרצן.

ז

דאָס רוב טעג פון יאָר זענען געווען געווידמעט דער אַרבעט. מיר האָבן געאַרבעט שווער און אויב מיר זענען געווען מיד, איז עס געווען אַ גוטע מידקייט, וואָס מאַכט דיך איינזינקען אין אַ טיפן שלאָף, נאָך וועלכן דו שטייסט אויף מיט אויסגעליכענע גלידער און אַן אויפגעפרישטער. מיר פלעגן אויפשטיין מיטן קאַיאָר צו דער אַרבעט אין דער באַלעבאַטישקייט און אין פעלד, פלעגן זיך פאַרזאָרגן מיט עסנוואַרג פאַר אונדז און פאַר די בהמות ווי אויך מיט וואַסער צום טרינקען און פלעגן זיך לאָזן אין וועג אַריין.

מיר האָבן שטאַרק געליטן פונעם שווערן קלימאַט: ווינטער פלעגן אונדז שלאָגן אין פנים די מיזרח־ווינטן, די שטאַרקע שרקיות וואָס שפּאַלטן די הויט און וואָס פלעגן אַריינדרינגען אויך דורך די הענטשקעס און פאַרגליווערן די פינגער פון די הענט; זומער — פונעם שווערן כאַמסין און פון די קאָמאַרן וואָס קיין זאַך האָט זיי נישט צוריקגעהאַלטן, נישט די ווייסע קעפּיעס מיט וועלכע מיר פלעגן אַרומוויקלען אונדזערע קעפּ, און נישט דער אייל מיט וועלכן מיר פלעגן באַשמירן דאָס פּנים און די אויערן. דער אַרבעטסטאָג פלעג זיך מיט אונדזער צוריקקומען אַהיים אָוונט־צו נישט פאַרענדיקן. ס'זענען נאָך פאַרבליבן צו טאָן אַ סך אַרבעטן: אין דער קישטאַל, אין דער פערדשטאַל, אין הינערשטייג, אין הויף און נאָך דעם אַלעם — די שמירה, יעדער לויט זיין ריי, סיי אויפן ווייַנגאָרטן און סיי אויפן דאָרף.

כ'געדענק נישט ווען עס איינפאַל ס'איז געווען אָנצוקאָר־מען די אַרבעט־בהמות גאַנץ פרי, דאָס הייסט נישט שפּעטער ווי פיר אַ זייגער פאַר טאָג. טייל מאָל, נאָכן אָנפילן זייערע קאָריטעס, פלעג איך פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט אינעם ווינקל פון דער שטאַל און צוהערן זיך ווי אַזוי דער גערשטן ווערט צעמאָלן צווישן זייערע גרויסע און שטאַרקע ציין. כ'בין געווען האַלב

פאַרשלאָפֿן, די אויגן האָבן זיך מיר געקלעפּט, און דאָך איז גוט געווען צו זיצן אַזוי אין ווינקל, אין דער דאָזיקער הייסער פינצ־טערניש פון דער שטאַל, וואָס איז אָנגעפּולט געווען מיט דער וואַרעמער פּאַרע פון די קײַענדיקע און סאָפּענדיקע בהמות, און זיך צוהערן צו אָט דער באַזונדערער נאַכט־סימפאָניע וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿט. ווען זיי האָבן פאַרענדיקט עסן זייער פּאַרציע, פלעג איך נעמען די באַרשט און אָנהויבן רײַבן און קעמען די בהמות איידער מ'האָט זיי אײַנגעשפּאַנט.

די טעג זענען געלאָפֿן און די סעזאָנען האָבן זיך געביטן. אונדזער לעבן האָט זיך געדרייט אין אַ באַשטימטן קרײַז, אין וועלכן ס'האָט אָפט געהערשט אַ געפּיל פון איינזאַמקייט, וואָס האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף דער שטימונג פון די אײַנוווי־נערס פון כּפר־תּבור. גרויס איז געווען אונדזער פרייד יעדער מאָל ווען ס'פלעג קומען אַ גאַסט אין אונדזער דאָרף. אויב מ'האָט אונדז פריער אָנגעזאָגט אַז ס'דאַרפן קומען געסט אָדער קרובים, פלעגן מיר אַרויספאָרן מיט אַ וואָגן זיי אויפצונעמען אויף דער באַן־סטאַנציע אין עפולה אָדער אויף אַ באַשטימטן טרעפפּונקט אויפן שאָסיי חיפה—טבריה.

און דאָ מוז איך ווידמען כאָטש עטלעכע ווערטער מסעודן, אַ יידן פון טבריה, וואָס פלעג אָנהאַלטן די עיקר־פאַרבינדונג צווישן אונדזער דאָרף און טבריה. איין מאָל אַ וואָך פלעג ער קומען אין דאָרף אַרײַן און נאָך אים פלעג זיך נאָכשלעפּן אַ קאַ־ראַוואַן מיט מויל־אייזלען אָנגעלאָדן מיט כּל־טוב — פּאָסט, געברויך־אַרטיקלען פאַרן הויז, פון מעדיקאַמענטן ביז מלבושים. מחמת דעם וואָס זיי זענען געווען אָפּגעריסן פון גרויסע ייִשובים, האָבן די פרויען פון דאָרף נישט געהאַט קיין ברירה און זיך געמוזט פאַרלאָזן אויפן גוטן געשמאַק פון מסעודן בײַם אויס־קלײַבן דאָס שטערנטיכל אָדער דעם שיינעם שאַל וואָס זיי האָבן בײַ אים באַשטעלט צום אָנקומענדיקן יום־טוב אָדער צו אַ משפחה־

געשעעניש. מסעודס וויזיט איז געווען די אַטראַקציע פון דער וואָך אין אונדזער פאַרוואָרפענעם דאָרף און זײַן דערשײַנען איז געווען אַ געגוגנדיקער אויסרייד אַוועקצולייגן אויף אַ ווײַל די אַרבעט־מכשירים אין הויף אָדער אַפילו צו פאַרלאָזן די שול־באַנק. אַלע פלעגן זיך לאָזן צום הויז פונעם אַרטראַט, האַפנדיק אויף אַ ברײַוו, אויף אַ געגאַרטן קעגנשטאַנד אָדער — וואָס ס'איז נישט ווייניקער וויכטיק — צו פאַרקויפן מסעודן פּראָדוקטן פון דער אייגענער באַלעבאַטישקייט איידער אַנדערע וועלן עס באַ־וויזן צו טאָן.

י״א

דעם גרעסטן טייל פון דער גערעטעניש פון די פעלדער און פון די מאַנדלען־פלאַנצונגען פלעגן מיר פאַרקויפן אין חיפה אָדער אין נצרת, סוחרים מיט וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין רעגולערע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען, אַ טייל פון זיי ייִדן און אַ טייל פון זיי אַראַבער. סוף זומער, ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט דאָס דרעשען אין שײַער און נאָך דעם ווי אַ טייל פונעם ווייץ, פונעם גערשטן, פון די בעבלעך איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן קומענ־דיקן סעזאָן, פאַרן אייגענעם געברויך און אויף צו שפּײַזן די בהמות און די עופות — די הייף פונעם דאָרף זענען טאַקע פול געווען מיט הינער, קאַטשקעס און גענדז — פלעגן מיר דעם גרעסטן חלק פון דער גערעטעניש אויפלאָדן אויף וועגענער גע־שפּאַנטע אין מוילאייזלען און אַ צענדליק יונגע־לײַט פונעם דאָרף איז מיט זיי אַרויס אין אַ לאַנגן קאַראַוואַן, מערסטנס אין די מיטאָג־שעהען, קיין חיפה. די נסיעה פלעג דויערן אַ גאַנצע נאַכט און קיין חיפה פלעגן מיר אָנקומען אויף מאָרגן מיטאָג־צײַט. אויפן וועג פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן אין פון פאַרויס באַ־שטימטע סטאַנציעס, דאָס רוב בײַ וואַסערקוואַלן און נישט דווקא אין יישובים וואָס קיין סך אַזעלכע זענען סײַ ווי אין יענע טעג

נישט געווען. מיר פלעגן אַנטרינקען די בהמות, זיך אונטערלעגן דאָס האַרץ, זיך אַ ביסל אויסרוען, אויסרייכערן אַ ציגאַרעט און זיך ווײַטער לאָזן אין וועג אַרײַן. דאָס דאָזיקע פאָרן צוזאַמען, אין אַ קאַראַוואַן, פלעג שאַפן אַ זיכערקייט קעגן וועגרויבערס — און אַזעלכע האָבן נישט געפעלט — און אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן און זיך קעגנזײַטיק צו העלפן, ווען דאָס איז נייטיק געווען. מאַכנדיק אַ פאַרגלײַך, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז דאָס זענען געווען קאַראַוואַנען פונעם ארץ־ישראלדיקן „ווילדן מיזרח" פון יענע טעג. אַזוי ווי מיר זענען צוזאַמען אַרויס באַוואָפנטע, אַזוי זענען מיר צוזאַמען צוריקגעקומען אין דאָרף אַרײַן — תּמיד צוזאַמען.

מיר פלעגן אויסנוצן אונדזער זײַן אין חיפה כּדי זיך אײַנ־שאַפן אַלע לעבנסוויכטיקע אַרטיקלען וואָס מיר האָבן נייטיק געהאַט אין די טעג פון דער לאַנגער „ווינטער־באַלאַגערונג". מיר האָבן אײַנגעקויפט צו הורטפּרײַזן אַלץ וואָס מ'האָט געקענט אײַנשפּײַכלערן און אויפהיטן אין שטוב אָן אַ מורא ס'זאָל קאַליע ווערן: אַנטועכץ, פושקעס צוקער, קעסטלעך באַלווע, פעסעלעך הערינג, פושקעס גערייכערטע פיש, סאַרדינען־קאָנסערוון, עטלעכע טוץ אויסטראַלישן „בולבוף", זאַלץ, נאַפט און ענלעכע אומבאַ־דינגט נייטיקע פּראָדוקטן. אייל האָבן מיר ליבער געהאַט צו קויפן בײַ אונדזערע אַראַבישע שכנים, ווײַל זייער פּרימיטיווע אײלבירטן־פּרעסערײַ האָט אויפגעהיט דעם ביטערלעכן געשמאַק פון דעם איילבירט.

די באַגעגעניש מיט דער גרויסער שטאָט איז באַגלײט געווען דורך שטאַרקע און אײַנדרוקספולע איבערלעבענישן, וואָס האָבן באַרײַכערט דעם אוצר פון אונדזערע דערציילונגען אין משך פון אַ סך טעג. אונדזערע אויגן האָבן דאָרשטיק און מיט פאַרוווּנ־דערונג פון דאַרפסײַנגלעך אײַנגעזאַפט דעם אויסזען פון די גאַסן וואָס האָבן געווימלט פון מענטשן און וועגענער. אַ לאַנגע צײַט זענען מיר געשטאַנען און גלוסטיק זיך אײַנגעקוקט אין די שויי־

פענצטער וואָס האָבן אונדז אויסגעזען ווי דער הויכפּונקט פון שיינקייט און פון פּראַכט. כאָטש מיר זענען פון אונדזער קינדהייט אָן דערצויגן געוואָרן אויף שפּאָרזאַמקייט, האָבן מיר זיך דאָך ביי יעדער נסיעה דערלויבט „אַ וואַיוועס צו טאָן" און צעטרענצלען אַ ביסל געלט אויך אויף קליינע שפּאַנענדיקע פּאַרגעניגנס, ווי דאָס פאַרברענגען אין „פריילעכן גאָרטן", ווי ס'האָט געהייסן דער שטומער קינאָ אָן אַ דאַך אין דער אונטערשטער חיפה, וואָס זיין עקראַן איז געווען אויסגעשפּרייט צווישן די ביימער און פּאַנטאַנען. מיר האָבן געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען אונדזער פּאַנטאַזיע כּדי זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם וואָס ס'קומט פאָר אויפן ווייסן עקראַן. און ווי אַזוי קען מען קוקן אויף אַ פילם, אַפילו אַ שטומען און צייטנווייז אַ צעשוואומענעם, און נישט לעקן דערביי אַ זוויערלער־זיסע גלידה (אייזקרעם), וואָס אויך זי האָט מען אין אונדזער דאָרף נישט געקענט באַקומען?

דאָס גיין אין „פריילעכן גאָרטן" פלעג מיר נישט ווילנדיק דערמאָנען דעם אַראַבער וועלכער פלעג קומען צו אונדז אין דאָרף אַריין יעדע עטלעכע חדשים טראָגנדיק אויף זיין פּלייצע אַ „צויבער־קעסטעלע" און אין האַנט אַ דריי־פוס. אין איינעם פון די ווינקלען פון דער גאַס פלעג ער אָוועקשטעלן דעם דרייפוס, צופעסטיקן צו אים דעם „סאַנדוק אַגמי" (דאָס פּערסישע קעס־טעלע) און פאַר אַ האַלבן מצרישן גרוש, אָדער צוויי אייער, פלעג ער עפענען פאַר אונדז דאָס טויער צו דער וווּנדערלעכער וועלט פון פאַרכּישופטן מיזרח. דורך דעם קיילעכדיקן שייבל פלעגן מיר זיך אָנקוקן אויף די זעענס־ווערדיקייטן פון פּערסיע, אויף די פּיראַמידעס פון מצרים, פלעגן מיר אָנזעטיקן אונדזערע אויגן מיט די מינאַרעטן פון דמשק, מיט די העלדישע זעלנערס וואָס וואַרפן זייערע שפּיזן אין די מאַוומדיקע דראַקאָנעו, און אויך מיט די נאַקעטע פרויען — בילדער וואָס דער אַראַבער האָט געהאַלטן אין דרייען איינס נאָכן אַנדערן, באַגלייטנדיק זיי מיט אויפקלערונגען אין גראַמען.

צו אַנדערע, נענטערע מערק, דער עיקר קיין נצרת, פלעגן מיר פאָרן אויך אין אַנדערע סעזאָנען. כּדי נישט פאַרפּלייצן דעם מאַרק אויף אַ מאָל און אַזוי אַראָפּנידערן די פּרייַזן — ווער האָט בכלל געהערט אין יענע צייַטן וועגן דעם באַגריף סובסידיע? — האָבן מיר זיך, ווי ווייַט מעגלעך, אָפּגעהאַלטן פון קאָנצענ־טרירן דעם פאַרקויף פון אונדזערע פּראָדוקטן אין איין שטאָט און אין דער זעלבער צייַט, בפרט נאָך אַז די גערעטענישן פון דעם קליינעם דאָרף כּפר־תּבור זענען געווען גרויסע און שפּע־דיקע, מחמת, נישט געקוקט אויף זייַן קליינעם פאַרנעם, האָט ער דיספּאָנירט מיט גרויסע שטחים אויסגעצייכנטן באָדן און האָט געגאָלטן ווי אַ מין תּבואה־שפּייַכלער אין מיניאַטור.

אויב מייַן זכּרון פאַרפירט מיך נישט, בין איך אַלט געווען פינף יאָר ווען כ׳בין געפאָרן צום ערשטן מאָל קיין נצרת. און מיט דער ערשטער נסיעה איז געקומען דער אַפּעטיט — כ׳האָב אַלץ געטאָן נישט צו פאַרפעלן קיין שום געלעגנהייט צו פאָרן אַהין. יעדער מאָל ווען דאָס איז מיר געלונגען, פלעג איך באַ־גלייטן מייַן פאָטער אָדער מייַנע עלטערע ברידער אין זייערע אָפטע נסיעות צו דער קרייַזשטאָט. דאָס עצם אַרייַנפאָרן אין שטאָט פון קירכעס און צלמים, דאָס טרעפן זיך מיטן מיזרחדיקן פּילפּאַרביקן, געדיכטן, שטינקענדיקן רעשיקן מאַרק און דאָס פאַר־בלייַבן אויף אים אין משך פון לאַנגע שעהען — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן מייַן האַרץ. דאָס האָט אָבער אויך אויפגעוועקט אין מיר אַ געפיל פון שאַרפער פרעמדקייט און טייל מאָל אַפילו אַ געפיל פון שׂינאה. זעט אויס אַז די לעקציעס אין דער שולע און די דערציילונגען וועגן די לײדן וואָס ייִדן זענען אויסגעשטאַ־נען פון די קרייצפאָרערס, די שווידערס פון דער אינקוויזיציע, דער גירוש פון די ייִדן פון שפּאַניע — דאָס אַלץ האָט געלאָזט אין מיר זייערע שפּורן. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ מין אָפּצוים, אַ נישט געזעענעם אָבער קלאָרן, צווישן מיר און אַלץ וואָס האָט סימבאָליזירט דאָס קריסטנטום, כאָטש דאָס האָט זיך נישט אַרויס־

געווזן אין מײַנע באַציִונגען צו די קריסטן ווי מענטשן, וואָס אַ סך פֿון זיי פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין הויז. אין גאַנצן אַנדערש איז געווען מײַן באַציִונג צום איסלאַם, וואָס לגבי אים האָבן זיך אין מיר נישט אָנגעזאַמלט קיין ביטערע און אָפּשרעקנדיקע עוולות. ביזן הײַנטיקן טאָג געדענק איך ווי אַזוי כ׳פֿלעג זיך אויס־היטן אײַנבייגן זיך בעת כ׳פֿלעג זיך געפֿינען פֿאַר אַ קירך, כּדי ס׳זאָל נישט אויסקומען אַז איך בוק זיך פֿאַר אַ צלם. דער אַ איסור וואָס כ׳האָב אויף זיך גענומען באַוווסטזיניקערהייט האָט מיך זייער באַשווערט ווען כ׳האָב געדאַרפֿט אויפֿהייבן אין וואָגן אַ זאַק תּבֿואה אָדער מאַנדלען כּדי צו העלפֿן דעם טרעגער אים אַרויפֿצוטאָן אויף זײַנע פּלייצעס. דעמאָלט פֿלעג איך זיך אַרונ־טערלאָזן אויף די גראָבע פֿינגער פֿון מײַנע פֿיס, אײַנבייגנדיק די קני, און אַכטונג געגעבן אַז מײַן קאָפּ און רוקן זאָלן פֿאַרבלײַבן ווי ווײַט מעגלעך אויסגעגליכן.

י״ב

אַזוי ווי אַלע פּויערים, איז מײַן פֿאָטער געווען אַ פֿאַרנומענער מענטש. און איך, ווי אַלע קינדער, פֿלעג ליב האָבן צו שפּאַצירן צוזאַמען מיטן טאַטן. ביז הײַנט געדענק איך גענוי די ווייניקע שפּאַצירן וואָס מיר האָבן צוזאַמען געמאַכט צום הר־תּבֿור. אַרויפֿ־גיין צום שפּיץ פֿון באַרג פֿלעגן מיר תּמיד מיטן טאַטן גאַנץ פּאַמעלעך. נישט אַזוי דערפֿאַר וואָס ס׳איז אים געווען שווער צו גיין, נאָר ווײַל ער האָט פּשוט געהאַט אַ טבֿע צו גיין פּאַוואָליע. ער פֿלעג שפּאַנען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און געמאָסטענע טריט, פֿאָכנדיק מיט אַ שטעקעלע, וואָס ער האָט אַליין אויסגעאַרבעט און וואָס האָט אים געקענט דינען אי ווי אַן אָנלען, אי צו פֿאַר־טיידיקן זיך אָדער צו אַן אַנדער געברויך. פֿון זײַן ערשטן שפּאַן אָן, צום הר־תּבֿור אָדער צו זײַנע ווײַטע פֿעלדער, האָט ער מער

נישט געביטן דעם טעמפּאָ פון זײַן גאַנג — ער האָט געשטעלט פּאַמעלעכע און געמאָסטענע טריט אַפילו דעמאָלט ווען ער האָט געדאַרפט מאַכן אַ סך קילאָמעטערס. כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, אָבער איך זע אים תּמיד פאַר מײַנע אויגן אָנגעטאָן אין אַרבעט־קליידער און אויפן קאָפּ אַ „קאַסקעט״. זומער זענען די אַרבעט־קליידער באַשטאַנען פון אַ פּאָר הויזן, וואָס די פאַרב זייערע איז געווען מער אַ גרויע ווי אַ בלויע, און אַ העמד מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, ווינטער איז צוגעקומען צו זיי אַ טונקל־ברוינער זשאַקעט, וואָס ער פלעג אַראָפּוואַרפן פון זיך איידער ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן.

אויף די שפּאַצירן מיטן טאַטן צום הר־תּבור פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן אויפן באַרג־שיפּוע אין הויז פונעם בעדווינער שייך אַראַוו אַ־זאַוויאַר. זיי זענען געווען אַלטע באַקאַנטע און צווישן איין קריגערײַ און דער אַנדערער — אויך גוטע פרײַנד. דער טאַטע האָט זיך שטאַרק אויסגעהיט נישט אויסצומײַדן זײַן גע־צעלט יעדער מאָל ווען ער האָט זיך געפונען אין תּחום פון דעם שבט, אויסטרינקען אַ טעפּעלע ביטערע קאַווע און דערמיט יוצא געווען. אָבער אויב דאָס איז געווען נאָנט צו מיטאָגצײַט, האָבן מיר נישט געקענט אַוועקגיין איידער מיר האָבן אָפּגעגעסן אַ פעטן מיטאָג מיט וועלכן די ברייטהאַרציקע גאַסטגעבערס האָבן אונדז מכבד געווען.

כ׳געדענק נישט דער טאַטע זאָל אונדז האָבן ווען עס איז באַגלייט אין אונדזערע שפּאַצירן צו די וואָדיס. די דאָזיקע שפּאַצירן פלעגט דאָס רוב דורכפירן בלויז אונדזער יונגוואַרג — צו פוס אָדער רײַטנדיק אויף אייזלען אָדער פערד. די אייזלען פלעגן אונדז, קינדער, דינען ווי טראַנספּאָרט־מיטלען הן פאַר דער אַרבעט, הן פאַר שפּאַצירן ווײַט פון דאָרף. דאָס רײַטן אויף זיי איז געווען אַ גוטע צוגרייטונג צו אַ העכערן שטאַפּל, דהײַנו, צו רײַטן אויף אַ פערד — אַ פאַרגעניגן וואָס מיר האָבן זיך אָפּ־געהאַלטן פון אים ביזן עלטער פון אַן ערך צען יאָר, נישט מחמת

מיר האָבן חלילה גרינגגעשעצט אייזלען. מיר האָבן געוווּסט אַז משיח וועט קומען רײַטנדיק אויף אַן אייזל און נישט אויף אַ פערד און דאָך פלעגן מיר מיט אַ גערירטקייט, געמישט מיט צער, ציילן אונדזערע יאָרן און ממש אויסגיין נאָך אָט דער גרעסערער בהמה מיטן שיינעם האַלדז און מיט די לאַנגע פיס. און ווי גרויס איז געווען דער אונטערשיד פון רײַטן אויף זיי: אויפן אייזל פלעגן מיר זיצן אויף זײַן הינטערשטן טייל ווי ווײַט מעגלעך צוליב זײַנע אויסטערלישע און וואַקלדיקע באַוועגונגען, אָבער אויפן פערד זענען מיר געזעסן האַלטנדיק אונדזערע קעפּ גאַנץ נאָענט צו זײַן קאָפּ.

אויסער די אַרבעט־בהמות זענען אין אונדזער דאָרף געווען נישט ווייניק אַדעליקע רײַטפערד, וואָס זייער הירזשען האָט זיך געטראָגן פון די הייף פון די פּויערים. מיר האָבן געהאַט אַן אַדע־ליקע און גאָר מיוחסדיקע קליאַטשע, וואָס איז געקויפט געוואָרן — כ׳געדענק שוין נישט דורך וועמען — אין עזה. די אַראַבער האָבן זי גערופן „אַל־אַזאַוויע״, דאָס הייסט די עזהרין, אָבער בײַ אונדז האָט זי געהייסן „עדינה״ (די איידעלע), און אַזאַ איז זי טאַקע געווען. זי איז געווען באַקאַנט מיט איר אָפּשטאַם און מיט אירע אייגנשאַפטן ווי איינע פון די בעסטע קליאַטשעס אין גליל, און אַ דאַנק איר פלעגן מײַנע ברידער נישט איין מאָל צוריקקומען ווי זיגערס אין די פערדגעיעגן אין וועלכע ס׳האָבן אָנטייל גענומען יידן און אַראַבער, אויף חתונות וואָס זענען געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד אין די געצעלטן פון די בעדוינער. אויך דער טאַטע פלעג אויף איר רײַטן. ער פלעג עס אָבער געוויינלעך טאָן צוליב אַ צוועק — כאַפּן אַ בליק אויפן פעלד אָדער אין גאָרטן. נישט אַזוי מיר, זײַנע זין, וואָס האָבן ליב געהאַט צו רײַטן אויף איר גלאַט אַזוי, צו אונדזער פאַרגעניגן. פון צײַט צו צײַט פלעג איך גאַלאָפּירן אויף איר איבער דער גאַס פון דאָרף אויך כּדי צו מאַכן אַ רושם, ספּעציעל אויף מיידלער פון שטאָט וואָס פלעגן פאַרבײַגיין אונדזער דאָרף בעת אַ שפּאַציר פון זייער קלאַס. אין

איינעם פון אַזעלכע רײַט־גאַלאָפּן איז מיר געשען אַ מיכשול און דער רימען פונעם זאָטל האָט זיך פּלוצעם איבערגעריסן. ביידע — דאָס הייסט דער זאָטל און דער רײַטער — זענען מיר אַראָפּגע־שלײַדערט געוואָרן אויף דר׳ערד. די צייכנס פון יענעם אַראָפּ־פֿאַלן זענען נאָך ביז הײַנט פאַרבליבן אויף איינעם פון די פינגער פון מײַן לינקער האַנט. די אַנדערע קערפּערטיילן זענען גאָר שטאַרק צעקלאַפּט געוואָרן. די אויסגעדרעסירטע קליאַטשע האָט זיך אָפּגעשטעלט און מײַן ברודער צבי, וואָס איז צופעליק פאַרבײַ־געגאַנגען, איז שנעל צוגעלאָפן מיר אַרויסהעלפן. מיר זענען נאָך געווען פאַרנומען מיטן אָפּוואַשן די ווונדן און אין דעם האָט זיך באַוויזן דער טאַטע. כ׳געדענק נישט צי ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף מײַנע ווונדן, כ׳געדענק אָבער יאָ דעם רויִקן טאָן פון זײַן קול ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: „דער זאָטל איז איבעריק. ער איז נייטיק בלויז צו אַ לאַנגער נסיעה. בעסער איז דו זאָלסט רײַטן אָן אים".

„גוט, טאַטע" — האָב איך געענטפערט — „כ׳וועל טאָן אַזוי... פון מאָרגן אָן".

„נישט פון מאָרגן אָן, נאָר שוין פון איצט אָן" — האָט דער טאַטע געזאָגט, און האָט צוגעגעבן: „גיי אַרויף אויפן פערד, האָב קיין מורא נישט און רײַט צו ביז צו דער אַפּטייק".

בלית־ברירה בין איך אַרויף אויפן פערד, פילנדיק ווי אַלע גלידער טוען מיר שטאַרק וויי. כ׳האָב גרײַלעך געוווּסט אַז מײַן פאָטער האָט מיך ליב, אָבער אין זײַן רעאַגירן איז ער תמיד געווען אײַנגעהאַלטן און ספּאַרטאַניש. מײַן ברודער אליאב האָט אין זײַן בוך דערציילט אין גאַנצן אַן אַנדער געשיכטע וועגן די רעאַגירונגען פון מײַן פאָטער און אויך דאָס מאָל אין שײַכות מיט אַן אַקצידענט וואָס מיר האָט פּאַסירט אין מײַן יוגנט. און אָט וואָס ער דערציילט:

„ווען ער איז אַלט געווען פיר אָדער פינף יאָר, איז ער געלאָפן אַנטקעגן אונדזער וואָגן מיט וועלכן מיר האָבן זיך אומ־

געקערט מיטאָגצײַט פֿון אַ נסיעה, כּדי אַרויפֿצוקלעטערן אויף אים. ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אומגעפֿאַלן און דאָס פֿאָדערשטע ראָד איז אַריבער איבער זײַן ברוסט. מ'האָט תּיכּף גערופֿן דעם דאָקטער, און דער טאַטע איז געשטאַנען איבער אים מיט אַ רעוואָלווער און געשריען: ,אויב דו וועסט נישט אָפּראַטעווען דאָס קינד, וועסטו פֿאַראַנטוואָרטלעך זײַן פֿאַר זײַן לעבן'. צו אונדזער גליק און צום גליק פֿון דעם דאָקטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס קינד איז נישט פֿאַרווונדעט געוואָרן און אַלץ איז אַדורך בשלום!"

אָט די האַרציקע דערציילונג רופֿט אָן שום ספֿק אַרויס אַ שמייכל אויף די ליפּן פֿון לייענער, אָבער דער וואָס האָט געקענט דעם טאַטן, האָט זיך מסתּמא מרחם געווען אויפֿן אָרעמען דאָקטער.

ביסלעכווײַז איז אַוועק די מאָדע צו האָדעווען די טײַערע רײַטפֿערד, אָבער דעמאָלט האָט מײַן פֿאָטער מסכּים געווען — צוליב זײַן ספּעציעלער באַציונג צו מיר און קענענדיק מײַן ליבע צו פֿערד — אַז מיר זאָלן אויפֿהאָדעווען אין שטוב די טאָכטער פֿון „עדינה", „כּוכבה" (שטערן), צוליב דעם ווײַסן שטערן וואָס זי האָט געהאַט אויף איר טונקל־ברוינעם קאָפּ. זינט דעמאָלט האָב איך, אַ בר־מיצווה־יינגל, געקענט נישט נאָר האָדעווען מײַן אייגן פֿערדל, נאָר אויך עס דרעסירן און זײַן זײַן איינציקער רײַטער. דאָס פֿערדל איז פֿאַרבליבן מיט מיר ביז מײַן אַוועקגיין לערנען אין בית־ספר כּדורי און דאַן האָט מען עס פֿאַרקויפֿט. צו מײַן גרויסן גליק האָט מען מיר, ווען כ'בין אָנגעקומען אין כּדורי, אָנגעטרויט, צוליב מײַן גענייטקייט, צו האָדעווען און אויסדרעסירן אַן אַנדער פֿערדל, „אביבה", וואָס איז געווען נישט ווייניקער שיין און לײַכטפֿיסיק ווי דאָס פֿריערדיקע.

דאָס אויסדרעסירן „אביבה" איז אַ מעשׂה פֿאַר זיך. ראשית־כּל האָב איך פֿאַרווערט מײַנע חברים זיך מיט איר צו פֿאַרנעמען. איך אַליין פֿלעג זי אָנקאָרמענען, באַרשטן, אַרויספֿירן און צוריק

אַרײַנפירן אין שטאַל. איין מאָל, ווען די צײַט האָט זיך מיר אויס־געזען צו זײַן פּאַסיק דערצו, האָב איך געבעטן מײַן פרײַנד אַרנן ער זאָל זיך זעצן רײַטן אויפן פערדלס מאַמען און איך וועל פּרוּוון רײַטן אויף „אביבה" צום ערשטן מאָל. כ'האָב געהאָפט אַז „אביבה" וועט בײַם רײַטן צופּאַסן אירע טריט צו די טריט פון איר מאַמען. אָבער צו מײַן גרויסער איבערראַשונג האָט זי, נאָך איידער כ'האָב באַוויזן זיך אַוועקצוזעצן אויף איר ווי ס'דאַרף צו זײַן — אָן זאָטל — אָנגעהויבן ווילד צו גאַלאָפּירן און איז אַרויף אויפן בערגל אין דער ריכטונג פון ספּאָרטפּלאַץ פון דער שולע. כ'האָב געוווּסט אַז כ'וועל זי נישט קענען אײַנהאַלטן, אָבער אַראָפּשפּרינגען פון איר אין אָט דעם משוגענעם גאַלאָפּ, האָט אויך זיכער באַטײַט ברעכן האַלדז און נאַקן. האָב איך דעריבער באַשלאָסן נישט פאַרלירן דעם קאָפּ און לאָזן דאָס פערדל לויפן צום אָפענעם שטח ביז ס'וועט אים פאַרפעלן כּוח. אויפן וועג האָב איך פאַרבײַגעריטן פאַר אונדזער פאַרוואַלטער שלמה צמח, זײַן פרוי און זײַן טאָכטער עדה. די פרוי צמח, אַ דאָקטאָרין, מיט וועלכער כ'בין געווען באַפרײַנדעט, האָט אַ געשריי געטאָן „יגאל, גיב אַכטונג!". די נאָכפאָלגנדיקע אויגן פונעם פאַרוואַלטער, די שרעק פון זײַן פרוי און די אָנוועזנהייט פון זײַן טאָכטער (נאָך אַ סיבה נישט אַראָפּצופאַלן) — דאָס אַלץ האָט מיך אָנגעפילט מיט אַ מין „שוויץ": מצליח צו זײַן פאַר יעדער פּרײַז! דאָס ווי־דערשפּעניקע פערדל איז דערווײַל אַזוי לויפנדיק אָנגעקומען אויף אונדזער פוטבאָלפּלאַץ, אויף וועלכן קאָלוזשעס בלאָטע, רעשט־לעך פון די לעצטע רעגנס, זענען געלעגן אין דער לענג און אין דער ברייט אַזוי ווי מאַטע וואַסערשפּיגלען. מיט אַלע מײַנע כּוחות האָב איך זיך באַמיט צו קערעווען דאָס פערדל צום פּלאַץ. ס'איז מיר געלונגען. מײַנע חברים וואָס האָבן דאָרט געשפּילט זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויפן אָרט און האָבן מיט אַן אומרויִקן, אָבער אויך פאַרווּנדערנדיקן בליק, באַגלייט דעם בתולים־גאַלאָפּ פונעם ווידערשפּעניקן פערדל. דאָס מטורפדיקע

קלעטערן אויפֿן באַרג, די פּײַכטע און ווייכע ערד האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן און דאָס פערדל האָט ביסלעכווײַז פּאַרלאַנגזאַמט זײַנע טריט. כ'האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און, אַנשטאָט עס אײַנ־צוהאַלטן, האָב איך עס אָנגעשפּאָרנט מיט די קנאַפּלען פֿון מײַנע שיך און אונטערגעטריבן מיטן ציימל ס'זאָל ווײַטער גאַלאָפּירן. דאָס אויסגעשעפּטע לאָשיקל האָט צוזאַמענגענומען זײַן לעצט ביסל כּוחות און אין אַ באַנײַטן אָנשטרענג גענומען צואײַלן דעם טעמפּאָ פֿון זײַן גאַלאָפּ. עס האָט אים אָבער מער נישט געסטײַעט קיין כּוח און ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד — אַ סימן אַז ס'האָט זיך אונטערגעגעבן. נאָך אַ פּאָר מינוט אָפּרו האָב איך עס אויסגעדרייט אויף צוריק און דאָס פערדעלע האָט מיט געמאָסטענע און פּאַמעלעכע טריט, אין פולער דיסציפּלין, זיך אומגעקערט אין שטאַל אַרײַן. די אויס־מאַטערונג־מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט. עס האָט זיך אונטער־געוואָרפֿן מײַן הערשאַפט און זינט דעמאָלט האָב איך בלויז גע־דאַרפט עס דרעסירן און אײַנטרענירן צו רײַטן אין אַ נאָרמאַלן טעמפּאָ.

י״ג

כ'האָב שוין דערציילט וועגן אונדזער הויז, וועגן זײַנע וווינ־קאַמערן און זײַן הויף. לאָמיר איצט דערציילן אין קורצן וועגן דעם אויסזען פֿון דער גאַס, אויף וועלכער דאָס הויז איז געשטאַנען. די גאַס איז געווען זייער אַ גלײַכע און אַרומגערינגלט מיט אַ שטיינערנער מויער, וואָס איז, ווי שוין פריער געזאָגט, געווען אָנגעשלאָסן אין די אויסערלעכע ווענט פֿון די קי־ און שעפּסן־שטאַלן און פֿון די אַנדערע ווירטשאַפט־בנינים אין די הייף פֿונעם דאָרף. אין דער מויער זענען געווען אַרײַנגאַנג־ און אַרויסגאַנג־טויערן, וועלכע מ'האָט געקענט בײַ נאַכט פֿאַרמאַכן אויף אַ שלאָס

און אַ ריגל. נישט בחינם האָבן זיך די אַלטע קאָלאָניעס אין גליל און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד אַרומגערינגלט מיט פּאַרטיידי־קונג־מויערן. זייערע אײַנוווינערס האָבן גוט געקענט די מענטשן־סביבה אין וועלכער זיי האָבן אויפגעשטעלט זייער הויז, ווער רעדט נאָך אַז די ייִדישע באַלעבאַטישקייטן האָבן געבליט און זיך צעוואַקסן און ס'האָבן נישט געפעלט קיין פײַנטלעכע און אַגרעסיווע עלעמענטן וואָס זענען תּמיד גרייט געווען זיך צו פּאַרמעסטן אויפן לעבן און אויפן פאַרמעגן פון די ייִדן — צוליב מאַטעריעלע אָדער צוליב שאָוויניסטישע מאָטיוון. דעריבער איז נייטיק געווען אַנצונעמען געהעריקע זיכערקייט־מיטלען און אין אַזאַ סאָרט מויער איז, לויט די באַגריפן פון יענע טעג, געלעגן אַ מין פּאַסיקע סטראַטעגישע תּשובה אויף די מעשׂים פון כולי־גאַנישע כּנופיות, פוסגייערס אָדער רײַטערס, באַוואָפנטע בלויז מיט לײַכטן כּלי־זין. נאָך מער ווי דאָס: די דערוואַקסענע מענ־לעכע באַפעלקערונג פון דאָרף פלעג טאַקע פאַרברענגען די נעכט צווישן די מויערן, די מערסטע טעג אָבער פלעג זי פאַרבלײַבן אין אָפענעם פעלד. איז בכן קיין וווּנדער נישט, וואָס אַרויסגייענדיק צו די ווײַטע פעלדער, האָבן די דערוואַקסענע געוואָלט איבער־לאָזן זײַערע משפּחה־מיטגלידער אין אַ מין פעסטער און זיכערער באַזע, כּדי זיי אַליין זאָלן, ווען ס'וועט נייטיק זײַן, קענען זיך אומקערן אין אַ זיכער אָרט. די דאָזיקע דערפער, אַרומגערינגלטע מיט מויערן — און אין אַ געוויסן אָפּשטאַנד פון זיי מיט אַ פּאַרקן פון שטעכיקן דראָט — זענען געווען פעסטונגען אין נוסח פון יענע טעג, אָבער בשום־אופן נישט געווען קיין געטאָס און ס'איז נישט געווען קיין ענלעכקייט, אַפילו נישט קיין צופעליקע, צווישן די דאָזיקע דערפער און די געטאָס פון נוסח מיזרח־אייראָפּע אָדער פון מיטעלן מיזרח.

פּאַקטיש איז בלויז די אויסערלעכע וואַנט געווען אַ מין מויער מיט טאָפּעלע, דיקע און זייער פעסטע ווענט. די ווענט פון שטיינער אָדער בעטאָן וואָס האָבן אָפּגעטיילט איין הויף פון אַנ־

דערן און איין באַלעבאַטישקייט פון דער אַנדערער, זענען נישט געבויט געוואָרן פאַר פאַרטיידיקונג־צוועקן, נײַערט קעגן אַן „עין־הרע״ פון אַ שכן אָדער אַ שכנה, און כּדי אויפצוהאַלטן ווי ווײַט מעגלעך די היימישקייט פון דער משפּחה, וואָס איר לעבן זאָל נישט שטיין אָפן פאַר אַלעמענס אויגן. אויך די טיילן פון הויף, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער הויפּטגאַס, זענען געווען פאַרמאַכט מיט אַ וואַנט און יעדער האָט געהאַט זײַן אייגענעם טויער. בלויז דער פראָנט פונעם הויז, וואָס מיר פלעגן אָנרופן „דאָס פאָדער־שטע גערטנדל״, איז געווען פאַרצוימט מיט אַ פּאַרקן פון אײַזערנע דראָטן אָדער פון שטעכיקע קוסטעס, אָדער אַפילו פון שטיינער. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן אַז דאָס אויסזען פון די גערטנדלעך איז געווען אַנדערש איינס פונעם אַנדערן. געווען צווישן זיי שענערע און ווייניקער שיינע — אַלץ לויטן געשמאַק פונעם בעל־הבית און לויט זײַנע מעגלעכקייטן. הינטער דער מויער האָט יעדער פויער פאַרמאָגט אַ שטיקל פעלד פון פיר דונאַם אויף צו האָדעווען פאַשע און גרינסן פאַר די באַדערפעניש פון הויף און פון דער משפּחה. דעם דאָזיקן טייל פון פעלד פלעגן מיר רופן — כ׳ווייס נישט פאַר וואָס — „דער הינטן פון גאָרטן״. אַ פאַרטקע אָדער אַן ענגער טויער האָט געפירט פון הויף צום דאָזיקן גאָרטן.

י״ד

נאָך זײַענדיק אין קינדער־גאָרטן, פלעג איך אָפט באַגלייטן מײַן פאָטער, ווען ער פלעג אַרויסגיין אין פעלד אַרײַן. כ׳האָב אים געזען ווען ער האָט געשמועסט מיט די אַראַבער און אויך ווען ער האָט זיך מיט זיי געקריגט. נישט איין מאָל בין איך געווען אַן עדות פון צוזאַמענשטויסן — ממש פיזישע צוזאַמענשטויסן מיט באַנוצן זיך מיט קאַמף־מאַנעווערס — מיט אַראַבער וואָס זענען אַרויף אויף זײַן שטח אָדער מיט אַ פאַסטעך וואָס האָט גע־האַט די העזה אַריבערצושיקן עטלעכע ציגן זיך צו פאַשען אויפן

עק פון זײַן פעלד. אין דער ערשטער רגע פלעג מײַן בלוט פאַר־פרוירן ווערן אין מײַנע אָדערן. דער סוף איז אָבער תּמיד געווען אַן אויסגעצייכנטער: מײַן פאָטער פלעג אַנידערוואַרפן זײַן קעג־נער אויף דר'ערד און אים צווינגען זיך אונטערצוגעבן.

איך געדענק איינע פון זײַנע שווערסטע אַמפּערנישן וואָס כ'האָב געזען זײַענדיק אַ קליין קינד. מײַן גאַנצע באַטייליקונג אין איר איז געווען דער נישט געלונגענער פּרוּוו צו וואַרפן אַ שטיין אין די צוויי אַראַבער, מיט וועלכע מײַן פאָטער האָט זיך געבאַרעט. יענעם טאָג, אין דער פרי, זענען מיר אַרויף אויפן וואָגן און זיך געלאָזן אין פעלד אַרײַן, וואָס איז געלעגן אַ דרײַ קילאָמעטער צפון־זײַט פון דאָרף, כּדי אײַנצוזאַמלען דעם ווייץ, וואָס מ'האָט געשניטן אַ טאָג פריער. בדרך־כּלל פלעגן מיר שנײַדן נאָך מיטאָג, ווען די תּבואה איז טרוקן, און ברענגען זי אַהיים אויף מאָרגן פאַר טאָג, ווען זי איז פײַכט פון דער ראָסע און די זאַנגען פּלאַצן נישט און ס'איז נישטאָ קיין געפאַר צו פאַרלירן קיין קערנער אויפן וועג.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום פעלד און דערזען צוויי אַראַבער זיצן בײַם ברעג פון וועג און זייערע פערד, צוגעבונדענע צו שטיינער, פּאַסמאַקעווען זיך מיט די גערשטן־זאַנגען פון אונ־דזער געשניטענעם פעלד. דער מאַטעריעלער שאָדן איז אין דער אמתן געווען אַ לײַכטער, ווײַל וויפל האָבן שוין די צוויי פערד באַוויזן אויפצועסן אין אַזאַ פריער שעה? אָבער דער צאָרן האָט זיך צעפלאַקערט אין מײַן פאָטער דערפאַר וואָס די אַראַבער האָבן געהאַט די העזה אַרויפצוגיין אויף זײַן שטח, אים מסיג גבול זײַן. און ווער? צוויי פרעמדע, דורכגייענדיקע אַראַבער, אַפילו נישט אַן אַראַבער אַ פרײַנד, וואָס אויב ער וואָלט זיך דערלויבט אַזוינס צו טאָן, וואָלט עס נאָך ווי עס איז געווען צו פאַרשטיין. מײַן פאָטער האָט אַ געשריי געטאָן אויף זיי און פאַרלאַנגט זיי זאָלן תּיכף אַוועקנעמען די פערד פונעם פעלד. וואָלטן זיי אויפגעע־שטאַנען, גענומען די פערד און זיך אָפּגעטראָגן, וואָלט דער

אינצידענט זיך פאַרענדיקט אָן אַ געשלעג. אָבער איינער פון זיי האָט געעפנט זײַן מויל און מכבד געווען מײַן פאָטער מיט אַ זאַפּ־טיקער אַראַבישער קללה. מײַן פאָטער איז שטאַרק געטראָפן גע־וואָרן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פאָרנדיקער פור — דער ווערטער־אויסטויש איז פאָרגעקומען נאָך איידער מיר האָבן דער־גרייכט דאָס פעלד, — האָט געכאַפּט די ווידלע און זיך אַ לאָז געטאָן אויף זיי. איך האָב אײַנגעהאַלטן די פרדות און בין אים נאָכגעלאָפן, כּדי אים צו העלפן, אויב ס'וועט נייטיק זײַן (אַלט געווען בין איך דעמאָלט, אויב כ'האָב קיין טעות נישט, זיבן אָדער אַכט יאָר) און האָב שוין דערזען ווי ער קעמפּט מיט איינעם פון זיי, בעת דער צווייטער פּרוּווט אים אָנכאַפּן בײַם רוקן. ס'איז געקומען דער מאָמענט איך זאָל זיך אַרײַנמישן און דאָס איז פּאַקטיש געווען מײַן ערשטע שלאַכט־אַרײַנמישונג, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן: כ'האָב צונויפגעזאַמלט אַ פּאָר שטיינדלעך און אָנ־געהויבן זיי צילעווען — זייער פאַרזיכטיק כּדי נישט אָנצורירן מײַן פאָטער — אין צווייטן אַראַבער, כ'האָב אים אָבער נישט גע־טראָפן. האָב איך אויפגעהויבן די ווידלע וואָס מײַן פאָטער האָט אַוועקגעוואָרפן לויפנדיק, מ'האָט זי שוין אָבער נישט באַדאַרפט. מײַן פאָטער האָט טאַקע נישט דורכגעמאַכט קיין קורס פלמ"ח און האָט נישט באַקומען קיין רעגולערע אויסשולונג אין הלכות דזשודאָ, אָבער ס'זענען אַוועק בלויז צוויי מינוט און דער ערשטער אַראַבער, מיט וועלכן ער האָט געקעמפּט, איז שוין געלעגן אויף דר'ערד; און דעמאָלט, מיט אַ פּלוצעמדיקער אומגעווייגלעכער באַוועגונג, זייענדיק איבערגעבויגן איבער דעם ליגנדיקן און שרײַענדיקן אַראַבער, האָט ער אַרומגענומען מיט איין האַנט ביידע פיס פון צווייטן אַראַבער און אויך אים אַוועקגעלייגט. אַזוי אַרום בין איך צום ערשטן מאָל געווען אַן עדות ווי מײַן פאָטער האָט מיט זײַנע צוויי הענט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. ס'וועט נישט זיין איבעריק צוצוגעבן, אַז אין קעשענע האָט ער געהאַלטן אַ רע־וואָלווער. ער האָט אים אָבער נישט אַרויסגענומען. וואָס די אַראַ־

בער האָבן געהאַט אין זייערע קעשענעס ווייס איך נישט. זיי זענען אויפגעשטאַנען, גענומען זייערע פערד און זיך אָפּגעטראָגן פאַרשעמטע. באַלד דערנאָך זענען אין פעלד אַרײַן געקומען עטלעכע אַראַבער פון דער סביבה — שכנים, וועלכע האָבן גוט געקענט מײַן טאַטן און וואָס זענען געווען עדות פון דער שלאַכט, און האָבן אים באַגריסט צו זײַן נצחון.

„פאַר וואָס האָסטו נישט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער?“ — האָב איך אים געפרעגט און ער האָט געענטפערט: „אַ שאָס קען זיך פאַרענדיקן מיטן טויט פונעם אַראַבער און דאָס הרגענען אַן אַראַבער עפּנט אַ חשבון פון בלוט, וואָס קען זיך ציען צענדליקער יאָרן. מיר דאַרפן וווינען דאָ און דעריבער דאַרף מען אַלץ וואָס מ׳קען טאָן מיט די הענט אָדער מיט דער ווידלע, נישט טאָן מיט אַ רעוואָלווער. מיט אַ רעוואָלווער דאַרף מען זיך באַנוצן דעמאָלט ווען ס׳איז נישטאָ קיין ברירה, ווען דײַן לעבן איז אין געפאַר“. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ בײַשפּיל נישט נאָר פון פערזענלעכן מוט — און מיט זײַן מוט האָט זיך מײַן פאָטער קונה שם געווען איבערן גאַנצן גליל — נאָר אויך אַן ערשטע לעקציע אין אַ שיקול־דעת בײַם אָנווענדן כּוח. אויך, ווען דער כּעס האָט אין אים געברענט, האָט מײַן פאָטער געוווּסט ווי אַזוי זיך אײַנצוהאַלטן און זיך אויפצופירן אַזוי ווי די אומשטענדן האָבן עס געפאָדערט. היות ווי ער איז געווען אַ מוטיקער, פלעג איך אים אָפט פרעגן צי ער האָט קיין מאָל נישט קיין מורא. „אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין מורא איז בעצם אַ טיפּש“ — פלעגט ער מיר ענטפערן — „די קונץ איז צו וויסן ווי אַזוי אײַנצוהאַלטן די מורא... נישט נאָר דו האָסט מורא, נאָר אויך מאַכמעד האָט מורא. די פראַגע איז נאָר ווער ס׳איז דער ערשטער גובר צו זײַן דעם פּחד — דו אָדער מאַכמעד“.

נישט מיט קיין סך רייד, נאָר מיטן פערזענלעכן בײַשפּיל און מיטן עקזאַמען האָט אונדז דער טאַטע דערצויגן. וועגן צוויי אַזעלכע עקזאַמענס וואָס איינער פון זיי איז פאַרבונדן מיט מײַנע ברידער

צבי און אליאב און דער צווייטער מיט מיר, וועט דאָ דערציילט ווערן.

ס׳דערציילט אליאב:

„דאָס איז געווען אין אַ שבת, אין איינעם פון די שווערע כאַמסין־טעג. ס׳איז געווען די צײַט פון אָראַפּנעמען די מאַנדלען וואָס מיר האָבן פאַרפלאַנצט אין אונדזער טייל פעלד נאָענט צום דאָרף. מיטאַגצײַט האָט מיך מײַן ברודער צבי געבעטן כ׳זאָל צוגיין צום מאַנדלסאַד זען צי ס׳זענען דאָרט נישטאָ קיין גנבים. כ׳בין געווען אַ קינד פון אַ יאָר צען. ווי נאָר כ׳בין צוגעקומען צום סאַד, האָב איך געזען פיר אָדער פינף יונגע בעדוּינער וואָס האָבן געהאַלטן אין אָנפילן זעק מיט מאַנדלען פון די ביימער. כ׳בין באַלד צוריקגעלאָפן אַהיים און אַלאַרמירט מײַן צוועלף־יעריקן ברודער, האָפנדיק אַז ס׳וועט אונדז אפשר געלינגען מיט געמיינזאַמע כּוחות גובר צו זײַן כאָטש איינעם פון זיי. דער טאַטע איז געשלאָפן זײַן נאָכמיטאָג־שלאָף און מיר האָבן אים נישט געוואָלט אויפוועקן. מיר זענען דעריבער שנעל געלאָפן צום סאָד און פון דער ווײַטנס האָבן מיר געזען אַז צוויי גרויסע זעק זענען שוין געווען אָנגעפילט ביז איבער די ברעגעס. די אַראַבער האָבן דערפילט אַז מיר זענען דאָ און האָבן געמאַכט אַ ויברח צו די געצעלטן פון שבט, איבערלאָזנדיק זייער רויב הינטער זיך אין סאָד. ,אַל־אַנסאַריס זין יאָגן אונדז נאָך׳ האָבן זיי געשריען אַנט־לויפנדיק און מיר האָבן זיי נאָכגעיאָגט. פיר פון זיי זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן, אָבער צבי האָט נישט נאָכגעלאָזט דעם פינפטן און האָט אים ווײַטער נאָכגעיאָגט ביזן געצעלט פון איי־נעם פון די שייכן.

„אַנאַ טאַניבאַק, שייך — האָט געשריען דער יונגער אַראַבער, זוכנדיק פאַר זיך אַ שוץ אינעם געצעלט („איך בין אונטער דײַן שוץ, שייך״), אָבער מײַן ברודער צבי האָט זיך נישט גערעכנט מיט די פאַרהייליקטע כּללים, לויט וועלכע ס׳איז פאַרווערט אָנ־צורירן דעם וואָס זוכט אַן אַנטרינונג אין אַ געצעלט פון אַ בע־

דווינער, ווער רעדט נאָך אין אַ געצעלט פון אַ שייך. ער האָט זיך אַרײַנגעריסן אין געצעלט אַרײַן — און איך, דער קליינער, נאָך אים — און האָט אַרויסגעשלעפּט דעם יונגן אַראַבער אין דרויסן, כּדי אים אָנצולערנען. דער שייך, וואָס האָט זיך דערפילט שטאַרק באַליידיקט, האָט אַרויסגעריסן פון דער ערד איינעם פון די האָקנס אויף וועלכע ס׳האָט זיך געהאַלטן דאָס געצעלט און האָט אויפגעהויבן די האַנט כּדי אים אַראָפּצולאָזן אויפן קאָפּ פון מײַן ברודער צבי, וועלכער האָט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן דערמיט וואָס ער האָט אָנגעגריפן דאָס טראַדיציאָנעלע פּאַרהייליקטע געזעץ.

„אַרמי אַל אַסע" (וואַרף אַוועק דעם שטעקן) — האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ מעכטיקער ברום פון מײַן פאָטער, וואָס איז מיט איין מאָל דערשינען, ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל אַראָפּ. כ׳האָב מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען ווי דער שטײַפער שייך האָט געלאָזט אַראָפּפאַלן זײַן האַנט, אַזוי דערשראָקן איז ער געוואָרן פון דעם אַנסאַרי.

„שפּעטער זענען מיר אַלע אַרײַן אין געצעלט פונעם שייך און זיך אויסגעזעצט מיט צונויפגעלייגטע פיס אויף טעפּעכער, מאַטראַצן און קישנס וואָס מ׳האָט אויסגעשפּרייט פאַר אונדזער כּבוד וועגן אַזוי ווי דער מינהג איז און דער שייך האָט אויסגעגאָסן פאַר מײַן פאָטער זײַן ביטער האַרץ אויף דער גרויסער עוולה וואָס מײַן ברודער האָט אים געטאָן אַרויסשלעפּנדיק מיט כּוח פון זײַן געצעלט אַ מענטשן, וועלכער האָט בײַ אים געזוכט אַ שוץ. דערויף האָט מײַן פאָטער געענטפערט אַז ס׳איז טאַקע מעגלעך אַז זײַן זון איז באַגאַנגען אַ שווערע עבֿירה; מ׳טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אויך אים איז געשען אַן עוולה, ווען מ׳האָט געפּרוּווט גנבֿענען מאַנדלען פון זײַן סאָד און מ׳האָט אַפילו אויפגעהויבן אַ האַנט אויף איינעם פון זײַנע זין, וואָס אויך דאָס איז עפּעס וואָס ס׳איז אים שווער צו פאַרגעסן. צום סוף האָט דער פאָטער מסכּים געווען זיך איבערצובעטן און האָט באַוויליקט אָנצונעמען די הבטחה פון שייך אַז, אויב ס׳וועט נאָך אַ מאָל טרעפן

אַזאַ זאַך, וועט דער שייך מיט זײַנע אייגענע הענט באַשטראָפן דעם זינדיקן אין דער אָנוועזנהייט פון איינעם פון אונדזער מש־פּחה. און אַזוי האָבן מיר זיך אַלע פרײַנדלעך געזעגנט — ביז צום קומענדיקן צוזאַמענשטויס.

„ערשט נאָך דעם ווי מיר זענען צוריקגעקומען אַהיים האָט מיר דער טאַטע דערציילט, אַז ער האָט דערפילט ווי איך און מײַן ברודער זענען אַרויס פון דער היים לויפנדיק און ער האָט אונדז נאָכגעיאָגט, באַמיִענדיק זיך מיר זאָלן אים נישט דער־שפּירן. אַזוי אַרום האָט ער געקענט אַליין זען ווי אַזוי זײַנע זין רעאַגירן און צי זיי זענען טאַקע פאַרהאַרטעוועט קעגן פּחד. מיר האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און ער איז פון אונדז געווען צופרידן." *

און אָט איז די מעשה פון מײַן עקזאַמען:

ווען כ'בין געוואָרן בר־מיצווה, האָט מיך דער פאָטער אַרײַנ־גערופן אין תבואה־שפּײַכלער וואָס בײַם עק הויף און האָט גע־זאָגט: „דו ווערסט אַ מענטש און פון איצט אָן וועסטו האָבן דײַן אייגן געווער", און אַזוי רעדנדיק, האָט ער אַרויסגענומען פון אַ גוט פאַרמאַכטער בלעכענער פּושקע אַ האַלב־אויטאָמאַטישן בראַונינג־רעוואָלווער אַרומגעוויקלט אין אַ וואָלן טיכעלע. „ער איז געווען מײַנער. פון איצט אָן איז ער דײַנער. דו וועסט אים אויסרייניקן און וועסט אים אָפּהיטן. ווי אַזוי זיך מיט אים צו באַנוצן ווייסטו שוין. קיין דערלויבעניש פאַר אים איז נישטאָ און זײַן אָרט איז דאָ אין שפּײַכלער הינטער דעם ווייצן־זאַסיק. כ'בין געווען שטאַרק גערירט. וועגן דעם דאָזיקן טאָג האָב איך גע־חלומט און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן מאָמענט ווען כ'וועל פאַרמאָגן אייגן געווער אַזוי ווי יעדער פון מײַנע ברידער, שוין אָפּגערעדט אַזוי ווי דער פאָטער. איך בין נאָך געווען שטאַרק גערירט ווען מײַן פאָטער האָט צוגעגעבן: „הײַנט אין אָוונט

---

* אליאב פייקאָוויץ (אלון): „מסכת של בזלת".

ווּעסטוּ אַרויסגיין אויף שמירה אויפן רעשטל סאָרגע, וואָס איז אָפּגעשניטן אין „באַלוט" און וואָס מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן איינצושייערן".

דאָס איז געווען אַ ווייט געלעגן שטיק פעלד ביים צפונדיקן עק פון די באָדנס פון דער קאָלאָניע. און אויך דאָס שטיק, ווי אַלע שטיקער פעלד, האָט געטראָגן אַן אַראַבישן נאָמען: „באַלוט", וואָס האָט באַטייט דעמב. געווען איז עס צעטיילט אין צווייען און אין דער מיט, אויפן פעלדזנדיקן שטח, זענען געוואַקסן אונ־דזערע קרעפטיקע און שיינע דעמבעס.

ווי געזאָגט בין איך געווען שטאַרק גערירט, כ'האָב אָבער געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ בקי און אַ מוטיקן און תיכּף נאָך דעם זון־אונטערגאַנג האָב איך גענומען מיין רעוואָלווער, האָב אים פאַרשטעקט אונטער מיין העמד און בין אַוועק צו צפון־צו, אין דער ריכטונג פון דעם „באַלוט"־טייל, וואָס איז געווען נאָענט צום אָרט ווו ס'געפינט זיך היינט דער קיבוץ בית־קשת. ביים עק פון דאָזיקן פעלד האָט זיך געצויגן אַ זאַמדוועג — אָדער זאַמד־סטעזשקע — וואָס האָט געפירט פון צמח און עבר־הירדן קיין נצרת. פאַקטיש, דער הויפּטוועג פון חורן צום ים־ברעג. פאַר מיר איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן וואָס כ'האָב איינער אַליין געדאַרפט האַלטן שמירה איבער אַ שטיק פעלד, איינער אַליין אונטערן פאַרשטערנטן הימל, איבער וועלכן עס באַוועגט זיך די פולע לבנה פון מיטן חודש תשרי. וואָס מער כ'האָב זיך דערוויטערט פון דאָרף אַלץ מער איז געוואַקסן מיין שרעק. כ'בין אָפּגעגאַנגען אַ פיר און אַ האַלבן קילאָמעטער און בערך אַכט אַ זייגער און אפשר אַ ביסל שפּעטער (אין יענע טעג האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין זייגער), בין איך אָנגעקומען אין דעם טייל פעלד, וואָס כ'האָב גוט געקענט. כ'האָב זיך באַלד אַוועקגעשטעלט אונטער אַ שפּיץ פון אַ דעמב הינטער אַ גרויסן פעלדז. דאָס איז געווען מיין ערשטער טאַקטישער פעלער, פאַק־טיש צוויי פעלערן: אַ פעלדז איז נישט קיין גוטע באַהעלטעניש

קעגן קוילן פון אַ ביקס, צוליב די אָפּשפּליטערס; און אַ דיקער בוים וואָס אַ סך פֿייגל נעסטן בײַ נאַכט צווישן זײַנע צווײַגן איז נישט קיין גוט אָרט זיך צו באַהאַלטן לעבן אים. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן די פֿייגל זיך דערשרעקן און מאַכן אַ גרויסן רעש שאָקלענדיק די צווײַגן און די בלעטער. אָט דער רעש האָט אין מיר אויפֿגעוועקט אַ ציטער און ס'איז מיר אָנגעקומען גאַנץ שווער זיך צו אים צוצוגעוווינען. כ'האָב געטראַכט זיך איבערצוטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט, נאָר היות ווי כ'בין שוין געווען צוגעשמידט צו דער ערד — וואָס דאָס האָט מיר געגעבן אַ געוויסן זיכער־קייט־געפֿיל — בין איך פֿאַרבליבן אויף מײַן פּאָזיציע. די גע־שפּאַנטקייט איז ביסלעכווײַז קלענער געוואָרן און כ'האָב זיך אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צו דער פֿינצטערניש און צו דער איינ־זאַמקייט. מײַנע אויערן האָבן זיך צעעפֿנט אויפֿצונעמען דעם געראַדער פֿון דער נאַכט: דעם גערויש פֿון ווינט צווישן די בלע־טער און קוסטעס, דאָס שאַרפֿע טשיריקען פֿון די גרילן און די קולות פֿון די זשאַבעס, וואָס האָבן געקוואַקעט נישט ווײַט פֿון אָרט אין דער נאָענט פֿון אַ מוטנעם קוואַל. ווען כ'וואָלט געהאַט אַ תּפֿילה אין האַרצן, וואָלט עס געווען איין איינציקע תּפֿילה, אַז די נאַכט זאָלן גנבים זיך אָפּהאַלטן פֿון גנבענען די רעשטלעך פֿון אונדזער געראַטעניש.

נאָך חצות האָב איך געהערט די קאַראַוואַנעס וואָס זענען דורכגעגאַנגען די סטעזשקע בײַם ברעג פֿעלד. זייערע מענטשן האָבן מיך נישט דערשפּירט און איך האָב זיי געלאָזט דורכגיין. כ'האָב געדאַנקט גאָט וואָס זיי פּרוּוון נישט אָנפֿילן זייערע זעק מיט אונדזער תּבֿואה. אָבער אַ ביסל שפּעטער, אפֿשר אַ זייגער צוויי, האָבן מײַנע אויגן דערזען דרײַ רײַטערס וואָס ווײַכן אָפּ פֿון דער סטעזשקע און לאָזן זיך אַרויס אויפֿן פֿעלד. עטלעכע צענדליק מעטער ווײַט פֿון מיר זענען זיי אַראָפּ פֿון זייערע פֿערד און האָבן אָנגעהויבן אָנפֿילן זייערע זעק מיט סאָרגע־זאַנגען. זייער אויפֿפֿירן זיך האָט באַוויזן זייער פֿולע זיכערקייט: זיי האָבן

גערעדט מיט אַ הויכן קול און איינער פֿון זיי האָט זיך אַפֿילו געוויצלט און זײַנע צוויי חברים האָבן געלאַכט. די שעה פֿון עקזאַמען איז געקומען.

איידער כ'בין אַרויס אין וועג האָט מיר דער פֿאָטער אָנגעזאָגט אַז אויב ס'וועלן זיך דערנענטערן גנבים, זאָל איך זיי פֿריער לאָזן זיך אַרײַנטאָן אין זייער אַרבעט און ערשט שפּעטער אויסשרײַען אַ וואָרענונג־געשריי אין אַראַביש. און אויב דאָס געשריי וועט זיי נישט אָפּשרעקן, זאָל איך שיסן אין דער לופֿטן. „געדענק אָבער", האָט ער מיך געוואָרנט, „באַמי זיך נישט צו צילן. מ'טאָר נישט זײַן קיין היצקאָפּ. בלויז אויב זיי וועלן פּרווון זיך דערנענטערן צו דיר, זאָלסטו צילעווען".

כ'האָב אויסגעפֿילט אַלע אָנווײַזונגען. כ'האָב גובר געווען דעם פּחד. אויך דער באַפֿעל פֿון טאַטן האָט זײַנס געטאָן, אָבער אויך די לאָגיק: זיי שטייען און איך ליג הינטערן פֿעלדז און כאָטש עס איז נישט קיין גוט באַהעלטעניש, ווי געזאָגט, איז מײַן מצב בעסער פֿון זייערן. זיי ווייסן נישט אַז איך בין דאָ און איך בין מסוגל זיי צו איבערראַשן. און דעמאָלט האָב איך געטאָן צוויי זאַכן אויף אַ מאָל: כ'האָב אויפֿגעהויבן מײַן קול — מן־הסתם מײַן יוגנטלעכן קול וואָס כ'האָב זיך באַמיט צוצוגעבן אים אַ וואָס מער דערוואַקסענעם קלאַנג — סוף־כּל־סוף אַ בר־מיצווה־בחור — און אַ געשריי געטאָן „אַנדאַק!" און אין דער זעלבער צײַט האָב איך אָנגעשטעלט מײַן רעוואָלווער מיט אַ מעטאַלענעם קנאַק כּדי זיי אָפּצושרעקן. כ'האָב געהאָפֿט אַז די רײַטערס וועלן אָפּלאָזן די זעק, אַרויפֿשפּרינגען אויף זייערע פֿערד און אַנטלויפֿן. צו מײַן דערשטוינונג — אַ דערשטוינונג באַגלייט מיט אַ שרעק — האָבן זיי פֿאַרנומען פּאָזיציעס און איינער פֿון זיי האָט מיר געענטפֿערט מיט אַ שלאַכט־אויסרוף. צום ערשטן מאָל אין באַדינגונגען פֿון אַ שלאַכט ממש, האָב איך אַ דריק געטאָן אויפֿן צינגל. דער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן — אין דער לופֿטן, פֿאַרשטייט זיך. דער ענטפֿער איז געווען אַ קלימפּערן

פון געווער, אָבער נישט קיין שאָסן. וואָס איצט? — האָב איך זיך אַ פרעג געטאָן. וואָס ווײַטער? שיסן אין זיי און צילעווען? און וואָס וועט זײַן אויב איינער פון זיי וועט דערהרגעט ווערן? און וואָס וועט זײַן אויב איך וועל דערהרגעט ווערן? אפשר איז כּדאַי צו אַנטלויפן אונטערן שוץ פון דער פינצטערניש? אָט די געדאַנקען זענען אַזוי ווי אַרײַנגעשאָסן געוואָרן אין מיר אין אַ טעמפּאָ פון סעקונדעס. אָבער אין זעלבן ברוכטייל פון אַ מינוט האָב איך פּלוצעם דערהערט, ערגעץ הינטער מיר, אַ ביסל אין דער זײַט, געשרייען און שאַרפע קללות אין אַראַביש מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם רוסישן אַקצענט. און גלײַך נאָך זיי — שאָסן פון אַ ביקס אין דער לופטן, איבער די קעפּ פון די רײַטערס, וואָס זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די פערד און נעלם געוואָרן אין דער נאַכט, איבערלאָזנדיק די זעק וואָס זענען געווען אין דער העלפט אָנגעפילט. אַ שווערער שטיין איז אַראָפּגעפאַלן פון מײַן האַרצן. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די געשטאַלט וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר מיר איז געווען די געשטאַלט פון טאַטן.

יאָ, ער האָט געוואָלט אויספּרוּוון מײַן מוט. ער האָט מיך אָבער אויך שטאַרק ליב געהאַט — טייל מאָל אַפילו צו שטאַרק — מיך נישט צו לאָזן גיין אַליין. פּונקט אַזוי ווי ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך צבי און אליאבן, איז ער אויך מיר נאָכגעגאַנגען אַזוי אַז כ׳זאָל עס נישט פילן, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ צוגע־פאַסט אָרט און מיך געלאָזן האַנדלען אַליין. דעמאָלט ווען ס׳איז אים קלאָר געוואָרן אַז סע דראָט מיר אַ ממשותדיקע געפאַר, האָט ער זיך אַרײַנגעמישט אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, געביטן דעם מצב. יענע נאַכט האָב איך געלערנט אַז האַלטן כּוח אין רעזערוו איז בפירוש אַ גוטע זאַך, אַפילו ווען ס׳האַנדלט זיך אין אַ שלאַכט פון יחידים.

„מיר האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און ער איז גע־ווען צופרידן פון אונדז״ — האָט געשריבן אליאב, שילדערנדיק דאָס אויספּרוּוון צבי און אים גופא. איך האָב אויסגעהאַלטן דעם

עקזאַמען און ער איז געווען צופרידן פון מיר. און מײַן פרייד אין יענער נאַכט איז געווען אַ טאָפּלטע: נישט נאָר כ׳האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, נאָר דער טאַטע האָט מיך געזען ווי אַזוי איך האַלט אים אויס. ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן ווי אַזוי איך וואָלט אים געקענט קוקן אין די אויגן אַרײַן ווען כ׳וואָלט נישט געהאַנדלט אַזוי ווי כ׳האָב געהאַנדלט.

אַן ערך זעכצן יאָר נאָך דעם דאָזיקן געשעעניש בין איך געשטאַנען אויפן גראָז אינעם לאַגער פון גענעראַל־שטאַב פון צה״ל אין רמת־גן בײַ דער צערעמאָניע פון אײַנשווערן די ערשטע צה״ל־גענעראַלן. דער דעמאָלטיקער פּרעמיער־ און זיכערקייט־מיניסטער, דוד בן־גוריון, האָט אונדז באַפוילן מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער תּקיפות צו בײַטן אונדזערע פרעמדע פאַמיליע־נעמען אויף העברעישע, איידער זיי וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן. כ׳האָב אָנגענומען זײַן פאָדערונג. אָבער ווי אַזוי קלײַבט מען אויס אַ נאָמען וואָס זאָל געפעלן מײַן פאָטער און דעם גאַנצן שבט, מחמת זיך אָפּרײַסן פון זיי — אַפילו בלויז מיטן נאָמען — האָב איך נישט געוואָלט. און קיין צײַט זיך מייעץ צו זײַן מיט זיי האָט מען מיר נישט געגעבן. אין מײַן קינדהייט האָב איך וואָס אַן אמת געוואָלט זיך געבן אַ נײַעם פאַמיליע־נאָמען — ראובני — אויפן נאָמען פון מײַן פאָטער. אָבער די זאַך איז נישט צו שטאַנד געקומען. טאָ וואָסער נאָמען קלײַבט מען איצט אויס?

בן־גוריון האָט געפּסקנט: „הגלעדי״ (מײַן צונאָמען אין אונטערגרונט איז געווען יפתּח); ישראל גלילי האָט פאָרגעשלאָגן: „יוגב״; יצחק שדה האָט געפרעגט: „אפשר ,ניר׳?״ און צוגעגעבן „שדה וניר״. כ׳האָב זיך צוגעהערט צו זייערע פאָרשלאָגן, אָבער אין מײַן מוח איז אויפגעשווומען דער דיקער דעמב, וואָס אין דעם פעלד־חלק פון „באַלוט״. דער בוים וואָס נאָנט פון אים האָב איך אָפּגעהאַלטן מײַן ערשטע שלאַכט. כ׳האָב בן־גוריונען צוגעזאָגט אַ תּשובה ביז מען וועט פאַרעפנטלעכן אונדזערע נעמען אין די נײַעס.

ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין מיר און געזאָגט־באַפוילן: „הגלעדי!" און תּיקף האָט ער צוגעגעבן: „דו וועסט דעראָבערן דעם גלעד". „און אויב איך וועל דעראָבערן נבלוס, וועסטו מיך רופן נבלוסי?" — האָב איך אים געענטפערט און ער האָט אויס־געבראָכן מיט אַ גרויס געלעכטער. „כ'וועל באַשטימען ביזן פאַר־עפנטלעכן די נײַעס", האָב איך ווידער אַ מאָל געזאָגט. אין דער צווישנצײַט האָב איך זיך באַראָטן מיט מײַן פרוי רות, וואָס האָט געוואָרט אויף מיר אין תּל־אביב, און צוזאַמען האָבן מיר באַ־שלאָסן אַלון (דעמב). אַ צעטל וואָס איז דערגאַנגען צום ספּיקער פון די ראַדיאָ־נײַעס אַ מינוט איידער מ'האָט זיי פאַרעפנטלעכט, האָט ענדגילטיק באַשטימט מײַן נאָמען. מײַנע עלטערע ברידער, וואָס האָבן אים געהערט צום ערשטן איבער די עטער־כוואַליעס, האָבן תּיכּף געטראָפן פאַר וואָס זייער יִינגערער ברודער האָט דווקא אויסגעקליבן דעם נאָמען. דער פאָטער, כאָטש ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בײַטן זײַן נאָמען, איז געווען צופרידן פונעם נאָמען וואָס איך האָב אויסגעקליבן; איז ער דאָך געוואָרן פון זײַן ערד, פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסן.

ט"ו

אַלץ וואָס איך ווייס וועגן מײַן פאָטערס לעבן איידער ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל און וועגן זײַנע ערשטע יאָרן אין לאַנד האָב איך זיך דערוווּסט פון אים גופא. יעדער מאָל ווען ער פלעג דערמאָנען דעם נאָמען פון מײַן זיידן, פלעג ער צו־געבן: „ער איז געווען אַ גרויסער קפּדן, אַפילו מער פאַר מיר". אויב דאָס עפּעס האָט אַזוי געריידט וועגן זיך אַליין, איז שוין לײַכט געווען צו טרעפן ווי ס'האָט אויסגעזען דער בוים אויף וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן.

דער זיידע מײַנער, יהושע־צבי פּײַקאָוויטש, איז געווען אַ ייִד

אַ ירא־שמים, אַ מתנגד, וואָס פֿלעג וויַיכן פֿון די רבישע הייף. ער האָט געהאַט אַ קליין געוועלבל פֿון בוי־מאַטעריאַלן אין גראָדנע. די שטאָט האָט געביטן די הערשערס אַזוי ווי פּרוּיען בײַטן זייערע קליידער: נאָך די רוסן זענען געקומען די פּאָליאַקן, נאָך די פּאָליאַקן — די ליטווינער, נאָך די ליטווינער ווידער די רוסן. ווי אַ פֿרומער ייִד און אַ פֿאַרברענטער חובב־ציון, איז ער נישט געווען באַגײַסטערט פֿון דעם געדאַנק אַז זײַנע זין זאָלן דינען אין צאַרישן מיליטער און זאָלן אָפּגעבן אַ שבועה צו רוס־לאַנד, דעם לאַנד פֿון די פּאָגראָמען. אין 1880 האָט ער אײַנגע־פּאַקט די פּעקלעך און איז אַוועקגעפֿאָרן מיט זײַן איידעם קיין ארץ־ישׂראל, האָט אָפּגעקויפֿט אַ שטיק ערד אין וואַדי כּאַנין, ד"ה אין נס־ציונה, און האָט זיך אומגעקערט אַהיים, כּדי צו־גרייטן די עליה פֿון דער משפּחה. אין יענע צײַטן פֿלעג מען דאָס עמיגרירן בדרך־כּלל דורכפֿירן שטופּנוויַיז. תּחילת פֿלעג מען שיקן אַ טייל פֿון דער משפּחה, וואָס האָט געבויט דעם בריקנקאָפּ און צוגעגרייט די באַדינגונגען אויפֿצונעמען דעם רעשט מיטגלי־דער. און אַזוי טאַקע האָט געטאָן דער זיידע מײַנער. אָבער דאָס מאָל איז ער (אין יאָר 1888) צוריקגעקומען אין לאַנד אַרײַן, מיטנעמענדיק מיט זיך צוויי פֿון זײַנע זין: דער בכור, שמואל, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן איינער פֿון די גרינדערס פֿון יבניאל, האָט שווער געקעמפֿט פֿאַר זײַן עקזיסטענץ און, ווען זײַן כּוח אויסצוהאַלטן האָט זיך אײַנגעבראָכן, איז ער אַוועק קיין אַמעריקע (אַמעריטשקע — ווי מײַן טאַטע פֿלעג זאָגן), כּדי אָנצוזאַמלען אַ ביסל געלט אויף צו אַנטוויקלען זײַן באַלעבאַטיש־קייט. די זאַכן זענען אַוועק ווי זיי זענען אַוועק און ער איז פֿאַר־בליבן אין אַמעריקע, וווּ זײַנע קינדסקינדער געפֿינען זיך ביזן הײַנטיקן טאָג. דער צווייטער זון וואָס מײַן זיידע האָט מיטגענומען מיט זיך איז געווען מײַן פֿאָטער — ראובֿן־יוסף, וועלכער איז אַלט געווען פֿופֿצן יאָר. די פּרשה פֿונעם שטיק ערד אין וואַדי כּאַנין איז אַ פּרשה פֿאַר זיך, און זאָל דאָ געזאָגט ווערן בלויז

דאָס: קומענדיק אין לאַנד אַרײַן האָט זיך מײַן זיידע דערוווּסט אַז דאָס שטיק ערד געהערט שוין נישט צו אים. אַלע דרײַ זענען בכן אַרויס וואַנדערן איבערן לאַנד. זיי האָבן געאַרבעט אין די ווײַנגערטנער פֿון מיקווה־ישׂראל, געווען טאָגלוין־אַרבעטערס אין פּתח־תּקווה, ראשון־לציון און נס־ציונה און זענען נישט דער־גאַנגען נישט צו קיין מנוחה און נישט צו קיין נחלה. אַ נחלה האָבן זיי באַקומען בלויז אין גליל, וווּהין דער טאַטע מײַנער האָט זיך דערשלאָגן יאָרן שפּעטער. פֿריער אין ראש־פּינה, ווי אַ בוי־אַרבעטער, ווי אויבן דערמאָנט. אין גליל איז ער אויך אַרעסטירט געוואָרן דערפֿאַר וואָס ער איז געווען אַן אומלעגאַלער עולה. איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין „סאַראַיע", דער באַוווּסטער צפֿתער פֿעסטונג, וואָס האָט געדינט ווי אַ קאָמאַנדע פֿאַר אדיב שישקאַלי און וואָס דער גורל האָט מיר באַשערט מיטבאַטייליקט צו זײַן אין זײַן אײַננעמען אין יאָר תּש״ח.

דער זיידע איז צוריקגעפֿאָרן קיין גראָדנע צוצוגרייטן דעם רעשט פֿון זײַן משפּחה צו דער עליה. עטלעכע חדשים נאָך זײַן אַהיימקומען איז ער ניפֿטר געוואָרן. אויך די באָבע, וואָס האָט מאריך ימים געווען, האָט נישט זוכה געווען צו באַטרעטן די ערד פֿון ארץ־ישׂראל. זייערע זין האָבן יאָ זוכה געווען, אָבער ערשט אין דער צײַט פֿון בריטישן מאַנדאַט. שמואל איז, ווי שוין דער־ציילט, אַוועק קיין אַמעריקע. מײַן פֿאָטער איז געבליבן אַליין, פֿעסט אין זײַן באַשלוס זיך אײַנצוקלאַמערן אין דער ערד פֿון לאַנד. אַ צײַט שפּעטער איז אין לאַנד אַרײַן געקומען אויך זײַן יינגערער ברודער, דאָס איז מײַן טײַערער פֿעטער הלל, וואָס האָט זיך באַזעצט אין כּפֿר־גדעון אין עמק יזרעאל.

זײַנע יוגנט־יאָרן האָט מײַן פֿאָטער פֿאַרבראַכט אין ראש־פּינה. די אײַנדרוקן פֿון זײַן באַגעגעניש מיטן גליל האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט בײַ אים אין האַרצן און ער פֿלעג מיר אָפֿט דער־ציילן ווי שטאַרק פֿאַרכאַפּט ער איז געווען פֿון דעם הויכן און שיינעם הר כּנען, וועלכער האָט אין זײַנע אויגן סימבאַליזירט

די אַמאָליקע מעכטיקייט און אומאָפּהענגיקייט פון ישראל. ער פלעג אָפּט שילדערן זײַנע איינזאַמע שפּאַצירן פון ראש־פּינה ביז די געגנטן אַרום צפת, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט דורך וואַדיס, איבער בערג־שיפּועים, נישט אַרײַנגייענדיק אין שטאָט אַרײַן. ער האָט פײַנט געהאַט שטעט, ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטי־אורבאַניסטישע אידעאָלאָגיע און בלויז דאָס דאָרף און דאָס לעבן אויפן דאָרף האָבן געצויגן זײַן האַרץ. ער פלעג אָנרופן די שטאָטישע „שאַכער־מאַכער־מענטשן" מיט אַן אויסדרוק פון ביטול אויפן פּנים. פון זײַן געבורט אָן איז בײַ אים געווען אײַנגעפלאַנצט אַ ליבשאַפט צו דער נאַטור, צום בעל־חי און צום געוויקס. אויף דעם באָדן איז אַפילו אויסגעבראָכן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד, אַ שווערער קריזיס אין די באַציונגען צווישן אים און זײַן פאָטער, אין זײַן געבוירן־שטאָט אויפן ניעמאַן. איין מאָל — האָט ער מיר דערציילט — האָט זײַן פאָטער אים געכאַפּט בײַ אַ זינד: ער האָט זיך געשפּילט מיט אַ קליין הינטעלע אין הינטערשטן הויף פון זייער הויז. גלײַך אויפן אָרט האָט אים דער פאָטער מכבד געווען מיט עטלעכע קלינגענדיקע פּעטש, צוגעבנדיק שטראָפרייד וואָס שייך די חובות פון אַ ייִדיש קינד. און באמת, וואָס האָט אַ קליין ייִדיש קינד צו טאָן מיט אַ הונט, וואָס איז אַפילו נישט קיין כשרע בהמה, שוין אָפּגערעדט פון ביטול־תורה? ווי אַ פּראָטעסט קעגן די פּעטש האָט מײַן פאָטער אויפגעהערט צו דאַווענען און איז ביז זײַן לעצטן טאָג געווען אַ פרײַדענקער, כאָטש ער האָט אָפּגעהיט די כללים פון דער טראַדיציע, ספּעציעל צוליב זײַן כבוד־באַציונג צו דער מוטער, וואָס איז געווען אַ גאָטספאַרכטיקע פרוי. כ'וואָלט נישט געקענט זאָגן אויף זיכער, אַז זײַן באַציונג צום דת איז געווען בלויז דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן פּראָטעסט קעגן זײַן פאָטער, וועלכער האָט אים נישט פאַרשטאַנען און האָט זיך באַמיט אים אָפּצוהאַלטן פון אַזעלכע נאַטירלעכע פאַרגעניגנס ווי דאָס באָדן זיך אין טײַך, שפּילן זיך מיט אַ הינטל אָדער פאַרנעמען

זיך מיט אַ טויבנשלאַק — אַלץ זאַכן צו וועלכע ס'האָט אים גע־צויגן זינט זײַן פריסטער קינדהייט. וועגן די ערשטע יאָרן פון מײַן פּאָטער אין לאַנד שרײַבט ד"ר יעקב הרוזן *:

„דער פּאָטער פון די אַלונס אין לאַנד האָט אָנגעהויבן אין יהודה. ער האָט געאַרבעט ווי אַן אַרבעטער אין רחובות און האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן. גאַנץ שנעל איז זײַן נאָמען באַקאַנט געוואָרן איבערן גאַנצן ישוב פון יענע טעג. אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט זיך ראובן פּײַקאָוויטש געפונען אין ראשון־לציון, ווו ער איז געווען דער אויפזעער פון באַראָן ראָטשילד. יהושע אָסאָווסקי, דער פּאָרשטייער פון באַראָן, האָט זיך גלײַך דערקענט אויפן פלײַסיקן יונגן־מאַן און האָט אים גלײַך אָנגעפאַרטרויט וויכטיקע אויפגאַבעס...

„אין איינעם אַ טאָג זענען פאָרגעקומען פערסאָנאַלע ענדע־רונגען אין דער אָנפירונג פון דער קאָלאָניזאַציע און דער מענטש איז געשיקט געוואָרן קיין ראש־פינה. ער האָט געבראַכט צו זיך פּײַקאָוויטשן, ער זאָל העלפן די נײַ־געקומענע פון רומעניע. זינט דעמאָלט איז דער אַרבעטער פון יהודה געוואָרן אַ מענטש פון גליל, וואָס אַרבעט כּדי אויפצובלעבן דאָס לאַנד פון נפתלי. און פון דער אַנדערער זײַט פון הר־כּנען האָבן די ייִדן אין צפת ווײַטער געלעבט אין זייערע ענגע געסעלעך. דאָרט זענען זיי אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס. אַ סך פון זיי האָבן געגעסן דאָס חסד־ברויט פון דער חלוקה און זענען געווען אונטערגעוואָרפן דער הערשאַפט פון גבאים און פרנסים. מיט דער צײַט האָט זיך דער יונגער פּײַקאָוויטש נענטער באַקענט מיט די קאַמפן וואָס אליעזר רוקח האָט געפירט קעגן די מנהיגים פון צפת. רוקחס בראָשור און די געוואַגטע דערקלערונגען פון דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנער האָבן אָנגעצייכנט דעם וועג פון ראובן פּײַקאָוויטשן, וואָס האָט זיך אין גאַנצן געווידמעט דער התישבות און האָט פאַר איר

---

* ד"ר יעקב הרוזן: „חזון ההתנחלות בגליל", ז"ז 358—363.

מוטיק געקעמפט און איר פאַן מיט שטאָלץ געטראָגן אַלע זײַנע יאָרן.

„אין ראש־פּינה האָט דער יונגער־מאַן געאַקערט און געזייט, און אויך אָפּגעריייניקט פון שטיינער פעלדער און ווײַנגערטנער, כּדי דאָס ייִדישע דאָרף זאָל בלײַבן און ייִדן זאָלן אין אים ווערן פּויערים, וואָס לעבן פון יגיע־כּפּיים. פון זון־אונטערגאַנג אָן פלעג דער אַרבעטער אָנהויבן נאָכקוקן די דעכער און אָנצייכענען די ווענט אויף וועלכע מ'דאַרף לייגן בעלקעס כּדי דאָס הויז זאָל שטיין פעסט אויפן פונדאַמענט. אין דער פינצטער פון דער נאַכט, ווען די זשאַנדאַרן פון אַבדול־כאַמיד זענען געשלאָפן, פלעג ער בלײַבנדיק אין באַהעלטעניש, פאַרלייגן דעכער און אַוועקשטעלן די מאַכט־אָרגאַנען פאַר אַ פּאַרטיק הויז. אַזאַ הויז דערלויבט דאָס געזעץ נישט צו צעשטערן אַפילו ווען ס'איז אויפגעבויט געוואָרן געהיים און אָן דער דערלויבעניש פונעם קימאַקאַם (דעם ראַיאָן־גובערנאַטאָר). אַזוי אַרום האָבן אַלע געוווּסט אַז דעם פּועל ראובן קען מען געפינען בײַ טאָג אין פעלד און בײַ נאַכט — אויבן, דאָס הייסט, אויף די דעכער... ס'איז דעריבער קיין וווּנ־דער נישט וואָס דער אָנזען פון דאַזיקן פּועל איז שטאַרק געשטיגן און גאַנץ ראש־פּינה האָט אים אָפּגעגעבן כּבוד. צום סוף איז ער געוואָרן דער חתן פון חיהן, דער טאָכטער פון ר' אַלתּר שוואַרץ (פון די ערשטע וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דזשעאָנאַ וואָס מ'האָט גערופן גאי־אוני) און האָט מיט איר חתונה געהאַט".

ט"ז

מײַן מאַמע איז געבוירן געוואָרן אין ארץ־ישׂראל, אין צפת, און געווען די טאָכטער פון ר' אַלתּר שוואַרץ, פון די גרינדערס פון ראש־פּינה. ווי באַוווּסט איז ראש־פּינה געגרינדעט געוואָרן נישט נאָר דורך עולים פון רומעניע, נאָר אויך דורך אייניקע פון די אַלט־אײַנגעזעסענע פון דער שטאָט צפת. לויט דער מיינונג

פון באַהאַוונטע אין דער זאַך האָט מײַן מוטערס משפחה געלעבט אין צפת שוין אין מיטל־עלטער. אָבער אין אַ באַשטימטער תקופה איז דער זיידע פון מײַן באָבען אַראָפּגערופן געוואָרן קיין בוטשאַטש, דער שטאָט פון ש״י עגנון, אויפן כּסא הרבנות. צוליב אָט דער רבנישער שליחות איז דער דאָזיקער צווײַג פון מײַן משפחה אָפּגעריסן געוואָרן פון לאַנד, אָבער בלויז אויף איין איינציקן דור, מחמת מײַן זיידע און מײַן באָבע — די עלטערן פון מײַן מאַמען — וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין בוטשאַטש, זענען דורך זייערע עלטערן גאַנץ שנעל צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין צפת, ווו ס׳איז אויך געבוירן געוואָרן מײַן מאַמע. אַזוי אַרום איז די נאָכאַנאַנדקייט פון דער משפּחהס זיצן אין ארץ־ישׂראל צוריקגעשטעלט געוואָרן. מײַן ברודער אליאב גיט אַ שיין בילד פונעם צוזאַמענהעפטן זיך פוןביידע משפחה־צווײַגן — פון מײַן פאָטער און מײַן מוטער:

„אין איינעם אַ טאָג איז ראובן געריטן אויף אַן אייזל אויף דעם וועג בײַם הר־כּנען אין דער ריכטונג פון דער קרײַזשטאָט צפת, ווו ער האָט געהאַט עפּעס צו דערלײדיקן. און אָט איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ קאַראַוואַן אייזלען (קיין אַנדער טראַנספּאָרט־מיטל איז דעמאָלט נישט געווען) אויף זייער וועג פון צפת קיין ראש־פּינה. אויף איינער פון די בהמות איז געריטן אַ בין גאָר חנעוודיק שוואַרצהאָריק מיידל, און גלײַך ווי ער האָט זי דערזען, האָט ער דערפילט ווי אַ פײַל וואָלט אים אַדורכגעשפּאָלטן זײַן האַרץ. באַלד האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן: דאָס איז זי! מיט אַזאַ פרוי וויל איך אויפשטעלן אַ הויז אין ישׂראל! און נישט קלערנדיק קיין סך, האָט ער אויסגעדרייט זײַן אייזל און איז נאָכגעריטן דעם קאַראַוואַן אייזלען צוריקוועגס קיין ראש־פּינה. דאָ האָט ער תּיכּף אָנגעהויבן זיך צו פאַראינטערעסירן ווער ס׳איז דאָס שיינע מיידל וואָס האָט אים אַזוי באַצויבערט און ער האָט זיך דערוווּסט אַז איר נאָמען איז חיה־עטל, די טאָכטער פון שלום דב, אָדער ווי ער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ אלתּר שוואַרץ,

און איר מאַמעס נאָמען איז לאה. אירע עלטערן זענען עולה געווען אַ לאַנגע צײַט פֿאַר דער עליה פֿון די רומענער וואָס האָבן געגרינדעט ראש־פּינה, האָבן זיך באַזעצט אין צפת און דאָרט איז אין יאָר תרל״ו — 1876 געבוירן געוואָרן די טאָכטער חיה, די עלטסטע פֿון די קינדער פֿון דער משפּחה. איר מוטער לאה איז געווען די טאָכטער פֿון בוטשאַטשער רב און מיט דעם איז חיה, די מאַמע מײַנע, שטאָלץ געווען. אַ קורצע צײַט שפּעטער האָט ראובן געבעטן איר האַנט און זיי האָבן חתונה געהאַט אין יאָר 1894.״

וועגן מײַן פֿאָטער אין מחניים דערציילט ד״ר יעקב הרוזן:

„ווען מחניים איז אַנטשטאַנען האָט מען ראובן פּײַקאָוויטשן אָנגעפֿאַרטרויט מדריך צו זײַן די גאַליציאַנער און זיי צו הילף קומען אין הויז און אין פֿעלד. די דאָזיקע אויפֿגאַבע האָט ער אויס־געפֿירט מיט איבערגעגעבנקייט און מיט אַ סך געדולד. שטילער־הייט, רויִק האָט דער מדריך מסביר געווען זײַנע חניכים וואָס זיי דאַרפֿן טאָן כּדי די ערד זאָל געבן איר געראַטעניש. ער האָט אויך גוט אײַנגעחזרט מיט זיי די נייטיקע אָנווײַזונגען, כּדי זיי זאָלן שיין אויסהאָדעווען דיביימער און די פֿלאַנצן. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג ער מוטיקן די מתנחלים, וועלכע האָבן זיך שווער געראַנגלט מיט יעדן ערנסטן קריזיס, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט מחניים.

„אָבער דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז פֿאַר דעם מדריך פּײַ־קאָוויטש געווען דאָס לערנען זיך צו פֿאַרטיידיקן. איטלעכער פֿון אונדז איז מחוייב געווען שטאַרק אָפּצוהיטן די תּבֿואה פֿון זײַן פֿעלד, דאָס אויפּס פֿון זײַן גאָרטן און די בהמות פֿון זײַן הויז. פֿאַר זיי האָט ער אַפֿילו געמוזט אײַנשטעלן זײַן לעבן. און דער מדריך האָט געזאָגט און געטאָן. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג ער מאַכן אַ רונדע איבערן דאָרף, רײַטנדיק אָדער צו פֿוס, בײַ נאַכט אָדער בײַ טאָג, און פֿלעג אַכטונג געבן מיט זיבן אויגן אַז אַן אַראַבישער פּאַסטעך זאָל זיך נישט ,טועה זײַן' און אַרײַנגיין מיט זײַן שאָף

אין דער תּבֿואה. און אויב ס'האָט געטראָפֿן און אַזאַ איינער איז געכאַפּט געוואָרן אין די פעלדער פון מחניים, האָט ער שוין געמעגט איבערלאָזן זײַנע אייגענע אַ צוואה. ראובן פלעג געבן אַ גוטע לעקציע די בעדויִנער. זיי פלעגן זיך באַווײַזן מיט זייערע סטאַדעס אין דער געגנט און פלעגן שעדיקן די תּבֿואות. אין מחניים און ראש־פּינה... דער מדריך האָט נישט אַנטוישט די האָפענונג וואָס מ'האָט געלייגט אויף אים. ער איז געשטאַנען בײַ דער זײַט פון די גאַליציאַנער אין הויז און אין פעלד, האָט מוטיק געקעמפט פאַר זיי און האָט אָפּגעשטויסן אַלערליי שונאים פון די גרענעצן פון מחניים, ווען זיי פלעגן פּרוּוון אַוועקראַבעווען תּבֿואה פון פעלד אָדער פון שײַער. געווען איז עס עטלעכע צענדליק יאָר פאַרן אַנטשטיין פון דער הגנה. אויך דער שומר האָט זיך נאָך נישט געהאָט באַוויזן אין די קאָלאָניעס.

„אַזוי האָט זיך דער מצב אין מחניים געצויגן, און דער מדריך (אינסטרוקטאָר) האָט זיך אײַנגעפונדעוועט אין דער קאָלאָניע, וואָס ער האָט זי באַטראַכט ווי דעם בריקנקאָפּ פון דער ייִדישער התישבות. און נחלת ראובן (אַזוי האָט מען גערופן די ווירטשאַפט פון ראובן פּײַקאָוויטש) איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין באַאַרבעט. פּײַקאָוויטש פלעג אויך אָפּשטאַטן וויזיטן אין די אַראַבישע דערפער. דאָרט פלעג ער שמועסן מיט די מוכטאַרן און שייכן וועגן ברודערשאַפט און פרײַנדשאַפט, וואָס דאַרפן הערשן צווישן די ייִדן און די אַראַבער. מיר אַלע זענען קינדער פון אברהם אבינו עליו־השלום — אַזוי פלעג ער, דער מלאך פון שלום, מסביר זײַן. דעריבער טאָרן מיר נישט מחלל זײַן די הייליקע ברודערשאַפט, זי זאָל זײַן אַ מוסטער און אַ בײַשפּיל פאַר אַלע אַרבעטנדיקע פעלאַכן און ייִדישע פּויערים. בײַ דער געלעגנהייט פלעג ער זיך לענגער אָפּשטעלן אויף דער זעלבער טעמע און אויפקלערן אַלע „אַוואַדים" (די חשובע און אָנגעזעענע לײַט), אַז ביידע פעלקער — דאָס ייִדישע און דאָס אַראַבישע — מוזן לעבן בשלום אונטער דעם הימל פון אַללאַ, געבענטשט זאָל זײַן

זײַן נאָמען... בלויז מיט די געמיינזאַמע כּוחות פֿון בײדע ברידער־פֿעלקער װעלן מיר באַװײַזן אָפּשטויסן די בעדוױנער, װאָס רײַסן זיך אַרײַן פֿון מידבר און באַשעדיקן זײער און אונדזער תּבֿואה. די דראַמאַטישע רייד פֿלעג פּײַקאָוויטש לאָזן הערן אַן אױפֿהער. גלײַכ־צײַטיק פֿלעג ער װיסן װי אַזוי צו װאָרענען די שטערערס, װאָס הערן נישט אַלץ געבאָט און פֿאַרשװעכן זײַן נאָמען (װען זײ רײַסן זיך אַרײַן אין באַזיץ פֿון פֿרעמדע). זײ װעלן װי געהעריק באַשטראָפֿט װערן, אויב זײ װעלן זיך נישט אױפֿפֿירן װי ס'באַדאַרף צו זײַן. — אַזוי פֿלעג זיך פֿאַרענדיקן די װאָרענונג. דער מדריך פֿון מחניים האָט אויך גוט געקענט אַלע שטעגן פֿון גליל און זײַנע דורכגענג און, װען ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אײַנבראָך אין אַ שטאַל אָדער אין אַ שײַער, האָט ער תּיכּף געװוּסט װעמענס אַרבעט דאָס איז און װער ס'דאַרף באַשטראָפֿט װערן. מיט דער צײַט האָבן שוין אַלע געװוּסט אַז מחניים איז די פֿעסטונג פֿון אַבו מוסאַ (די אַראַבער רופֿן יעדן אײנעם אױפֿן נאָמען פֿון זײַן עלטסטן זון), װאָס מ'טאָר נישט אָנרירן."

דער אַכזריותדיקער קער

„װען דאָס דאָרף איז אויסגעלײדיקט געװאָרן פֿון זײַנע פּױע־רים, איז פּײַקאָוויטש פֿאַרבליבן אײנער אַלײן. גאַנץ פֿרי פֿלעג ער אַרױסגײן אין פֿעלד און אַהײמקומען מיטן זון־אונטערגאַנג אַ פֿאַרכמורעטער. די לעבנספּרײד האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אים. אַ פֿאַרלאָזענער און אײנזאַמער האָט ער דאָך באַשלאָסן צו פֿאַר־בלײַבן אױפֿן אָרט און אײַנהאַלטן אים, װאָס עס זאָל נישט זײַן.

„װען מענטשן פֿלעגן פּרוּװן געבן צו פֿאַרשטײן דעם עקשן אַז אײן מענטש אַלײן קען נישט אָפּראַטעװען מחניים, פֿלעג ער ענטפֿערן: אַקערן קען איך אַן די גאַליציאַנער. און אויב ס'איז נאָך עפּעס פֿאַרבליבן פֿון ציון־גײַסט און אהבֿת־ציון, װעל איך אויך אויף תּמיד נישט פֿאַרבלײַבן אײנזאַם. ביז דעמאָלט ריר איך זיך נישט פֿון דאַנען.

„אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אין פּאַרלאָזוענעם דאָרף באַ־וויזן ר׳ אַלתּר שוואַרץ, וואָס איז געוועזן שטאַרק באַקאַנט ווי דער מאָדעל פון די חלוצים אין גליל. ער האָט זיך געוואָנדן צו זײַן אײדעם דעם עקשן מיט די ווערטער: ,הער נאָר, ראובן! כ׳קען דיך ווי אַ מענטשן מיט פאַרשטאַנד, ועסטו מיר דערלויבן דיר צו זאָגן: דו וועסט נישט אויסהאַלטן זײַענדיק איינער אַליין אין געראַנגל. דו ווייסט זיכער אַז אויך איך בין געווען פון די ראשונים אין גיא־אוני. אַזוי ווי דו האָב איך זיך אַרויפגעלאָזט אויף דעם פאַרוואַרלאָזטן באָדן כּדי אים צו באַאַרבעטן און פאַר־זייען. אָבער, ווען ס׳האָבן זיך אויסגעלאָזט אונדזערע כּוחות (און מיר זענען געווען קנאַפּ אין צאָל), האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס אָרט און זענען צוריקגעקומען צו אים מיט אַ באַנײַטן כּוח ערשט דעמאָלט, ווען ס׳זענען אונדז געקומען צו הילף די עולים פון רומעניע.

צוזאַמען מיט זיי האָבן מיר זיך אויף ס׳נײַ גענומען צו אונ־דזער אויפגאַבע און בלויז דעמאָלט האָבן מיר מצליח געווען און אויפגעשטעלט די פּראַקטיקע ראש־פּינה. דעם דאָזיקן אמת ווילסטו נישט אָנערקענען און דו פּרוווסט זיך אַפילו אים קעגנ־שטעלן. מוז איך דיר דעריבער זאָגן: מחניים נייטיקט זיך אין אַ סך אַזעלכע ווי דו! איינער אַליין וועסטו נישט קענען אויס־פילן די ליידיקייט וואָס ס׳האָבן איבערגעלאָזט אַלע אַנטלאָפענע. דו דאַרפסט דעריבער אָננעמען די זאַך ווי זי איז און זיך אונטער־געבן דעם באַפעל פון גורל.׳״

אַזוי האָט גערעדט ר׳ אַלתּר. אָבער קיין ענטפער האָט ער נישט באַקומען. האָט ער בכן באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט אַן אַנדער שפּראַך. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום שווײַגנדיקן און אויסגערופן: „לאָמיר אָננעמען אויף אַ מינוט אַז דו ביסט גע־רעכט און איך בין דער וואָס האָט פאַרלאָרן דעם זינען. דו וועסט בלויז מיט דײַנע צוויי הענט ווײַטער אויפהאַלטן מחניים. אָבער ווער האָט דיר דערלויבט צו באַלעבאַטעווען איבער דײַן ווײַב

און איר מקצר זײַן די יאָרן?! זי איז נאָך אַ גאָר יונגע און אירע כּוחות האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט און אויף איר פּנים איז שוין אַרויף אַן אַלטקייט צוליב די לײַדן וואָס דו ברענגסט אויף איר... צי וועט זי געפינען כּוח צו זײַן אַ מאַמע צו אירע קינדער? און אויף זיי לייגסטו דאָך אַלע דײַנע האָפענונגען!"

„מיט איין מאָל האָט זיך דאָס פּנים פון מײַן פאָטער פאַר־ענדערט. ער איז בלייך געוואָרן ווי אַ מת. אָבער זײַן צונג איז געווען צוגעקלעפּט צום גומען. ס'איז אַוועק אַ מינוט און פון זײַנע אויגן האָבן אָנגעהויבן רינען טרערן. ר' אַלתּר האָט זיך דערשראָקן און האָט שוין חרטה געהאַט אויף די שטראָפרייד וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זײַן מויל און האָבן, זעט אויס, געשטאָכן ווי אַ שווערד. ער האָט שוין געהאַלטן בײַם ענדערן דעם טאָן און איבערצײַגן זײַן איידעם מיט מילדע רייד און מיט תּחנונים, אָבער דער איידעם האָט אויסגערופן: 'טאַטע, דו באַ־שולדיקסט מיך אין אכזריות לגבי מײַן ווײַב וואָס איז דײַן טאָכ־טער. כ'האָב נישט קיין ווערטער אין מויל דיר צו ענטפערן דערויף. הער־זשע! איך האָב מער נישט קיין כּוח ממשיך צו זײַן אין מחניים. איך פאַרלאָז דאָס דאָרף כּדי אַ סוף צו מאַכן צו די לײַדן פון מײַן פרוי. כ'וועל פאַרלאָזן מײַן נחלה און זיך אומקערן קיין ראש־פּינה. כ'וויל אָבער דו זאָלסט וויסן אַז בײַ מיר אין האַרצן איז אויף אייביק פאַרשריבן: כ'האָב מפקיר געווען און פאַרלאָזט מחניים! דאָס וועט פאַרבלײַבן מײַן גרעסטע מפּלה'."

און אליאב דערציילט:

„אַ צײַט שפּעטער האָט מען גענומען זוכן קאַנדידאַטן צו גרינדן די ייִדישע קאָלאָניע מחניים אין דער נאָענט פון ראש־פּינה. מײַנע עלטערן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער מציאה. דאָס אָרט איז געווען וויסט, פול מיט מוראַדיקע פעלדזן און מיט אַ מאַסע שלאַנגען... דער טאַטע פלעג זיי הרגענען אין די צענד־ליקער, אָבער אָן קיין שום נוצן, מחמת תּמיד פלעגן זיך באַווײַזן נײַע אויף זייער אָרט. נישט געקוקט אויף אַלץ האָבן מײַנע עלטערן

געפּרוווט זיך איינקלאַמערן אין אָרט מיט זייערע נעגל. דאָס גערעטעניש פון פעלד איז געווען נישטיק און די צאָל קאָלאָניסטן זייער אַ קליינע. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך מיאש געווען און פאַרלאָזט דאָס אָרט. מיינע עלטערן האָבן נאָך אויסגעהאַלטן איינע אַליין צוויי ווייטער־דיקע יאָרן, ביז זיי זענען אויך געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס פאַרלאָזטע דאָרף מיט טרערן אין די אויגן.

„פון מחניים איז די משפּחה צוריקגעקומען קיין ראש־פּינה, באַקומען אַ צימער אָדער צוויי אינעם הויז פונעם זיידן אלתר, וועלכן אַלע האָבן שטאַרק ליב געהאַט. ביז היינט געדענק איך זיין לאַנגע, ווייסע באָרד, זיין שוואַרצע יאַרמלקע וואָס ער פלעג טראָגן אויפן קאָפּ, ווייל געווען איז ער אַ שומר־מיצוות. כ'געדענק זיין אַנגענעמע שטים, ווען ער פלעג דאַווענען פאָרן עמוד אין דער שול פון ראש־פּינה.

„אָבער מיין פאָטער האָט געזען אין דער ערדאַרבעט זיין באַגער און זיין לעבנסציל און האָט נישט געוואָלט זיך אונטער־געבן דעם גורל. נישט אַזאַ ווי ער וועט מוותר זיין אויף אַלע זיינע ראָזע חלומות, ניין!

„ס'זענען אַוועק יאָרן און דער טאַטע, וואָס האָט געלעכצט זיך צו באַזעצן אויף ערד, האָט בשום־אופן נישט מסכּים געווען זיך צו נעמען צו אַנדערע אַרבעטן, אויסער צו ערדאַרבעט. צום סוף האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער וועט נישט האָבן קיין אַנדער אויסוועג ווי אָנצונעמען דעם דריטן תּנאי אויף צו באַזעצן זיך — דאָס הייסט פינאַנסירן דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר. מ'האָט אים צוגעזאָגט באָדן אין איינער פון דעם באַראָנס קאָלאָ־ניעס, אויב ער וועט נאָר באַצאָלן דעם פאַרלאַנגטן סכום, אַן ערך דריי הונדערט פראַנצייזישע נאַפּאָלעאָנען, וואָס זענען צו יענער צייט געווען אַ סך געלט... איז פון וואַנען זאָל ער נעמען אַזאַ גרויסן סכום? נאָך אַ סך קווענקלענישן און וואַקלענישן האָט דער טאַטע באַשלאָסן, אין 1905, צו פאָרן קיין אַמעריקע אויף

עטלעכע יאָר כּדי צו פאַרדינען דאָרט געלט און צוריקצוקומען און באַקומען דעם צוגעזאָגטן באָדן. ער איז אַוועקגעפאָרן פּריי־לינגצײַט, איבערלאָזנדיק מײַן מוטער אין די הויכע חדשים און די דרײַ קינדער, משה, מרדכי און צבי, בײַם זיידן אין הויז.

„וועגן זײַן רײַזע קיין אַמעריקע האָט דער טאַטע שפּעטער דערציילט, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרקער פּאָרט, נאָך אַ לאַנגער נסיעה פון אַן ערך אַ חודש פון מאַרסיי, האָבן ייִדישע עסקנים אָפּגעוואַרט די מאַסע אימיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער שיף, האָבן זיי אָפּגעפירט אין אַ גאָרקיר און געגעבן זיי דאָרט אָפּצועסן דעם ערשטן וואַרעמען מאָלצײַט אויף דער ערד פון אָנקל סעם ווי אויך עטלעכע דאָלער אויף זייער אויסקום אין זייערע ערשטע טריט אין פרעמדן לאַנד. אָבער מײַן פאָטער, וועלכער איז, ווי געזאָגט, געווען זייער אַ שטאָלצער מענטש, האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען הילף אָדער צו פאַלן עמעצן צו לאַסט. ער האָט זיך דעריבער אַוועקגעשטעלט אין אַ זײַט און אָפּגעוואַרט ביז אַלע מענטשן זענען פאַרבײַ און דעמאָלט איז ער איינער אַליין אַרויס אין די גאַסן פון דער רוישנ־דיקער שטאָט צו געפינען אַ באַשיידענעם האָטעל, ווו ער זאָל זיך קענען אויסרוען פון דער אָנשטרענגענדיקער נסיעה.

„,פאַר וואָס קומסטו נישט מיט אונדז? — האָבן די עסקנים אים אַ פרעג געטאָן אויף ייִדיש. — ביסט דאָך פרעמד אין דאָזיקן לאַנד און ווי אַזוי וועסטו זיך אײַנאָרדענען אָן אונדז?'. ,איך בין נישט קיין נצרך', — האָט ער זיי אַ שטאָלצער געענטפערט, — ,איך האָב מיט זיך געלט'. און ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש די צען גאָלדענע נאַפּאָלעאָנען וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון ארץ־ישׂראל. אויף מאָרגן איז אין די ייִדישע בלעטער דערשינען די פאָלגנדיקע ידיעה מיט אַ גרויסן קאָפּ: ,אַ קאַפּיטאַליסט איז געקומען מיט אַן אימיגראַנטן־שיף און דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען!'

„דרײַ יאָר האָט דער טאַטע שווער געהאָרעוועט ביז ער האָט

אַנגעקליבן געגוג געלט פאַר זײַן ציל און איז צוריקגעקומען אין זײַן לאַנד אַרײַן און צו זײַן משפחה... ביז זײַן לעצטן טאָג האָט ער פּײַנט געהאַט אַמעריקע און פלעג אומגערן רעדן וועגן די דרײַ יאָר, וואָס ער האָט אין איר פאַרבראַכט. ס׳פלעג אונדז שווער אָנקומען אַרויסצוקריגן פון זײַן מויל פון צײַט צו צײַט עטלעכע זאַצן וועגן דעם וואָס ער האָט דאָרט דורכגעמאַכט.

„יעדער מאָל ווען איך פלעג פּרוּוון באַפרידיקן מײַן נײַגער וואָס שייך זײַנע אײַנדרוקן פון אַמעריקע, וואָס איז שוין אָנגע־גאַנגען ווי דאָס לאַנד, ווו גאָלד וואַלגערט זיך אין די גאַסן, פלעג ער אַ הייב טאָן די אַקסלען און זאָגן בלויז די ווערטער: ‚אַן אַנדער גלות, דאָס איז נישט קיין לייזונג פאַר די ייִדן‘.״

„קישקעגעלט!״ פלעג דער טאַטע אָנרופן דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין אַמעריקע, דאָס הייסט אַז ער האָט דאָרט געלעבט אַן אויסערגעוויינלעך באַשיידן לעבן. צוריק־קומענדיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין ראש־פּינה, האָט ער געפונען די משפחה באַרײַכערט מיט איין נפש — מיט אליאבן („ווען כ׳וועל דאָ נישט זײַן״ — האָט ער געזאָגט — „זאָל אים גאָט זײַן אַ פאָטער״), וואָס איז געבוירן געוואָרן עטלעכע חדשים נאָך זײַן אָפּפאָרן. מיט דעם געלט וואָס ער האָט מיטגעבראַכט האָט ער סוף־כּל־סוף באַוויזן זיך צו באַזעצן אויף זײַן אייגענעם באָדן — אין כּפר־תּבור, וואָס איז נאָר וואָס געגרינדעט געוואָרן. אין איינעם פון די זומערטעג פון 1907 האָט מען אײַנגעפּאַקט די זאַכן און די אויסשטאַטונג אויפגעלאָדן אויף צוויי פּרדות (מויליזלען) — זײַנע ערשטע בהמות — און אויף נאָך אַנדערע, געדונגענע בהמות און די משפחה איז אַוועק פונעם זיידנס הויז, כּדי אָנצוקומען אין איר שטיינערנער נחלה.

אַרום איינעם פון די אייזלען האָט מען אַרומגעבונדן צוויי קאַסטנס. אין איינעם פון זיי האָט מען אַרײַנגעלייגט אליאבן, אין צווייטן האָט מען אַרײַנגעטאָן אַ שטיין אויף צו שאַפן די נייטיקע גלײַכוואָג.

וואָס שייך מיר, האָב איך אַ סך פון די וווּנדערלעכסטע טעג וואָס כ'האָב געקענט אין מײַן קינדהייט איבערגעלעבט אין מײַן זיידנס הויז אין ראש־פּינה, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס דער־מאָנט אונדזער הויף אין כּפר־תּבור, כאָטש דאָס גרויסע הויז פון זיידן האָט געהאַט צוויי שטאָק און איז געווען אַ רחבותדיק, און האָט אַ מאָל אַפילו געדינט ווי אַ האָטעל פאַר געסט. נאָך דעם ווי מײַן זיידע איז ניפטר געוואָרן, פלעג איך פאַרברענגען מײַנע זומער־וואַקאַציעס אין הויז פון מײַן פעטער, דעם פעטער מאיר, דעם ברודער פון מײַן מאַמען, צו וועלכן כ'בין געווען גאַנץ באַזונדערס צוגעבונדן.

ראש־פּינה איז געווען מיט אַ שיינע פאָר יאָר עלטער פון כּפר־תּבור און פון איר דערפאַרונג האָבן די פּויערים פון אונ־דזער דאָרף געלערנט ווי אַזוי צו בויען אַ קאָלאָניע און ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן.

י"ז

„איך האָב מסחה נישט געגרינדעט" — האָט אַ צײַט שפּע־טער עדות געזאָגט אויף זיך מײַן פאָטער — „איך האָב געגרינ־דעט בית־קשת... ווי אַזוי? אין יאָר 1907 בין איך געקומען זיך באַזעצן ווי אַ פּויער אין מסחה, ווײַל איך בין נישט געווען קיין ,חובב־ציון' נאָר אַ ,אוהב־אדמה' (אַ ליבהאָבער פון דער ערד) פון קינדווײַז אָן. אָבער באַקומען האָב איך דאָרט בלויז אַ הויז צום וווינען; די באָדן־חלקים האָבן זיך געפונען אין צפון־זײַט, צווישן די באָדנס פון די בעדוּיִנער די ,זביחים', וואָס האָבן געלעבט פון רויב, גזלה און גנבה. די דאָזיקע באָדן־חלקים, וואָס האָבן געהייסן אום־אַל־אַבייט, זענען געלעגן זיבן קילאָמעטער ווײַט פון הויז און קיין וועג צו דערגיין צו זיי איז נישט געווען. קיין שום ייִדישער פּויער האָט נאָך אַהין נישט דערגרייכט און

ווען ס'איז געקומען די צייט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט נאָך די רעגנס, האָבן די אַראַבער נישט דערלאָזט מ'זאָל דורכגיין דורך זייערע פעלדער.

„ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרמעסט צווישן מיר און די זביחים. כ'האָב געזאָגט: צווישן מיר, מחמת אין אָנהייב זענען מיר געווען דרײַ ייִדישע פּויערים אויף יענעם שטיק ערד: איינער אַ תּימנער, איינער אַ גר און איך דער דריטער. מיר האָבן אָנגעהויבן אַ קאַץ־און־מויז־שפּיל מיט די זביחים: ווען מיר זענען אַרויס גאָר פרי, האָבן זיי זיך דערוווּסט און זענען אויך אַרויס גאָר פרי צו פאַרשטעלן דעם וועג און זיי זענען געווען צענדליקער און מיר איינציקע; זענען מיר אַרויס נאָך פריער, האָבן זיי זיך אויך געפעדערט. אַזוי זענען אַוועק טעג און נעכט אין אַט דעם באַהעלטעניש־שפּיל ביז כ'האָב זיך אַנטשלאָסן צו מאַכן אַן אַנטשיידנדיקן שריט, ווײַל ,אם אין אני לי מי לי?' האָב איך אַרויסגענומען דאָס געווער וואָס כ'האָב געטראָגן מיט זיך און האָב אָפּגעגעבן צוויי שאָסן איבער די קעפּ פון די זביחים און האָב זיי געוואָרנט, אַז דער דריטער שאָס וועט זיי ,טרעפן גלײַך אין קאָפּ אַרײַן'. האָבן זיי גענומען טענהן און שרײַען ביז זיי האָבן צום סוף נאָכגעגעבן — און מיר זענען אַדורך. אַזוי האָבן מיר אײַנגענומען אַ וועג וואָס איז דרײַסיק יאָר שפּעטער געוואָרן אַ כּביש און כ'האָב דאָס רעכט זיך צו באַרימען אַז איך בין געווען דער וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם דאָזיקן כּביש, וואָס פאַרבינדט הײַנט עפולה—כּפר־תּבור מיט דער כּדורי־שולע און מיט בית־קשת, וואָס האָבן נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט.

„מײַן נאָמען איז באַקאַנט געווען אין דער סביבה און מ'האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ מיליטערישן העלד. ווען ס'איז געקומען די צייט און מײַנע קליינע קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין צו זייער פאָטער אין פעלד אַרײַן, און די אַראַבישע שטערערס האָבן געוואָלט וואַרפן אויף זיי שטיינער, האָבן די עלטערע אויף זיי אָנגעשריען און זיי געוואָרנט: ,דאָס זענען די קינדער פון

כּאַוואַדזשאַ רים (ראובן) און ער וועט זיך מיט אייך אָפּ־רעכענען׳ ״.*

דער אמת איז טאַקע אַז זײַן צוגעבונדנקייט צו דער ערד, זײַן פלײַס און די מעשׂיות וועגן זײַנע העלדישקייטן האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם אויף די מענטשן פון דער סביבה: אַראַבער, דרוזן און מוגראַבער, און זײַן נאָמען איז געוואָרן אַ לעגענדע צווישן די מיטגלידער פון דעם בעדויִנישן שבט זביח (זאַביאַר). די דאָרפסמענטשן פון גליל האָבן אים רעספּעקטירט און שטאַרק פאַרערט. ער איז געווען אַ בן־בית אין זייערע געצעלטן און אין זייערע וווינונגען און זיי פלעגן קומען צו אים, אַרויסווײַזן אים כּבוד און ליבשאַפט, אַ מאָל כּדי ער זאָל זײַן דער בורר אין זייערע סיכסוכים צווישן זיך און אַ מאָל גלאַט אַזוי אויף אַ שמועס בײַ אַ טעפּעלע פאַרעדיקער און שמעקעדיקער קאַווע. מיט זײַן אָנקומען אין כּפר־תּבור איז געקומען אַזוי ווי אַ קער אין די באַציונגען פון די אַראַבער פון דער סביבה צו דער קליינער גרופּע פּויערים וואָס אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן צו באַ־אַרבעטן די באָדנס צפון־זײַט פון דער קאָלאָניע. דער דאָזיקער קער איז נישט געשען אין איין טאָג און ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער ריי קריגערײַען און צוזאַמענשטויסן, ווי ס׳באַווײַזט די פאָלגנדיקע דערציילונג:

„...נחמן קרניאל האָט געאַקערט און ס׳האָט זיך צו אים דער־נענטערט אַ בעדויִנער. נחמן איז געווען אָפּגעהיט דער בעדויִנער זאָל צו אים נישט צוגיין פון דער זײַט ווו ס׳הענגט אויף אים זײַן געווער. דער בעדויִנער ווערט אין כּעס פון דער פאָרזיכטיקייט פונעם ייִדן וואָס האָט נישט צו אים קיין צוטרוי, און הויבט אויף ווי אַ פּראָטעסט זײַן שטעקן. דער שטעקן האָט זיך אָבער נישט אַראָפּגעלאָזט, ווײַל פון הינטן איז דערשינען ראובן פּײַקאָוויטש, וואָס האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן און נישט נאָר אים אָפּ־

* „חמשים שנות התישבות בגליל התחתון״, זז׳ 199—200.

געהאַלטן, נאָר אים אַראָפּגעלאָזן אויף דעם בעדוינערס פּלייצע און נישט מער. דער בעדוינער איז אומגעפאַלן. פון וואַנען איז פּײַקאָוויטש אַהערגעקומען? פון דער ווײַטנס האָט ער דערזען ווי דער בעדוינער טשעפּעט זיך און ווי אַ פײַל פון בויגן איז ער אויף אים אַרויף פון הינטן. ער האָט גוט געקענט „די דאָזיקע געסט" און זיינט דעמאָלט פלעגן פּײַקאָוויטש און קרניאל צוזאַמען אַקערן דעם באָדן פון אום־אַגאַבייל און ס'איז זיי נישט געשען קיין שלעכטס"*

תּחילת האָבן די אַראַבער נישט געוואָלט גלויבן אַז ער איז אַ ייִד; און ס'איז קיין ווּנדער נישט, מחמת לויט זייער פאָר־שטעלונג און טראַדיציע איז אַ ייִד אַ וולאַד־אַל־מיט", דאָס הייסט איינער וואָס ס'קומט אים דער טויט. און אָט איז אין זייער געגנט דערשינען אַ מענטש וואָס אויך זײַן אויסערלעך אויסזען איז אַנדערש פון דעם וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ „טיפּישער ייִד". „דער דאָזיקער מענטש איז נישט קיין ייִד", פלעגט מען זאָגן, „ס'איז אוממעגלעך אַז ס'זאָלן עקזיסטירן אַזעלכע ייִדן". ער איז אָבער אויך נישט קיין מוסולמענער און אַוודאי נישט קיין קריסט. איז וואָס איז ער דאָך? זיי האָבן זיך געבראָכן דעם מוח ביז זיי האָבן געפסקנט: אַנסאַרי! דאָס איז דער נײַער נאָמען וואָס די אַראַבער פון דער געגנט האָבן געגעבן ראובן פּײַקאָוויטשן, דעם זון פון יהושע־צבי פון גראָדנע. און פאַר וואָס אַנסאַרי? ווײַל אין צפון־סיריע, ערגעץ ווו, נישט ווײַט פון דער טערקישער גרענעץ, איז געזעסן אַ שבט פון קריגסלײַט, אָן אַ רעליגיע אָדער מיט אַן אומבאַקאַנטער רעליגיע, נישט קיין אומגלייביקע, נישט קיין געצן־דינערס. דער שבט האָט געהייסן אַנסאַריאַ. און אַזוי ביז זײַנע לעצטע טעג, האָבן זיי אים גערופן רים (אָדער ראָאַם, ד"ה ראובן אין העברעיש) אַנסאַרי, אַ מאַן אָן מורא, וואָס האָט פאַרכאַפּט זייער האַרץ און זייער פאַנטאַזיע. אויך הײַנט, אויב

---

* „חמשים שנות התישבות בגליל התחתון", ז' 445.

ס׳וועט אײַך אויסקומען זיך צו טרעפן מיט די רעשטלעך פון דעם שבט — נאָך דער באַפרײַונג־מלחמה זענען פון זיי פאַרבליבן אין לאַנד בלויז גאַנץ ווייניק — און איר וועט זיי אַ פרעג טאָן אויף רים אַנסאַרי, וועלן זיי וויסן אײַך געננוי צו זאָגן ווער ס׳איז געווען דער דאָזיקער מענטש און וואָס ס׳זענען געווען זײַנע מעשׂים. פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט אים אויך גערופן אויפן נאָמען פון זײַנע זין, אַזוי ווי ס׳איז אָנגענומען אין דער אַראַבישער טראַדיציע, מערסטן טייל אויפן נאָמען פון עלטסטן זון וואָס איז פאַרבליבן בײַ אים אין הויז; און דער דאָזיקער נאָמען פלעגט זיך אָפט בײַטן, צום פאַרדרוס פון מײַן פאָטער, מחמת איינער נאָכן אַנדערן זענען די זין אַוועק פון דער היים און געגאַנגען זוכן נײַע ערטער און נײַע פּרנסה־קוואַלן. אין אָנהייב האָט מען אים גערופן אַבו מוסאַ; שפּעטער אַבו מראַד, דערנאָך אַבו ראַזאַל און, ווען צבי האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף, האָט מען דעם פאָטער גערופן אַבו דיאַב. און צום סוף, ווען פון אַלע מײַנע ברידער בין איך איינער אַליין פאַרבליבן אין הויז, האָט מען אים אָנגעהויבן רופן אַבו עגעל — שווער געווען פאַר זיי אַרויסצורעדן דעם נאָמען יגאל. (אגב, אַחוץ מײַן פאָטער, האָט קיינער מיך נישט גערופן יגאל. אַלע האָבן מיך גערופן מיטן צונאָמען „יעגאַ״). ווען איך פלעג פאַרבײַגיין פאַר זיי אויפן וועג צו די פעלדער אין דער נאָענט פון זייערע געצעלטן, פלעג איך הערן ווי די אַראַבער און די אַראַבערינס, די פּויערים און די פאַסטע־כער זאָגן איינער צום צווייטן: „האַדאַ וולאַד אַל־אַנסאַרי״, ד״ה דאָס איז דער זון פון אַנסאַרי. דער דאָזיקער נאָמען איז געווען אַ „פירמע״ אין גליל און דעם טאַטנס זכות איז מיר בײַגעשטאַנען אַ סך יאָרן אין מײַנע קאָנטאַקטן מיט די אַראַבער. ווי אַ בײַשפּיל וועל איך דאָ ברענגען דאָס וואָס ירוחם כהן דערציילט וועגן דעם ווי אַזוי ס׳זענען מאָביליזירט געוואָרן די זין פון שבט אַראַוו־אַל־האַאוו אין יאָר 1948:

„אין דער תּקופה פאַר דער „מטאטא״־אָפּעראַציע איז צו

אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה פון אונדזערע מענטשן אַז דער קליי־נער בעדווינער־שבט אַראַוו־אַל־האַאוו, אונטער דער אָנפירונג פון שייך אַבו־יוסעף, פונעם דאָרף טאָווא ביי דער סירישער גרענעץ, אַ שבט פון אָקסן־פּאַסטעכער און פון גרענעץ־שמוגלערס, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין מוטיקייט, וויל אָפענערהייט צושטיין צו אונדזערע כּוחות. די זאַך האָט אונדז אויסגעזען מאָדנע ווייל אונדזער מצב איז אין יענער צייט געווען זייער אַ שלעכטער. די ידיעה האָט אויפגעוועקט די נייגעריקייט ביי יגאַלן, וואָס האָט באַשלאָסן פּערזענלעך זיך צו דערוויסן וואָסערע ס'זענען דעם שייכס מאָטיוון פאַר אַזאַ שריט. יגאל האָט געהאַלטן אַז דאָס צושטיין פון דאָזיקן שבט איז פּאָליטיש נישט ווייניקער וויכטיק ווי מיליטעריש. ס'איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל דעם קאָמענ־דאַנט איבער דער „מטאטא"־אָפּעראַציע, וואָס איז אין יענע טעג אָנגעגאַנגען, נישט אָנצורירן די מענטשן פון דאָזיקן שבט. פון מער זיכערקייט וועגן האָט דעם מיליטערישן כּוח וואָס איז טעטיק געווען אין יענער געגנט באַגלייט אַ מענטש אַן אָפּשטאַ־מיקער פון דער געגנט. דער וויזיט ביים שייך אַבו־יוסעף איז נישט געמאַכט געוואָרן גלייך, נאָר אַ ביסל שפּעטער.

ווען ס'איז געקומען די צייט, זענען מיר, באַוואָפנטע מיט קוילן־וואַרפערס, אַרויס אין צוויי דזשיפּן אין דער ריכטונג פון דאָרף טאָווא. יגאַל, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען קיין דרייסיק יאָר און האָט אפילו אויסגעזען יינגער ווי זיין עלטער, האָט מורא געהאַט אַז אויב ער וועט דערשיינען אַן אוניפאָרעם און אָן דער אָפּצייכענונג פון זיין ראַנג, שוין נישט רעדנדיק וועגן וואָנצעס און שטיוול, וועט דער שייך נישט גלייבן אַז ער איז דער קאָמענ־דאַנט פון דעם יידישן כּוח. האָט ער דעריבער באַשלאָסן זיך פאָרצושטעלן ווי דער פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט, וואָס האָט אים געשיקט זיך צו באַקענען מיטן שייך און מיט זיינע מענטשן און צו באַשטימען די פּרטים פון אָפּמאַך. מאַנו פרידמאַן און איך האָבן צוגעגרייט דעם וויזיט אין פאַרויס כּדי אים צוצוגעבן

אַן אויסזען פון אַן אָנגעזעענעם צערעמאָניאַל און כּדי אויס־צומיַידן איבערראַשונגען פון דער זיַיט פון דער סירישער גרענעץ.

צו דער באַשטימטער שעה זענען מיר אָנגעקומען אין לאַ־גער. אין דער מיט פונעם געצעלט איז געשטאַנען אַן אָפּטיילונג יונגע בעדויִנער אין מונדירן פון פראַנצייזישן מיליטער. זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט ביקסן פון דריַי־פיר סאָרטן און זייערע ברוסטן זענען געווען באַצירט מיט קוילן־בייטלען. דער אַלטער שייך האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ פריילעך פּנים און מיט אַ בינטל טראַדיציאָנעלע אַראַבישע ברכות. יגאַל האָט אינספּעק־טירט די דאָזיקע מאָדנע און אומגעוויינלעכע פאָרמאַציע. דער־נאָך זענען מיר אַריַין אין געצעלט פון שייך און גענומען שמועסן וועגן די ציַיט־שוועריקייטן, וועגן אַגראַר־פּראָבלעמען און וועגן וועטער. ווען מיר האָבן דערפילט אַז מיר זענען שוין יוצא געווען מיטן חוב פון העפלעכקייט, האָט יגאַל פאַרקערעוועט דעם שמועס אין אַ מער פּראַקטישער ריכטונג. ער האָט געזאָגט דעם שייך אַז זיַין קאָמענדאַנט האָט געהערט וועגן זייער גרייטקייט צו־צושטיין צו אונדזערע מיליטערישע כּוחות און דעריבער איז ער, יגאַל, געשיקט געוואָרן זיך מיט אים צו טרעפן כּדי איַינצואָר־דענען דעם ענין. איידער ער האָט געענדיקט רעדן, האָט אים דער שייך איבערגעריסן אין אַ טאָן פון אַ פאָרוואורף: „אַי, זון מיַינער עעגאַל (אַזוי ווי די אַראַבער פלעגן אַרויסרעדן זיַין נאָמען); פרווו נישט חוזק מאַכן פון מיר דעם זקן. כ'האָב גע־קענט דיַין זיידן, דעם פאָטער פון דיַין מאַמען, דעם פאַרשטאָר־בענעם אַלתר שווארץ, וואָס האָט געהערט צו די וותיקים פון ראש־פינה; איך קען דיַין טאַטן שוין פינף און זיבעציק יאָר. דו ביסט עס דער יידישער קאָמענדאַנט און וויַיל כ'האָב צו דיר צוטרוי, בין איך גרייט צו פאַרבינדן דעם גורל פון מיַין שבט מיט איַיער גורל.“ *

---

* ירוחם כּהן: „לאור היום ובמחשך“, פאַרלאַג עמיקם, זז' 134—135.

מײַן פֿאָטער איז טאַקע זײער גוט באַקאַנט געװען די אַראַ־בער פֿון גליל פֿון יענע יאָרן װען ער האָט געפּרוּװט זיך באַזעצן אין מחניים.

י"ח

מײַן פֿאָטער, פּונקט אַזױ װי ער איז געװען פֿעסט בײַ זיך אין אַלץ װאָס איז נוגע געװען דעם ייִדישן כּבֿוד, לעבן און פֿאַר־מעגן — װאָס זענען אָפֿט געװען געבונדן צװישן זיך — אַזױ האָט ער אױך געזוכט װעגן אָנצוקניפּן גוטע באַציִונגען מיט די אַראַבער פֿון דער געגנט. איך געדענק די תּקופֿה נאָך דעם װי מײַנע עלטערע ברידער האָבן פֿאַרלאָזט דאָס הױז. דער טאַטע מײַנער האָט שױן אָנגעהױבן אַלט װערן און איך בין נאָך נישט געװען דערװאַקסן כּ׳זאָל נעמען אױף זיך אַלע שװערע אַרבעטן פֿון דער באַלעבאַטישקײט. אַזױ װי אַלע פּױערים, האָבן מיר אױך באַשעפֿטיקט אין אונדזער װירטשאַפֿט אַראַבישע אַרבעטער. די באַציִונגען צװישן אונדז און זײ זענען אַנדערש געװען װי די װאָס זענען אָנגענומען צװישן אַרבעט־געבערס און אַרבעטער.

אינעם העברעיִש פֿון יענער תּקופֿה האָט מען די דאָזיקע אַרבעטער גערופֿן **אריסים** (פּאַכטערס). מיר האָבן ליבער געהאַט זײ צו רופֿן מיטן אַראַבישן נאָמען כאַראַטן. אַזאַ כאַראַטן־משפּחה האָט שטענדיק געװױנט אין אײנער פֿון די געבײַדעס אין אונדזער הױף. פֿאַר זײער אַרבעט פֿלעגן זײ באַקומען אַ טײל פֿונעם גע־רעטעניש. גוטע באַציִונגען האָבן געהערשט צװישן אונדזערע משפּחות, װאָס האָבן געװױנט אין אײן הױף און האָבן געדאַרפֿט אָנקומען אײנע צו דער אַנדערער יעדער טאָג און יעדער שעה.

אין די זומער־װאַקאַציעס פֿלעג מיך דער פֿאָטער טײל מאָל שיקן פֿאַרברענגען אַ װאָך אָדער צװײ אינעם הױז פֿון אײנעם פֿון זײַנע אַראַבישע פֿרײַנד. מערסטן טײל בײַ אַבו־איבראַהים אין

דאָרף איין־מאַהאַל, נישט ווײַט פון נצרת. דער פולער נאָמען פון אַבו־איבראַהים איז געווען אַבדאַללאַ כּאַביב־אַללאַ. ווען כ׳בין צוריקגעפאָרן אַהיים, פלעג קומען מיט מיר איבראַהים, דער זון פון אַבו־איבראַהים און טייל מאָל אויך אַן אַנדער יונגער אַראַ־בער אין מײַן עלטער, כּדי צו פאַרברענגען אַ וואָך־צוויי בײַ אונדז אין הויז. אַבדאַללאַ כּאַביב־אַללאַ איז אַוועק פון דער וועלט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אָבער ביזן הײַנטיקן טאָג האַלטן מיר אָן האַרציקע באַציונגען מיט די מיטגלידער פון זײַן משפּחה. זינט מײַן פאָטערס טויט ביזן טאָג ווען ער אַליין איז געשטאָרבן האָט זיך אַבו־איבראַהים באַטראַכט ווי אַ מין אַפּוטרופּוס איבער מיר. יעדער מאָל ווען כ׳פלעג קומען צו אים אין הויז, פלעג זײַן פרוי זיך פאַרנעמען מיט מיר, געגעבן מיר צו עסן און געזאָרגט פאַר מיר ווי כ׳וואָלט געווען איר זון. די לעבנס־געשעענישן, ווי מע זאָגט — די אומרועןּ, מײַן פאַרלאָזן כּפר־תּבור, די מלחמה — האָבן מיך אָפּגעריסן פון דער משפּחה אַבו־איבראַהים און פון די אַנדערע פרײַנד אין איין־מאַהאַל אין משך פון לאַנגע יאָרן. דאָס באַנײַען די פאַרבינדונגען איז געשען בײַ גאַנץ באַזונדערע באַדינגונגען.

אין דער צײַט פון דער פינפטער כּנסת בין איך אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ מיניסטער אין דער רעגירונג. איינער פון די ערשטע וויזיטן וואָס כ׳האָב געמאַכט איז געווען אין נצרת, וואָס איז געווען פאַר מיר ווי אַ מין הויפּטשטאָט פון מײַן יוגנט. דער דעמאָלטיקער שטאָט־פּרעזידענט, סייף־אַדין זואַבי, האָט מיר אײַנ־געאָרדנט אַ וואַרעמען און פּראַכטיקן קבלת־פּנים און אַז, ווען כ׳בין אַרײַן אין זאַל, רופט זיך צו מיר אָפּ דער שטאָט־פּרעזידענט:

„כ׳האָב פאַר דיר אַן איבערראַשונג.״

„וואָס איז זי?״

אָבער ער, אַנשטאָט מיר צו ענטפערן, האָט מיך געבעטן אַרײַנגיין מיט אים אין איינעם פון די צימערן לעבן דעם אויפ־נעמזאַל.

אַ שטאָט־אָנגעשטעלטער האָט געעפנט פאַר אונדז די טיר. כ׳בין אַרײַן און האָב דערזען פאַר מיר אַן אַראַבישן זקן. כאָטש ס׳זענען שוין געהאַט אַוועק אַן ערך פופצן יאָר זינט כ׳האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל, האָב איך אים תּיכּף דערקענט: אַב־דאַללאַ כאַביב־אַללאַ, וועמען מיר האָבן גערופן פאַרצויגן אַבדוני. מיר זענען זיך געפאַלן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס, מיר האָבן זיך צעקושט און אָנגעהויבן זיך טיילן מיט זכרונות פון יענע ווײַטע טעג. ער האָט מיך געפרעגט וואָס עס מאַכן מײַן טאַטע, מײַן שוועסטער און מײַנע ברידער און האָט זיי אַלע אָנגערופן בײַ די נעמען. מיר האָבן גלײַך באַשלאָסן אַז כ׳וועל אײַנאָרדענען אַ באַגעגעניש צווישן ביידע משפחות. ער האָט שטאַרק געוואָלט זען מײַן פאָטער, וועלכער האָט דעמאָלט שוין געוווינט אין גינוסר. ווען כ׳האָב געהאַלטן אין צוגרייטן די אַזוי דערוואַרטע באַגעגעניש, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין אַב־דאַללאַס דאָרף, איז מײַן פאָטער אַוועק פון דער וועלט. צווישן די וואָס האָבן אים מלווה געווען איז אויך געווען אַבדוני.

י״ט

הויך און ברייטפּלייציק איז געווען מײַן פאַרשטאָרבענער פאָ־טער, מיט בלויע אויגן, שוואַרצע און געקרייזלטע האָר. זײַן קליין בערדל איז אָבער געווען בלאָנד. אָט דער זעלטענער צונויפשפּיל פון פאַרבן האָט געמאַכט אַ רושם אויף די וואָס האָבן אים געזען. ער איז געווען פעסט בײַ זיך, אַ קפדן, ווי קיינער נישט, אין אַלץ וואָס איז נוגע געווען אַרבעט, פּינקטלעכקייט און צײַט און אין רעדן. ער איז געווען באַקאַנט מיט זײַן אָרנטלעכקייט און זײַן ליב האָבן אָרדענונג און ריינקייט. טייל מאָל פלעג ער צוליב איין איינציקן זאַנג, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן, אויפהויבן דאָס קול אויף אונדז — און נישט דערפאַר וואָס דער זאַנג איז וויכטיק געווען פאַר אים.

„ווער ס'האָט נישט געזען מײַן פֿאָטער אַרויסגיין אין דער פֿינצטער און צוריקקומען שפּעט בײַ נאַכט פֿון דער אַרבעט אין פֿעלד, אָדער אויפֿהייבן אַ זאַנג וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דעם אָנגעלאָדענעם וואָגן אויפֿן וועג צום שײַער" — האָט שפּעטער דערציילט מײַן ברודער מרדכי, — „האָט נישט געזען קיין פֿויער מיט זײַן ליבשאַפֿט צו ערדאַרבעט. אַ זאַנג פֿלעג ער גלעטן מיט זײַן האַנט מיט ליבשאַפֿט אַזוי ווי מע גלעט אַ דעליקאַטע בלום. אויך אונדז, קינדער, האָט ער אַזוי אײַנגעוווינט און אין די טעג פֿון שניט פֿלעג די גאַנצע משפּחה אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אַחוץ דער מאַמען, וואָס איז געבליבן אין דער היים צוצוגרייטן דאָס עסן. מ'האָט געאַרבעט בײַם שניט און בײַם צונויפֿזאַמלען, בײַם אַראָפּרײַסן אַרבעס און שומשום, סעזאַם. אויך בײַם פֿאַרזייען בעבלעך האָט ער אײַנגעפֿירט ,אייגענע אַרבעט', נישט אָנרופֿנדיק זי מיט דעם נאָמען. דאָס רוב פֿעלדאַרבעטן, פֿון אַקערן ביזן אײַנזאַמלען זענען געמאַכט געוואָרן דורך אונדז גופֿא. און אין די אָוונטן פֿלעג ער אויפֿצווינגען די אויסגעמאַטערטע קינדער צו גיין אויף די אָוונטקורסן (וואָס ס'האָט אײַנגעאָרדנט דער אָנפֿירער פֿון דער שולע, ענתּבי), כּדי צו פֿאַרפֿולקומען דאָס וואָס האָט געפֿעלט אין די לימודים... אין דעם טאַטנס ליבשאַפֿט צו דער ערד איז אַזוי ווי געווען אַ מין קאָנקורענץ צום באַשעפֿער פֿון דער וועלט." *

די ערד האָט ער ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן און אין זײַן באַציונג צו איר איז געלעגן, וואָלט מען געזאָגט, עפּעס עראָטישעס — אַ באַציונג פֿון אַ בחור צו אַ מיידל. דאָס פֿאַר־נעמען זיך מיט די עופֿות און בהמות האָט ער איבערגעלאָזן דער פֿרוי, די זין אָדער די געדונגענע אַרבעטער, די אַראַבישע און די ייִדישע. ער אַליין האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דעם

---

* „חמשים שנות התישבות בגליל התחתון", ז' 207.

אײַננעמען די ערד, דער תבואה־ און ביימער־ווירטשאַפט. ער פלעג אַרײַנלייגן אַן אַ שיעור מי אויפן אַרויסרײַסן די פעלדזן, אויפן אָפּרייניקן די שטחים פון די קליינע שטיינדלעך און אויפן באַזײַטיקן די דערנער, די קוסטעס און דאָס ווילדגראָז פון די פילצאָליקע צעשפּרייטע ערדטיילן. דער גורל האָט געוואָלט — נאָך דעם ווי מ׳האָט טאַקע געוואָרפן גורל — אַז אים איז צו־געפאַלן אַ גרויסער חלק ערד, פול מיט פעלדזן. מיט אַן אײַזער־נעם שטאַנג און מיט אַ האַק פלעג ער טאָג נאָך טאָג אַרויסרײַסן די באַזאַלט־שטיינער פון אָט דעם פעלדזיקן באָדן ביז ער איז געוואָרן איינער פון די פּרוכטיקסטע שטיקער ערד. נישט איין מאָל פלעגט ער מיר זאָגן אַז געגנוי אַזוי ווי דאָס אייגנטום פון אַ פאָלק איבער זײַן ערד איז דער יסוד פון זײַן אומאָפּהענגיקייט, איז אויך דאָס אייגנטום פון פּויער איבער זײַן ערד דער פונדאַ־מענט פאַר זײַן פּערזענלעכער פרײַהייט, נישט געקוקט אויף די פאַרפּלייצונגען, אויף דער טריקעניש, אויף די שאָדנס מצד די מײַז און היישעריקן און די געפאַרן מצד מענטשן. די ערד, און נאָר זי — פלעג ער מיר כּסדר איבערחזרן — איז דער פעסטער פונדאַמענט פאַר דער פיזישער עקזיסטענץ פון אַ מענטש און פון אַ פאָלק. „בלויז אַ פאָלק און אַ מענטש, וואָס האָבן אַ באָדן אין דער וועלט, האָבן אַ נחלה אין דער וועלט" — אַזוי פלעג ער זאָגן.

מער ווי פון אַ קליינעם פּויער האָט ער געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ גרונטבאַזיצער וואָס שטרעבט אויסצוברייטערן זײַן באַלעבאַטישקייט.

ער האָט געהאַפּט אויפבויען זיך אַ נײַ הויז און דאָס נישט אין דער קאָלאָניע גופא נאָר אַ ביסל ווײַטלעך פון איר, אויף די פעלדער. אַרום דעם דאָזיקן הויז, האָט ער געחלומט, וועלן זײַנע זין אויפשטעלן זייערע הײַזער. זיי און זייערע קינדער און קינדסקינדער וועלן נישט נאָר מיט זייער ערדאַרבעט, נאָר אויך מיט זייער גורל, מיט זייער ליבשאַפט און לעבן געקניפּט און

געבונדן זײַן מיטן דאָרף מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרקנסט — כּפר־תּבור. דאָס איז געווען דער חלום פון זײַנע חלומות.

כ

מײַן מוטער איז געווען זייער אַן איידעלע פרוי אין איר אויסזען און איר אויפפירן זיך, און כאָטש זי איז אַוועק פון דער וועלט ווען איך בין אַלט געווען זעקס יאָר, געדענק איך זי ווי כ׳וואָלט זיך ערשט נעכטן פון איר אָפּגעשיידט: איר פּנים, איר שטי־לער און באַשיידענער אופן פון רעדן און איר ליבשאַפט און איבער־געגעבנקייט צו איר מאַן און צו אירע קינדער. וועגן איר גוטס־קייט זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס אי צווישן די יידן, אי צווישן די אַראַבער. זי איז געווען ממש אַ צדיקת, אַן אמתע למד־וואָוניצע, געטראָגן הילף בסתר. זי האָט געזאָרגט פאַר אירע חברטעס ווען זיי זענען קראַנק געווען און זיך מטפּל געווען מיט איר משפּחה און אירע קרובים מיט אַן איבערגעגעבנקייט אָן אַ גרענעץ. אויף אירע איידעלע פּלייצעס האָט זי אָנגעלאָדן די אחריות פאַר דער מאַסע אַרבעטן אין הויז און אין הויף. אַנדערע האָט זי אַלץ געגעבן — זיך האָט זי גאָרנישט געלאָזן. מײַן מאַמע איז געווען אַ פרומע, אַן אָפּגעהיטענע אין אַלע מיצוות, אַזוי לײַכטע ווי שווערע, און האָט ליב געהאַט און געאַכפּערט דעם טאַטן. כאָטש זי האָט, ווי געזאָגט, שטאַרק מקפּיד געווען אויפן אָפּהיטן די מיצוות, האָט זי קיין מאָל נישט געפּרוווט אויפ־צווינגען איר דעה אָדער לעבנס־שטייגער אויף מײַן פאָטער, וועלכער איז געווען פרײַ אין זײַנע אָנשויונגען, אָדער אויף איר טאָכטער און אירע זין, וואָס זענען אין דעם פּרט נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן.

די מאַמע האָט געהאַלטן די קאַסע פון דער משפּחה. אויך אַראַבישע פרויען פון דער געגנט פלעגן אײַנלייגן בײַ איר זייער

געלט. זי פלעג די ערשטע אויפשטיין אין דער פרי און היות ווי קיין וועקזייגער איז ביי אונדז אין שטוב נישט געווען, האָט איר אויפשטיין אונדז געדינט פאַר אַ וועקזייגער. כאָטש זי איז מטופל געווען מיט אַ גרויסער משפחה, האָט זי תמיד געפונען צייט זיך צו פאַרנעמען מיט יעדן איינעם פון אונדז, ווי ער וואָלט געווען פאַר איר אַ בן־יחיד. דאָס אויסזען פון דער מאַמען אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן געהערט צו מיינע פריסטע זכרונות. דאָס איז געווען דער ליכטפונקט פון דער וואָך פאַר דער גאַנצער משפחה, וואָס איז געזעסן אַרום דעם גרויסן טיש מיט די ברע־נענדיקע ליכט אין די זילבערנע לייכטערס און חלות צוגעדעקטע מיט אַ ווייסן אויסגעהאַפטענעם טישטעכל, און די שטוב איז ריין און בלישטשעט און ס׳פילט זיך פון איר אַן אַנגענעמער ריח, וואָס איז אַנדערש פון אַלע ריחות פון די וואָכעדיקע טעג.

מיין מאַמע איז געווען אַ שיינע פרוי. ביז היינט געדענק איך אירע אַ ביסל לענגלעכע, דינע פנים־שטריכן, אירע שוואַרצע האָר וואָס פאַלן אַראָפּ איבער אירע טונקעלע און טיפע אויגן און דעם צאַרטן באַריר פון איר האַנט. ווי דער בן־זקונים בין איך נאַטירלעכערהייט געווען איר געצערטלט קינד. איר חותם האָט זיך שטאַרק אָנגעזען אין אונדזער הויז און זי האָט זיך איר השפּעה דערוואָרבן דורך אירע רויִקע גענג און דורך דער וואַ־רעמקייט און ליבשאַפט, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט פון איר איבער אַלץ וואָס האָט זי אַרומגערינגלט.

אַרויסגייענדיק אין גאַס, פלעגט זי צונויפנעמען אירע האָר אונטער אַ זיידענער בלווּלעכער דינער טוך, וואָס מ׳האָט גערופן „יאַזמע״. איר פיגור איז געווען אַ דינע און איך געדענק זי אָנ־געטאָן אין אַ „מאַקסי״־ספּאַדניצע, איינגעצויגן אַרום איר שמאָ־לער טאַליע און וואָס איז אַראָפּגעפאַלן ביז צו אירע קנעכל. זי פלעג טראָגן ווייסע בלוזקעס מיט אַ הויכן קראַגן און מיט לאַנגע אַרבל צוגעשפּיליעט אַרום די האַנט־געלענקען.

אין איינעם אַ פרייטיק, נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט צו־

גרייטן דעם שבת, איז זי געזעסן אויף אַ שטול און האָט זיך מיט איין מאָל איינגעבראָכן. מ׳האָט אויף דער שנעל געבראַכט דאָק־טוירים. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקענט העלפן. אַ וואָך צייט איז זי געלעגן אויף איר קראַנקנבעט — אַ פּאַראַליזירטע, נישט קענענדיק אַרויסרעדן קיין וואָרט. די פּרויען פון די פּויערים פלעגן קומען און אָוועקגיין, זיצן ביי איר בעט טאָג און נאַכט. אין שטוב האָט מען נישט געהערט קיין קול, כ׳וויס נישט פאַר וואָס. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. כ׳בין נישט אַלט געווען מער ווי זעקס יאָר, כ׳געדענק אָבער ווי אויף איין מאָל איז געקומען דער טאַטע, האָט מיך גענומען אין זיינע אָרעמס און מיך אַריינגעטראָגן אין צימער, ווו די מאַמע איז געלעגן. ער האָט מיך נישט צוגעגרייט צו דער טרעפונג, וואָס איז געווען אַ געזעגענען זיך. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ס׳קומט פאַר, אָבער דאָס שטילשווייגן פון דער גאַנצער משפחה וואָס איז גע־שטאַנען אַרום איר בעט האָט דערציילט אַלץ. דער טאַטע האָט מיך אַראָפּגעבויגן צו איר און איך האָב זי אַ קוש געטאָן אין שטערן. אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט, האָט זי אַפילו אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע אויגן, וואָס זענען פלוצעם באַלויכטן געוואָרן דורך אַ העכסטן אָנשטרענג אַרויסצוברענגען אַן אוממעגלעכן שמייכל.

אליאב דערציילט אין זיין בוך:

„איר לוויה איז פאָרגעקומען דעם זעלבן טאָג נאָך מיטאָג אין כפר־תבור ביי דער באַטייליקונג פון אַ גרויסן עולם פון די משפחה־מיטגלידער, פון די מענטשן פון דאָרף און אויך פון אַ סך פון די שכנותדיקע דערפער און פון די אַראַבער פון דער געגנט. זי איז געבראַכט געוואָרן צו איר אייביקער רו אויפן בית־עולם פונעם דאָרף. „אַ גרויסע צדיקת איז פון אונדז אַוועק", האָט זי מספיד געווען דער ראש פון דער חברה־קדישא, דב הערשקאָוויטש ז״ל. ביים צודעקן דעם קבר האָט דער טאַטע אין זיין הספד געזאָגט: „זכרתי לך חסד נעוריך, לכתך אחרי למדבר,

לחיים קשים בכפר" (איך געדענק דיר די גינציקייט פון דײַן יוגנט, די ליבשאַפט פון דײַן כלה־צײַט, דײַן גײן נאָך מיר אין דער מדבר, צו אַ שווער לעבן אין דאָרף)..

אויף דער מאַרמאָר־מצבה האָט מײַן פאָטער געהייסן אויס־קריצן:

בצל כנפי השכינה תמצא מנוחה
המצוינת בנשים
תפארת האנושיות
מ' חיה עטיל פייקוביץ
בת ר' שלום דב שורץ
שבקה חיים בט"ו כסלו תרפ"ה
בשנת מ"ט לחייה

מיר זענען צוריקגעקומען אַהיים, ווו די צימערן זענען מיט אַ מאָל אויסגעליידיקט געוואָרן. אַ סך מענטשן זענען געקומען אונדז מנחם אָבל זײַן, דאָס רוב שווײַגנדיק, טייל מאָל מיט רייד. אַ לאַנגע צײַט נאָך דעם ווי זי איז אַוועק פון דער וועלט פלעגן די מענטשן פון דאָרף און די אַראָבער פון דער סביבה, פרײַנד און משפּחה־מיטגלידער, נאָענטע און ווײַטע, האַלטן אין איין נאָכ־זאָגן איר שבחים און מ'האָט גוט געפילט אַז דאָס זענען נישט געווען קיין העפלעכקייט־רייד, נײַערט אויסדרוקן פון דער ליב־שאַפט, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין די טיפענישן פון זייערע הערצער.

כ"א

ווי געזאָגט, בין איך אַלט געווען זעקס יאָר ווען מײַן מאַמע איז געשטאָרבן. זי האָט נישט באַוויזן אַ סך צוצוטראָגן צו מײַן דערציִונג און איך האָב נישט באַוויזן צו געניסן פון איר מוטער־

שאַפט. דאָס איז געווען אין דער תּקופה פון איבערגאַנג פון קינדער־גאָרטן אין ערשטן קלאַס און די ראָלע אויסצופילן איר פּלאַץ אין מײַן לעבן האָט גענומען אויף זיך מײַן איינציקע שוועס־טער דבורה. פון אַלע משפּחה־מיטגלידער זענען בלויז זי און איך געבוירן געוואָרן אין כּפר־תּבור. אַלע מײַנע ברידער זענען גע־בוירן געוואָרן אין ראש־פּינה, איידער די עלטערן האָבן זיך אי־בערגעצויגן. דער נאָמען דבורה איז איר געגעבן געוואָרן נאָך דבורה הנביאה, וואָס די עלטערן מײַנע זענען אַזוי צו זאָגן פֿער־זענלעך שטאַלץ געווען מיט איר, מחמת זיי זענען געקומען זיך באַזעצן אין אַ סביבה וואָס איז געווען די בימה פאַר אירע אויפטוען און דער אינספּיראַציע־קוואַל פאַר איר געזאַנג און נבואה. ווען מײַן מאַמע איז אַוועק פון דער וועלט, איז דבורה אַלט געווען פערצן יאָר און געווען אַ שילערין אין אַכטן קלאַס פאָלקסשולע. די אומשטאַנדן האָבן זי געצווונגען צו פאַרלאָזן די שולע, כּדי צו פאַרטרעטן די עקרת־הבית. אין משך פון עטלעכע יאָר איז זי פאַר מיר געווען נישט נאָר אַ שוועסטער נאָר אויך אַזוי ווי אַ מאַמע. זעט אויס, אַז זי האָט אַ סך געירשנט פון דער מאַמען וואָס שײַך גוטסקייט און ליבלעכער באַציונג. אָבער איר קפּדנות איז געקומען צו איר פון טאַטן. ווי ס׳זאָל נישט זײַן, פון איצט אָן בין איך געווען נישט נאָר דער בן־זקונים, נאָר אויך דער יתום און דבורה האָט אַלץ געטאָן, כּדי מיר לײַכטער צו מאַכן. איר אופן פון פאַרנעמען זיך מיט מיר איז אַפילו געווען אָן איבערגעטריבענער, אָבער אויב כ׳האָב באַקומען די צאָל נייי־טיקע וויטאַמינען און דאָס געהעריקע עסן, אויב מײַן געזונט האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די שווערע יאָרן נאָך מײַן מוטערס טויט, דאַרף איך דערפאַר אָפּדאַנקען דבורהן. ווי אַן עלטערע שילערין פון מיר האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס אין מײַנע לימו־דים און האָט מיר אַ סך צוגעהאָלפן אין מײַנע ערשטע יאָרן אין דער שולע. זי האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אין שרײַבן קלאַס־אַרבעטן. יעדער מאָל ווען כ׳פלעג זיצן און אָנשטרענגען מײַן

מוח צו שרײַבן עפּעס וועגן אַ בוך וואָס כ׳האָב געלייענט אָדער איבערצוגעבן אײַנדרוקן וועגן אַ שפּאַציר וואָס מיר האָבן געמאַכט, פלעגט זי זיך אָוועקזעצן לעבן מיר און מיר געבן אָנווײַזונגען. זי איז עס געווען די וואָס האָט — נאָך מער ווי מײַנע לערערס — מיר געגעבן די ערשטע באַגריפן, ווי אַזוי צוצוגיין צו דער טעמע, ווי אַזוי זי צו אַנאַליזירן און צו פאָרמולירן. אויב כ׳האָב פון צײַט צו צײַט זוכה געווען צו קריגן גוטע צייכנס פאַר שרײַבן אַן אַרבעט, בין איך אויך דעם דאַנק דערפאַר נישט ווייניק שולדיק דבורהן. ביז הײַנט איז מיר אַ וווּנדער ווי אַזוי די דאָזיקע פרוי האָט באַוויזן צו דערגרייכן אַ הויכע בילדונג וואָס דערוועקט כבוד — מיט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען אַליין צו לערנען און צו לייענען, היות ווי זי האָט, פאַקטיש צוליב מיר, אַפילו נישט פאַרענדיקט אונדזער פאָלקסשולע אין גליל. איך ווייס אַז נישט פאַר מיר האָט זי זיך ווײַטער איינגעשאַפט וויסן, נײַערט פאַר זיך גופא און פאַרן געשטאַלטיקן איר פּערזענלעכקייט. און דאָך בין איך אויך דערפאַר איר דאַנקבאַר, מחמת אַזוי אַרום האָט זי פון מײַן געוויסן אַראָפּגענומען אַ שולדגעפיל כּלפּי איר. פון איר קינדהייט אָן איז דבורה געווען אַ ליבהאָבערין פון ביכער און האָט אויך מיך געמוטיקט צו לייענען, אונטער איר השפּעה האָב איך אַ סך געלייענט און די שיינע שעהען וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אין דער מחיצה פון ביכער האָב איך צו פאַרדאַנקען דבורהן.

כ״ב

אין אונדזער פאַרצווײַגטער משפּחה בין איך געווען אַ פרײַער פויגל אויך ווען די מאַמע האָט געלעבט, און אַוודאי שוין איצט, נאָך איר אַוועקגיין. דער פאָטער און מײַנע ברידער זענען געווען פאַרנומען אין דער באַלעבאַטישקייט; דבורה האָט טאַקע שטאַרק

אַכטונג געגעבן אויף מיר, זי האָט ספּעציעל געזאָרגט כ׳זאָל באַקומען מײַן עסן אין צײַט, אָבער דער שווערער עול פון דער שטוב וואָס איז געפאַלן אויף אירע פּלייצעס האָט איר נישט דער־מעגלעכט מיך תּמיד צו האַלטן אויפן אויג. איך האָב ליב געהאַט אַזוי ווי פריער, זיך אַרומצוקוקן, צו זען וואָס ס׳קומט פאָר אַרום מיר און פון איצט אָן פלעג איך זיך אַ סך אַרומדרייען אין הויף, זיך באַקענען מיט אונדזערע בעלי־חיים אָדער אַרומלויפן איבער די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון דער קאָלאָניע און איר אומגעגנט. אויך בײַ אונדז אין הויז, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע הײַזער פון דעם דאָזיקן קליינעם דאָרף, זענען נישט געווען קיין שפּילצײַג. די נאַטור, דער הויף און אַלץ וואָס אין אים, די פעלדער און ווײַנגערטנער, זיי זענען עס געווען אונדזערע שפּילפּלעצער. דאָס וואָס ס׳האָט געפעלט אין דער ווירקלעכקייט, האָבן אויסגעפילט אונדזערע דערפינדונג־פעיִקייטן און אונדזער פרוכפּערדיקע פאַנ־טאַזיע. אַזוי ווי דאָס רוב קינדער אין דער וועלט, האָבן מיר אויך געשפּילט אין „קלאַס״, אין „שטיינדלער״ און גאַנץ ספּעציעל אין „באַהעלטענישן״, און פאַרשטייט זיך, אַז ערטער ווו זיך צו באַ־האַלטן האָבן נישט געפעלט. פון אַלטע פּרעסאַײַזנס, וואָס זענען שוין אַרויס פון געברויך, האָבן מיר געמאַכט „אײַזנבאַנען״. דער גרעסטער פּרעסאײַזן איז געווען דער לאָקאָמאָטיוו, די „וואַגאָנען״ פלעגן מיר אָנלאָדן מיט סאַבּרעס־פּרוכט און ווען די „לאַנגע און אויסמאַטערנדיקע״ נסיעה האָט זיך פאַרענדיקט, און דער צוג איז דערגאַנגען צו דער לעצטער סטאַנציע, פלעגן מיר אויסלאָדן דעם „באַגאַזש״ און זיך מיט אים אונטערלענען דאָס האַרץ. אַ סך טעג שפּעטער זענען נאָך אונדזערע הענט און מײַלער פול געווען מיט די קליינע שטעכלקעס פון אונדזערע שטעכנדיקע און געשמאַקע סאַבּרעס.

אַן אַנדער שפּיל, אַ ווינטערדיקע, וואָס אַלע האָבן ליב גע־האַט, איז געווען דער „דודיס״: דאָס קינד פלעג האַלטן אין האַנט אַן אײַזערנעם שטאַנג, וועלכן ער האָט געדאַרפט מיט איין

וואָרף אַרײַנשטעקן אין דער נאַסער ערד; זײַן שותּף צום שפּיל האָט געדאַרפט טאָן דאָס זעלבע — אַ הויב טאָן זײַן אײַזערנעם שטאַנג און אים אַרײַנשטעקן אין דער ערד. אָבער ווי דער זיגער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן בלויז דער, וועמען ס׳איז געלונגען דאָס צו מאַכן און דערבײַ אַראָפּוואַרפן דעם אײַזערנעם שטאַנג פון פריערדיקן שפּילער.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען די פּרעבליסטין — פּאַקטיש די „אינסטיטוציע" וואָס איר נאָמען איז געווען רחל נוימאַן. מיט איר האָבן מיר אײַנגעאָרדנט אונדזערע ערשטע שפּאַצירן אין דער קאָלאָניע און איר אומגעגנט; דורך אירע פאָרשטעלונגען האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דער וועלט פון טעאַטער. דאָס זעלבע מיט מוזיק, טאַנץ, כאָר און מיט וואָס נישט? זי האָט געהאַט אַ האַנט אין אַלץ. און אַז כ׳האָב שוין דערמאַנט דעם טעאַטער, וועל איך צוגעבן, אַז מיר פלעגן טייל מאָל פאָרן קיין עפולה אָדער קיין טבריה כּדי צו זען אַ פאָרשטעלונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלן אַנסאַמבל, וואָס פלעג אַהין אַראָפּקומען. יעדער נסיעה אַזאַ איז געווען באַגלייט מיט אַ גרויסער איבערלעבונג — נישט נאָר די יום־טובדיקע קליידער, נאָר אויך אַ יום־טובדיק געפיל האָט אונדז אַרומגענומען נאָך איידער מיר זענען אַרויף אויפן וואָגן וואָס האָט אונדז געפירט צום אָרט פון דער פאָר־שטעלונג. גאַנץ ספּעציעל האָט זיך מיר אין האַרצן אײַנגעקריצט די פאָרשטעלונג פון „דיבוק" אין „הבימה", וואָס צו איר בין איך געפאָרן אין דער באַגלייטונג פון מײַן פאָטער, ווי אויך די פּיעסע „יעקב און רחל" וואָס עס האָט געגעבן דער „אוהל"־טעאַטער.

אויב כ׳האָב זיי נאָך נישט דערמאַנט, וועל איך איצט דער־מאָנען די טאַנצאָוונטן, וואָס מיר, די צען־יעריקע, האָבן אײַנ־געאָרדנט אינעם קלוב פון דאָרף. אונטער דער באַגלייטונג פון אַ פּלייט און נאָך עפּטער פון אַ מויל־האַרמאָשקע פלעגן מיר זיך אויסשטעלן פּאָרלעכווײַז, און אויך איך צווישן די האַרמאָשקע־שפּילערס און די טענצערס. שפּילן האָט מען געהערט אין אונדזער

דאַרף אויף יעדער חתונה אָדער בײַ יעדער נאַציאָנאַל געשעעניש. בײַ אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגן מיר טאַנצן אַ „רונדאָ״, אַ טאַנץ וואָס האָט זיך געצויגן לאַנגע שעהען, בעת וועלכן דאָס פירנדיקע פּאָרל שלעפּט מיט נאָך זיך די גאַנצע באַפעלקערונג, איין גע־אָרעמט פּאָרל נאָכן אַנדערן, יונג און אַלט.

כ״ג

מײַן פאָטער איז געווען אַ קפדן און אַ היציקער. אַ ספּעציעל שווערער חטא איז פאַר אים געווען די אָפּגעלאָזנקייט און פאַר איר פלעג ער שווער באַשטראָפן. צוליב זײַנע עסקים האָט ער איין מאָל געדאַרפט פאַרברענגען צוויי טעג אין טבריה. פאַר זײַן אָפּפאָרן האָט ער מיר אָנגעפאַרטרויט אַ גאַנץ קליינע אויפגאַבע: זאָרגן אַז די הינדעלעך זאָלן באַקומען עסן און וואַסער. איך בין וואָס אַן אמת געווען אַ גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעך ייִנגל, אָבער דאָס מאָל האָב איך פונקט פאַרגעסן אַרײַנצוגיסן וואַסער אין דער קאָרעטע. דעם טאָג האָט געברענט אַ כאַמסין, אָבער בלויז ווען כ׳בין צום אָוונט־צו אַהיימגעקומען האָב איך זיך דערמאָנט אין די הינדעלעך און בין געלאָפן צום הינערשטײַג. ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן: אַלע הינדעלעך זענען געלעגן טויט. אַ שטאַרק דערשראָקענער האָב איך אויף דער שנעל אָנ־געפילט די קאָרעטע. דער פאָטער איז צוריקגעקומען און געפונען פון איין זײַט די קאָרעטע פול מיט וואַסער און פון דער אַנדערער זײַט די טויטע הינדעלעך. ווען ער איז געגאַנגען צום הינערשטײַג בין איך מיט אים נישט מיטגעגאַנגען. דאָס האָט מיר אָבער ווייניק געהאָלפן — פון דער ווײַטנס האָב איך דערהערט ווי ער רופט מיך כ׳זאָל צו אים צוקומען און פון זײַן טאָן האָב איך שוין געוווּסט וואָס ס׳וואַרט אויף מיר.

„פאַר וואָס האָסטו נישט געגעבן קיין וואַסער די הינדלעך?״

דער אויסדרוק פון זײַן פנים איז געווען זייער אַ האַרבער

און זײַנע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ דראַנג, וואָס מ'קען זיך נישט טועה זײַן אין איר.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך דערשראָקן און ליגן זאָגן האָב איך נישט געוואָלט. האָב איך דעריבער געענטפערט:

„פאַראַן אַ סך וואַסער אין דער קאַרעטע. קענסט עס זען".

„וואָלט געווען ווייניקער וואַסער" — האָט ער מיר געענטפערט — „וואָלט איך דיר געגליבט אַז דו האָסט עס אַרײַנגעגאָסן אין דער צײַט און אַז די הינדעלער האָבן פון דעם געטרונקען. — נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם זאַץ, האָט זיך זײַן האַנט אויפגעהויבן צו דערלאַנגען מיר אַ פּאַטש. כ'האָב געוווּסט אַז ער איז גערעכט און אַז איך בין ווערט דעם פּאַטש, אָבער אויס עפּעס אַ פאַרטיידיקונג־אינסטינקט האָב איך זיך געגעבן אַ צי אויף צוריק. דעם טאַטנס אויפגעהויבענע האַנט האָט געגעבן אַ פּאַטש אין דער לופטן און דאָס האָט אים נאָך אַ סך מער דערצאָרנט. אין מײַן צוריקציִען זיך האָט ער געזען אַ מין אויס־דרוק פון אַראָפּוואַרפן דעם עול און ברעכן די דיסציפּלין, מחמת אַ זון וואָס פאָלגט דאַרף זײַן גרייט אויסצוטראָגן זײַן שטראָף און אויך מסכּים זײַן צו קריגן אַ פּאַטש. איך אָבער, ווײַל כ'האָב שוין אָנגעהויבן זיך קעגנצושטעלן, האָב איך זיך געהאַלטן בײַ מײַן ווידערשטאַנד: כ'בין אַנטלאָפן און פּשוט נעלם געוואָרן פון שטוב. כ'האָב געוווּסט אַז דערמיט וועט זיך די פּרשה נישט ענדיקן און בין די נאַכט נישט געקומען אַהיים שלאָפן. ס'איז געווען אַ הייסע זומערנאַכט און כ'בין דעריבער פּטור געווען צו זוכן אַן אָרט אויף דורכצונעכטיקן. דער גוטער צופאַל האָט געוואָלט אַז מײַן ברודער צבי, וועלכער האָט שוין צו יענער צײַט געוווינט אין נתניה, זאָל יענעם טאָג קומען צו אונדז מיט אַ וויזיט. דער טאַטע האָט אים, פאַרשטענדלעך, דערציילט וואָס ס'איז געשען און האָט אַ שטאַרק פאַרזאָרגטער צוגעגעבן אַז ער ווייס נישט ווו דער „קליינער" געפינט זיך. צבי איז אַרויס מיך זוכן און קעגן חצות האָט ער מיך געפונען שלאָפן אין ווײַנגאָרטן. בלויז אַ דאַנק דעם

שוין פון צבי און דער דאגה פון טאַטן האָב איך, צוריקקומענדיק, נישט אַרײַנגעכאַפּט דאָס וואָס האָט מיר געקומט.

מער פון אַלץ האָט דער פאָטער מקפּיד געווען אין ענין אמת־זאָגן. פּרוּוון אים איבערצוכיטרעווען אָדער זאָגן אים אַ ליגן — דאָס איז געווען די ערגסטע זינד. ווי יעדער פאָטער, אויב נישט נאָך מער, האָט ער געוואָלט כ׳זאָל זיך אויסצייכענען אין די לימודים, נאָך מער ווי כ׳האָב זיך אויסגעצייכנט. כאָטש ער האָט געוווּסט אַז כ׳בין אַ גוטער תּלמיד, האָט ער פאַרלאַנגט איך זאָל צוגרייטן די לעקציעס אין דער צײַט און שטאַרק אָפּגעהיט איך זאָל נישט סתּם אַזוי ענטפערן. כ׳זאָל נישט טרעפן. „אויב דו ווייסט נישט — ענטפער נישט״, פלעג ער מיר זאָגן. „ענטפער בלויז דעמאָלט ווען דו ווייסט״.

צוויי אָדער אַפילו דרײַ מאָל אין דער וואָך פלעג ער מיך אויספרעגן וואָס מיר האָבן געלערנט. ער פלעג זיך צוהערן צו מײַנע אויפקלערונגען, פלעג מיך פאַרשן. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם אַלעם און האָט זיך גאַנץ אָפט געטראָפן מיט מײַנע לערערס. פון צײַט צו צײַט פלעגן די לערערס אַליין קומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן כּדי אים אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן מײַנע דערגרייכונגען. צו מײַן פרייד האָב איך געהאַט דאָס גליק צו לערנען אין אַ קלאַס ווו די צאָל שילערס איז געווען אַ קליינע, סך־הכּל פיר ייִנגלעך און צוויי מיידלעך. פאַרשטייט זיך אַז אין אַזאַ קליינעם קלאַס האָט דער לערער געקענט זיך אָפּגעבן אַ סך מער מיט יעדן פון אונדז באַזונדער. אָבער די סיבה פון אַזעלכע קליינע קלאַסן איז געווען אַ טרויעריקע: די דערוואַקסענע פון צווייטן דור זענען אַוועק פון דאָרף און פון יאָר צו יאָר האָט דער שילער־באַשטאַנד פון אונדזער שולע געהאַלטן אין איין פאַרקלענערן זיך. דאָס ציטערן פאַרן המשך פון זייער ווערק האָט באַאומרויִקט דאָס האַרץ פון די וואָס האָבן פאַרלייגט די יסודות פון דאָרף און האָט אויך נישט אויסגעמיטן מײַן טאַטן.

כ׳האָב דערמאָנט אונדזער שולע. ס׳איז געקומען די צײַט צו

זאָגן עפּעס צום לויב פון די לערערס. איך האָב טאַקע געהאַט גוטע לערערס, און כ׳געדענק יעדן איינעם פון זיי צום גוטן: מאירי, לעווער און נפחא, וואָס האָבן געלערנט מיט אונדז די שפּראַך, די ליטעראַטור און חשבון, געאָמעטריע און האַנטאַרבעט; אפרים דרך, וואָס האָט פאַר אונדז ברייט אויפגעעפנט די טויערן פון דער משנה. לערנענדיק מיט אונדז אַ סדר משניות, האָט ער זיך באַמיט אונדז צו געבן צו פאַרשטיין די תקופה, וואָס אויף איר פאָן איז ער געשאַפן געוואָרן, אונטערשטרייכנדיק די פונקציע וואָס ער האָט געשפּילט אין דערציען דעם ציבור אין יענע טעג. מיט אַ טיפער ליבשאַפט דערמאָן איך זיך אינעם לערער משה גרינקער, אַן אָפּשטאַמיקער פון יסוד־המעלה, וואָס האָט איינגעפלאַנצט אין אונדז אַ שטאַרקע ליבשאַפט צום תנ״ך און צו דער נאַטור פונעם לאַנד פון תנ״ך. ער פלעג שפּאַנען מיט אונדז איבער די ברייטקייטן פון צפון פון לאַנד און דאָס איז געוואָרן אַ שפּאַנען איבער די ברייטקייטן פון דער יידישער געשיכטע. דעם תנ״ך האָט ער געלערנט נישט ווי אַ מיסטיש בוך, נאָר ווי אַ בוך פון געשיכטע, פון מאָראַלישע ווערטן און פון ליטעראַרישער שיינקייט, נישט אויסלאָזנדיק די געאָגראַפישע געגעבענע אָדער די באַטאַנישע פּרטים וואָס זענען איינגעזאַמלט צווישן זיינע בלעטער; ער האָט זיך אויך נישט באַנוגנט מיט די אָנגענומענע פירושים, אַרייַנגעבנט דעם פירוש רש״י, נאָר פלעג אויך זוכן באַווייַזן אין דעם קלימאַט אָדער אַפילו אין דער פּראַקטיק פון דער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפט, כדי צו דערקלערן געוויסע טערמינען אויף וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן ביים לייענען. אויך די משנה און אויסגעקליבענע קאַפּיטלער אין תלמוד האָט ער אונדז געלערנט אַרויסהויבנדיק זייער פאַרבינדונג מיט דער לעבעדיקער און קאָנקרעטער סביבה פון לאַנד און פון די ערד־אַרבעטער. אפרים דרך האָט אונדז געפירט איבער די סודות פון דער געשיכטע פון מיטל־עלטער; פון די קרייצפאַרערס אין ארץ־ישראל; די מלחמות צווישן די מוסולמענער און קריסטן און נאָך און נאָך.

גרינקער האָט געפּרוּווט אונדז אויפקלערן דעם אונטער־שייד אין די באַציִונגען צווישן דעם ייִדנטום און דעם קריסטנטום פון איין זײַט און דעם ייִדנטום און דעם איסלאַם פון דער צווייטער זײַט. ער האָט געהאַלטן אַז צווישן ייִדנטום און דעם קריסטנטום הערשט אַן אייביקע שׂינאה, וואָס וועט קיין מאָל נישט אויפהערן צוליב דער פּלוגתּא אַרום דעם „משיח״. לויט אים איז דאָס קריסטנטום אַ רעליגיע וואָס האָט פֿײַנט דאָס ייִדנטום און באַווײַזן דערפֿאַר האָט ער געפונען אין דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, אין די קרייצצוגן און אין די בלוט־בילבולים. זעט אויס, אַז אונטער זײַן השפּעה האָב איך זיך אַזוי אויפגעפירט אין נצרת ווען כ׳האָב דערזען די קירכעס און די צלמים. דער דאָזיקער לערער מײַנער האָט געלייגט אַ סך האַפענונגען אויף דער פאַרשטענדעניש וואָס וועט דערגרייכט ווערן צווישן דעם ייִדנטום און דעם איסלאַם, און אַ באַווײַז דערפאַר אַז דאָס איז מעגלעך האָט ער געפונען אין דער גאָלדענער תּקופֿה, אין די באַציונגען צווישן ביידע רעליגיעס אין מיטל־עלטער אין שפּאַניע און פריער נאָך אויפן אַראַבישן האַלבאינדזל. אין ארץ־ישׂראל האָט ער געזען אַן אומצעשיידלעכן טייל פונעם מיזרח וואָס איז אַרומגערינגלט דורך אַ וואָרצלדיקער מוסולמענישער וועלט. ער האָט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט אַריבערצווואַרפן בריקן פון פאַרשטענדעניש צווישן ייִדן און אַראַבער, און האָט געהאָפט אַז אין דאָזיקן טייל פון דער וועלט וועט זיך צעבליִען דער ייִדישער ייִשוב. ס׳איז אינטערעסאַנט אַז דווקא מײַן טאַטע, וואָס אין זײַן קערפער זענען פאַרבליבן צייכנס פון צוזאַמענשטויסן מיט אַראַבער, האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די דאָזיקע אָנשויונגען. מײַנע לערערס האָבן נישט געוווּסט פון קיין „קאָמפּלעמענטאַרער דערציִונג״, אָבער געענוי דערמיט האָבן זיי זיך באַשעפטיקט און האָבן עס גאָר הויך אָפּגעשאַצט. זיי האָבן באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אונדזער קליינע שולע נישט נאָר אין אַן אָרט פון לערנען, נאָר אויך אין אַ וואַקערער געזעלשאַפטלעכער איינהייט פול מיט לעבן און מיט ספּאָרט־און

קולטור־טעטיקייט, ווי ס׳פלעגן — אָפט מאָל מיט אַ סך היץ — באַהאַנדלט ווערן אויך נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָגעס, וועלכע האָבן צו יענער צייַט באַשעפטיקט די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד. אין דער שולע איז געווען אַ גאַנץ רייַכע ביבליאָטעק און די לערערס האָבן דערמוטיקט די שילערס און די עלטערע וואָס מער צו לייענען.

כ״ד

מייַן פאָטער האָט נישט פאַרענדיקט זייַן פאָרמאַלע בילדונג. עטלעכע יאָר איז ער געגאַנגען אין חדר און נישט מער, ער איז אָבער געווען באַשאָנקען מיט אַ הויכער נאַטירלעכער אינטעלי־גענץ און האָט זייער אַ סך געלייענט אין יִדיש, עברית און רוסיש. פון צייַט צו צייַט פלעג ער פאַר מיר איבערזעצן לידער, משלים און גלייַכווערטלער פון רוסיש אין העברעיש, אַ מאָל האַלטנדיק דאָס בוך אין האַנט, דאָס רוב אָבער פון אויסנווייניק, אַפילו, ווען כ׳האָב אים נישט געזען האַלטן אין האַנט אַ בוך אָדער אַ צייַטונג, האָב איך געוווּסט ווען ער לייענט, ווייַל ער פלעג געוויינלעך באַגלייטן זייַן לייענען מיט אַ מין פאַרצויגענעם זשו־מענדיקן ניגון, וואָס מ׳האָט כמעט נישט געהערט, אַזוי ווי ס׳פלעגן טאָן די ישיבה־בחורים בייַם לערנען אַ בלאַט גמרא. זייַן באַליבט אָרט צום לייענען איז געווען די וועראַנדע אין פראָנט פון הויז, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַרויפקלעטערנדיקע ווייַנשטאָק־צווייַגן. זייַנע באַליבטע שרייַבערס זענען געווען מאַפּו, סמאָלענ־סקין, בערדיטשעווסקי, י. ל. פּרץ. ברענער האָט אים אויסגעזען צו זייַן צו פיל פעסימיסטיש, ער האָט אָבער אָפּגעשאַצט זייַן אכזריות־דיקע אינטעלעקטועלע אָרנטלעכקייט. בערדיטשעווסקיס נאָמען איז פאַר מיר פאַרבונדן מיט אַ שווערער באַליידיקונג, וואָס אַ סך יאָרן זענען פאַרבייַ ביז כ׳האָב זיך באַוויזן פון איר אויסצוהיילן.

געשען איז עס אַזוי: ווען כ'בין נאָך געווען אַ קינד האָב איך איין מאָל געפּרוווט אַרויסרעדן דעם דאָזיקן נאָמען און פון מײַן מויל איז אַרויסגעקומען עפּעס ווי: בע־רע־די־טשע־וויס־קי... דער טאַטע און די ברידער האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער און איך בין אַ שטאַרק פאַרשעמטער אַנטלאָפן פון שטוב. וויפל מ'האָט זיך נישט באַמיט מיך איבערצובעטן, האָט נישט געהאָלפן. איך האָב זיך נישט געלאָזט איבערבעטן. די באַליידיקונג האָט מיר צו שטאַרק וויי געטאָן.

גאַנץ באַזונדערס האָט מײַן פאָטער ליב געהאַט דעם דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן (יל״ג). מיט גרויס באַגײַסטערונג פלעג ער אונדז פירלייענען דעם וויכּוח וואָס ס'האָט געפירט צדקיהו מיט ירמיהון און ספּעציעל די ווערטער וואָס יל״ג האָט אַרײַנגעטאָן אין מויל פון צדקיהו:

„דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס
וועט בלויז לערנען תּורה.
אַלע — פון די פּויערים ביז די נשׂיאים
זיי וועלן סופרים זײַן און בני נביאים.

ערדאַרבעטער וועלן דעם אַקעראײַזן וואַרפן
און די מלחמה־לײַט — די פאָן און דאָס געווער;
די בעל־מלאכות וועלן אַרויס פון זייערע קלייטן
און ווי איין מאָן זיך אויף די בערג פאַרזאַמלען,
זיך אָנטאָן האַרמאַנטלען און נביאות זאָגן.

האַק און האַמער וועלן דעמאָלט שטילשווײַגן אין לאַנד
און יעדער סאָרט געצײַג פאַרברענט וועט ווערן.
די לאָפּעטעס וועט מען אויף ווײַנשערן איבערשמידן,
העק און דרעשערס אויף האַרפּעס און אויף פידלען.

און די רייד פון די חכמים וועלן זײַן ווי שפּאָרנס

די גיבורים וועלן פון פּאַנצערס און פון פּײַלבויגנס
זיך באַפרײַען,
און וועלן אַנטאָן מגילות און אָנגורטן מיט טינטערס
זייערע לענדן.

אין יענעם טאָג וועט איר אין יהודה מיט ליכט זוכן
און נישט געפינען איין לעבעדיקן פּויער בײַ דער אַרבעט.
נבזהדיקע און שפּלדיקע וועלן זײַן די בעל־מלאכות;
אַנשטאָט אַ פּאַסטעך וואָס פּאַשעט זײַנע סטאַדעס —
וועט זײַן אַ נביא אָדער אַ כּהן וואָס ברענגט אַ קרבן.
און יעדער מענטש וועט זאָגן: כ׳אַקער נישט, דרעש נישט,
ווײַל כ׳בין אַ זון פון דער ממלכת כּהנים און פון גוי קדוש.

צי קען געמאָלט זײַן אַזאַ פֿאָלק אונטערן הימל?
און אויב יאָ, צי וועט עס אויסהאַלטן אַ טאָג כאָטש
אָדער צוויי?
ווער וועט זײַן פעלד פאַראַקערן? ווער וועט אים געבן ברויט?
און אין אַ טאָג פון נויט, ווער וועט פאַר אים מלחמה
האַלטן?
אַ פֿאָלק אַזאַ וועט נישט באַווײַזן אויפצושטעלן אַ רעגירונג,
חרוב וועט עס ווערן און פּאַרוויסט.״

געגנוי אַזוי געדענק איך דאָס ליד פון יהודה לייב גאָרדאָן, וואָס האָט דערציילט וועגן יידישן בעל־עגלה, וואָס זײַן וואָגן איז אַרײַן אין אַ בלאָטע און וואָס האָט פּלוצעם דערהערט די שטים פון אליהו הנביא וואָס באַפעלט אים אַרויסצושלעפּן דעם וואָגן מיט די אייגענע הענט, און נאָך דעם ווי ער האָט דעם וואָגן אַרויסגעשלעפּט און ער דאַנקט אליהון, ענטפערט אים דער נביא:

„כ׳בין נישט קיין מענטש, נישט איך אַרויסגעצויגן האָב
דײַן וואָגן.

דעם ווונדער האָבן דײַנע פערד באַוויזן און דײַן אָרעם.
דער מענטש וואָס קען אַליין קיין עצה זיך נישט געבן
וועט אים אויך גאָט פון הימל קיין הילף נישט שיקן."

אָט די לידער האָבן געדעדט צו מײַן טאַטנס האַרץ, ווײַל ער האָט געזען אין זיי אַזוי ווי אַ באַשטעטיקונג אַז ער איז גערעכט געווען אין זײַן רעוואָלט קעגן זײַן פאָטער און אין זײַן וועג, דעם וועג פון אַן ערד־אַרבעטער און פון אַ פאַרטיידיקער פון לאַנד פון זײַנע אבות. דאָ מוז מען צוגעבן אַז ער אַליין פלעג בײַ אַ געלעגנהייט פאַרפאַסן שירים וועגן לויפנדיקע ענינים און פלעג זיי פאָרלייענען אויף משפחה־מסיבות און אַ מאָל אויך פאַרעפנטלעכן אין דער צײַטונג פון קיבוץ גינוסר אין וועלכן ער איז אַרײַן בײַם סוף פון זײַן לעבן.

מײַן פאָטער פלעג לייענען נישט נאָר פאַר זיך אַליין. איך געדענק נאָך אויף אַ מטושטשדיקן אופן ווי אַזוי איך פלעג זיך, ווי אַ קליין קינד, ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, אַרומדרייען צווישן אירע פיס אָדער צווישן די פיס פון אירע שכנטעס, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט בײַ אונדז אין הויז אין די פריע אָוונטשעהען כדי זיך צוצוהערן צום טאַטנס פאָרלייענען. דאָס לייענען איז אייגנטלעך געווען אַן איבערזעצן, דער עיקר פון יידיש, מיט אַ נטיה צום שפּילן. ווען ער איז למשל דערגאַנגען צו אַ דיאַלאָג, פלעג ער אויסשפּילן די העלדן, געבנדיק יעדן איינעם פון זיי אַ באַזונדערע שטים־אינטאָנאַציע. ס'פאַרשטייט זיך אַז איך געדענק נישט דעם אינהאַלט פון דעם וואָס ער האָט געלייענט. אָבער די שטים, די שטים פון מײַן פאָטער בעתן לייענען, איז טיף אײַנגעקריצט אין מײַן האַרצן. טייל מאָל, בעת די דאָזיקע לייען־אָוונטן, פלעגט די מאַמע צודריקן מיך צו איר שויס און טייל מאָל פלעג איך זיך אײַנקורטשען אין אַ ווינקל און צוהערן זיך שווײַגנדיק צו דער באַצויבערנדיקער און זינגעוודיקער שטים פון טאַטן.

מײַן פֿאָטער איז געװען אַ ביסל אַ שװײַגער, אַן אינדיװידואַ־ליסט, אָבער נישט קײן פֿאַרשלאָפֿענער. אַ באַװײַז דערפֿאַר איז אונדזער הױז װאָס איז תּמיד געװען אָפֿן פֿאַר שכנים און אורחים װאָס פֿלעגן קומען איבערצוגעבן אַ ידיעה אָדער גלאַט צו כאַפּן אַ שמועס בײַ אַ גלעזל קאַװע. כאָטש זײַן הױז און זײַן באַלעבאַטיש־קײט זענען געשטאַנען אין צענטער פֿון זײַן לעבן און זײַן מענטאַ־ליטעט איז געװען אַ מענטאַליטעט פֿון אַ גוטבאַזיצער, האָט ער זיך אַ סך פֿאַרנומען מיט די כּלל־ענינים פֿון זײַן דאָרף און פֿון יישוב אין לאַנד. אַפֿילו פֿאַר מיר, דעם ייִנגסטן פֿון זײַנע זין, פֿלעג ער אַרױסלײגן זײַנע אָנשױונגען אין די ענינים. אַזױ למשל געדענק איך זײַן בעצם יוצא־דופֿנדיקע שטעלונג כּלפּי די קאָלאָניעס אין יהודה, װי מיר האָבן דעמאָלט גערופֿן די פּרדסים — קאָלאָניעס אין צענטער און אין דרום פֿון לאַנד. די פּראָבלעם איז אױפֿ־געקומען אין רעזולטאַט פֿון די דיסקוסיעס װאָס זענען דעמאָלט אָנגעגאַנגען װעגן אױפֿשטעלן אַ פֿאַראײניקונג פֿון פּױערים אין לאַנד. דער מצב פֿון די קאָלאָניעס אין גליל איז געװען שװערער װי דער מצב פֿון די קאָלאָניעס אין יהודה און ס'האָבן זיך דע־ריבער געפֿונען אַ סך גליל־מענטשן װאָס האָבן געהאַלטן אַז דאָס צונױפֿפּאָרן די קאָלאָניעס פֿון גליל מיט די קאָלאָניעס פֿון יהודה אין דער רעם פֿון אײן אַלגעמײנעם פֿאַרבאַנד װעט זײַן װי דאָס חתונה מאַכן אַן אָרעמען חתן מיט אַ רײַכער כּלה. „װאָס האָבן מיר", האָבן געטענהט די קאָלאָניסטן פֿון גליל, „צו טאָן מיט די גבֿירים פֿון פּתח־תּקוה און רחובות? מיר זענען פּױערים און דעריבער דאַרפֿן מיר האָבן אַן אײגענעם פֿאַרבאַנד, װאָס זאָל פֿאַרטײדיקן אונדזערע אינטערעסן און נישט די אינטערעסן פֿון די פּרדסים־אײגנטימערס פֿון יהודה".

מײַן טאַטע, בײַ װעמען די דערגרײכונגען פֿון אַנדערע זענען קײן מאָל נישט גרױס געװען אין די אױגן, האָט געענטפֿערט די װאָס האָבן זײ מקנא געװען, באַנוצנדיק זיך מיטן רוסישן װערטל: „דאָרט װוּ דו ביסט קײן מאָל נישטאָ איז דיר תּמיד גוט און װויל".

ער האָט ליב געהאַט שפּריכווערטער, ווערטלער און משלים און מיט זיי פּלעג אים תּמיד געלינגען צוצוטרעפן אין פּינטל אַריַין.

נאָך דעם ווי די פּויערים פון כּפר־תּבור האָבן זיך מיאש געווען פון די מאַנדל־פּלאַנצונגען וואָס זענען שווער געטראָפן געוואָרן דורך דער לאַרווע פון קאַפּנאַדיס, האָט זיך זיי פּאַרגלוסט פּרדסים וואָס גיבן אַ הויכע הכנסה. זייער ערד איז אָבער געווען אַ שוואַרצע און אַ שווערע און האָט זיך נישט ספּעציעל צוגע־פּאַסט צו האָדעווען מאַראַנצן־ביימער און אויך וואַסער איז גע־ווען ווייניק. האָבן זיי בכן באַשלאָסן פון דאָס נײַ צו פּרוּוון כּדי אויסצוגעפינען נײַע וואַסערקוואַלן אויף צו פּלאַנצן אשכּוליות (גרייפּפּרוכט) אַנשטאָט מאַראַנצן. אָבער נאָך איידער מ׳האָט אַנטפּלעקט דאָס וואַסער, האָבן די פּויערים זיך צוגעיאָגט און גענומען האָדעווען חושחש־פּלאַנצונגען (אַ מין קליינע מאַראַנצן) ווי אַ באַזע אויף צו שטשעפּען אשכּוליות. „אויב מ׳וועט געפינען וואַסער" — האָבן זיי געזאָגט — „וועט נישט גיין אַ יאָר לאיבוד".

אויך איך בין געווען צווישן די וואָס האָבן זיך צוגעיאָגט און דער טאַטע, כאָטש ער האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון דער פּרדס־מאַניע, האָט מיך נישט אָפּגעהאַלטן. ער האָט געהאַט צוויי אַרגומענטן: איינעם אַ ריכטיקן, דעם צווייטן נישט אַזאַ ריכטיקן. ראשית, האָט ער געטענהט, ווער קען אונדז קאַווירן אַז די גראָבונגען וועלן געלינגען? און אין דער אמתן האָט מען ביז היַינט קיין סך וואַ־סער אין אונדזער געגנט נישט אַנטדעקט. והשנית, ס׳האָט קיין זין נישט צו האָדעווען אשכּוליות. מאַראַנצן איז עפּעס אַנדערש. ס׳איז פאַראַן אַ גרויסער נאָכפרעג נאָך זיי אויפן ענגלישן מאַרק. יעדער איינער קען זיך אָפּשיילן אַ מאַראַנץ און אים עסן, אָבער די ביטערע אשכּולית, זי עסט מען דאָך מיט אַ זילבערן לעפעלע און זי איז באַשטימט אויסשליסלעך פאַר אַדליַיט און רײַכע. אויף אַזעלכע קאָנסומענטן קען מען זיך נישט שטיצן, האָט ער געפסקנט.

כ"ה

איינס נאָכן אַנדערן זענען זיך די פייגעלעך צעפלויגן פון טאַטנס נעסט און אַוועק זיך איינניסטן אין אַנדערע ערטער. ווען מיין שוועסטער איז געוואָרן אַ בוגרת זענען מיר פון דער גאַנצער גרויסער משפחה אין כפר־תבור שוין איבערגעבליבן בלויז דריי נפשות: דער טאַטע, מיין שוועסטער און איך. מיינע פיר ברידער זענען אַוועק אין די מרחקים אויפצושטעלן זיך אייגענע היימער און אונדזער הויז אין דאָרף איז מיט איין מאָל געוואָרן זייער גרויס, צו גרויס. משה, דער בכור, איז אַוועק קיין חיפה, ווו ער האָט געוווינט ביז זיין לעצטן טאָג. ער איז געווען דער פּאַר פון דער משפחה און דער טאַטע איז געווען שטאָלץ מיט אים אי ווען ער איז געווען אין דער היים, אי ווען ער האָט געדינט ווי אַן אָפיציר אין טערקישן מיליטער, אָדער ווען ער איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אויף דער אייזנבאַן און געווען דער עלטסטער ייִדישער באַאַמטער אין איר אָנפירונג און שפּעטער — ווען די מדינה איז אויפגעקומען — דער דירעקטאָר פון דער ישׂראל־באַן. ער איז געווען פון די איינציקע וואָס האָבן באַקומען די בריטישע אויסצייכענונג „מיטגליד פון דער בריטישער אימפּעריע" (M. B. E.). ווען זיי וואָלטן געוווּסט וועגן זיינע טעטיקייטן אין דער הגנה איז אַ ספק צי ער וואָלט זוכה געווען צו אַזאַ כבוד. מרדכי איז אַוועק קיין בנימינה, האָט דאָרט אויפגעשטעלט זיין הויז און וווינט אין אים אויך היינט. מער פון אונדז אַלע פאַרקערפּערט ער אין אונדזערע אויגן די געשטאַלט פון אונדזער טאַטן. אין אים, אין מרדכין, האָט דער טאַטע געזען דעם וואָס וועט באמת ממשיך זיין זיין וועג, דעם פּויער־גרונטבאַזיצער מיט אַ גרויסער און פאַרצווייגטער באַלעבאַטישקייט. צבי איז אַוועק קיין נתניה און געהערט צו די גרינדערס פון דער דאָזיקער שיינער פּרדסים־שטאָט. און אליאב האָט אויך אויפ־

געבויט זײַן הויז אין חיפה און איז מער ווי מיר אַלע ענלעך געווען אין זײַנע גענג און אין זײַן אויסערלעכקייט צו דער מאַמען אונ־דזערער. ביז זײַן לעצטן טאָג האָט ער אויסגעפילט די פונקציע פון אַ מאַגנעט אין דער משפּחה. ער האָט זי פּאַראייניקט און קאָנסאָלידירט. ער האָט תּמיד געזאָרגט אָנצוהאַלטן דעם קשר צווישן די ברידער, אָרגאַניזירט די משפּחה־צוזאַמענקונפטן, גע־דענקט און אַלעמען דערמאָנט די געבורטסטעג, די חתונה־טעג און די אָנדענקטעג און כאָטש ער איז געווען פון די ייִנגסטע זין, איז ער געווען די אַקס און דער צענטער פאַרן שבט נאָכן טויט פון אונדזערע עלטערן.

אַזוי אַרום זענען מיר געבליבן דרײַ אין כּפר־תּבור, אָבער נישט אויף לאַנג. מײַן שוועסטער האָט באַגעגנט דעם ריכטיקן מאַן, האָט זיך אין אים פאַרליבט און איר חתונה האָט זי געצוווּנ־גען איבערצופאָרן קיין חיפה. ווען ס׳איז געקומען די שעה און זי האָט געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס דאָרף, האָט זי פאַרלאַנגט — און דער טאַטע איז דערויף אײַנגעגאַנגען — זי זאָל מיך מיט־נעמען מיט איר אי כּדי זי זאָל מיך ווײַטער קענען דערציִען, אי כּדי איך זאָל קענען לערנען אין דער באַקאַנטער חיפהר רעאַל־שולע. מײַן פאָטער האָט מסכּים געווען דערצו צוליב צוויי טעמים: ראשית, האָט ער געהאַט בײַ זיך באַשלאָסן נישט חתונה האָבן צום צווייטן מאָל און ער האָט דעריבער שטאַרק מורא געהאַט אַז ס׳וועט זײַן איבער זײַנע כּוחות מיך אויפצוהאָדעווען, אויפ־צוהאָדעווען אין פּשוטסטן זין פון וואָרט. ער האָט געוווּסט וואָסער ראָלע מײַן שוועסטער האָט געשפּילט אין מײַן לעבן — די ראָלע פון אַ שוועסטער, פון אַ מאַמען און פון אַ פרײַנדין צוזאַמען — און דעריבער ער האָט געהאַלטן אַז אונטער איר שוץ און אַ דאַנק איר איבערגעגעבענעם אָפּגעבן זיך מיט מיר וועל איך אויס־וואַקסן אַ געזונטער מענטש. והשנית, ער האָט שטאַרק געשטרעבט איך זאָל לערנען, איך זאָל באַקומען דאָס וואָס מ׳רופט אָן אַ גוטע בילדונג, און די אויסזיכט איך זאָל אָנקומען אין דער רעאַלשול אין

חיפה האָט אים זייער געלאָקט, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט שטאַרק מורא געהאַט אַז די דאָזיקע שולע קען מיך אַ מאָל דערווײַטערן פונעם דאָרפלעבן און אין דאָרף האָט ער דאָך געזען דעם תּמצית און הויכפּונקט פון זײַן לעבן. דער טאַטע און די שוועסטער האָבן שוין צווישן זיך אַלץ אָפּגעמאַכט, אָבער די זאַכן האָבן זיך אַנטוויקלט אין גאַנצן אַנדערש צוליב מיר. איך האָב פּשוט נישט געוואָלט צושטיין צו זייער פּלאַן און דאָס צוליב צוויי סיבות: ראשית, ווײַל כ׳האָב נישט געוואָלט אַז דער טאַטע זאָל פאַרבלײַבן אַליין אין הויז; שנית, ווײַל כ׳בין נישט געווען גרייט צו פאַרלאָזן כּפר־תּבור. גאָר אַ סך האָט מיך געבונדן מיט מײַן געבוירן־דאָרף. צווישן מיר און מײַן שוועסטער איז אַוועק אַ לאַנגער וויכּוח, אין וועלכן ס׳האָט זיך פון צײַט צו צײַט אויך באַטייליקט דער טאַטע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אין אים אַן אַקטיוון אַנטייל, אָבער וואָס זײַן פּאַקטישע אַנוועזנהייט האָט זיך דאָך שטאַרק געפילט. קען זײַן אַז טיף אין זײַן האַרצן האָט ער זיך געפרייט וואָס כ׳האָב זיך אײַנגעעקשנט, אָבער פון צײַט צו צײַט פלעג ער פּרוּוון מיך איבערצײַגן כ׳זאָל אָננעמען דבורהס פאָרשלאָג. מײַן תּשובה איז געווען אַן אַנטשלאָסענע: „איך בלײַב מיטן טאַטן".

דבורה איז אָפּגעפאָרן. דאָס הויז איז אויסגעליידיקט געוואָרן און האָט אויסגעזען נאָך גרעסער. פון דער גאַנצער פאַרצווײַגטער און אַקטיווער משפּחה זענען מיר געבליבן בלויז צוויי אין כּפר־תּבור — דער עלטסטער און דער יִינגסטער — און אויף אונדזערע פּלייצעס איז געלעגן די אחריות פאַר אַ מעכטיקער פעלדווירטשאַפט און פאַר אַ הויפווירטשאַפט וואָס האָט זיך געהאַט שטאַרק אויסגעברייטערט. דער טאַטע, דער אמתער מאַנצפאַרשוין, האָט גענומען אויף זיך די ראָלע פון דער מאַמען און זײַנע אָנשטרענגונגען אויסצופילן זי ווי צום בעסטן האָבן נישט געהאַט קיין גרענעץ. אַ שווערע פוסטקייט איז געשטאַנען אין די צימערן און טייל מאָל, ווען דער טאַטע איז נישט געווען, האָב

איך זיך געפילט ווי אין אַ שלאָס וועלכן אַלע זײַנע אײַנוווינערס האָבן פאַרלאָזן.

כ"ו

די אומשטאַנדן האָבן אונדז ביידן געצוווּנגען צו ווערן קוכערס. מיר זענען ביידע נישט געווען קיין גרויסע מומחים אין קאָכן און די סאָרטן פון אונדזערע פּאַטראָוועס זענען דער עיקר געווען דער רעזולטאַט פון אונדזער פאַנטאַזיע און פון אונדזער פעיִקייט צו אימפּראָוויזירן. און דאָך איז געווען עפּעס באַזונדערס און צוציִענדיקס אין אונדזער קאַוואַלערן־קיך. די מאכלים זענען, פאַרשטייט זיך, געווען פּשוטע ביז גאָר און לײַכט צוגרייטן. מינימום קאָכן און מאַקסימום נאַטורשפּײַזן. דער טאַטע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין איין אידעע — אַ קינד וואָס עסט אַ סך געבראָטענע לעבער איז זיכער מיט זײַן געזונט. האַלטנדיק זיך פעסט אינעם דאָזיקן גלויבן איז ער אַוועק צום אָרטיקן קצב און אָפּגעמאַכט מיט אים אַז יעדער מאָל, ווען ער וועט שעכטן אַ קאַלב, אַ שעפּס אָדער אַ ציג, זאָל ער אַוועקלייגן די לעבער פאַר זײַן קליינעם זון, דאָס הייסט פאַר מיר. און באמת, אין צוגרייטן דעם דאָזיקן מאכל האָב איך עד־היום נישט געפונען קיין גרעסערן מומחה ווי מײַן פאָטער. ער האָט אים אַזוי גוט אויסגעבראָטן אַז ס'איז אוממעגלעך געווען בײַצושטיין דעם באַגער אים אין גאַנצן אויפצועסן. אַ פּאַרציע וואָס האָט געדאַרפט סטאַיען פאַר אונדז אויף דרײַ אָדער אַפילו פיר טעג, פלעג טייל מאָל אויפגעגעסן ווערן (דורך מיר, אויב כ'דאַרף געטרײַ בלײַבן דעם אמת) אין אַ טאָג אָדער צוויי.

איך האָב געהאַט אַן אַנדער טעאָריע אין די ענינים פון באַשפּײַזונג, וואָס איז אויך געווען אָנגענומען בײַ אַ סך פון מײַן עלטער. לויט דער טעאָריע זענען די ציבעלע און דער נישט

דיסטילירטער אַליוון־אייל דאָס עסנוואַרג, וואָס גיט דעם מענטשן געזונט און כּוח. מיר דאַכט זיך אַז אין דעם ענין איז גערעכט געווען מײַן טעאָריע און נישט די אידעע פון טאַטן. אָבער פון דעמאָלט ביז הײַנט לעב איך בשלום מיט ביידע: אי מיט דער ציבעלע און אי מיט דער לעבער, וואָס גייען לויט מיר גוט צו־זאַמען... וואָס שייך ציבעלע, האָבן מיר דאָך נישט געגעסן סתּם קיין ציבעלע. און אויב מיר זאָלן אויסבאַרגן באַגריפן פונעם תּחום פון דער קונסט, האָט דאָך דאָ נישט באַשטימט בלויז דער „וואָס" נאָר אויך דער „ווי", מחמת אין צוגרייטן דאָס עסן איז געלעגן מער ווי אַ שמץ ריטואַל. אין די ווינטערטעג, ווען די ציבעלע איז געוואַקסן אין גאָרטן, איז די גרינע ציבעלע צו גלײַך מיטן רעטעכל, געווען דער עיקר פון סאַלאַט. אין די זומערטעג, ווען די ציבעלע איז טרוקן, האָט מען זי געגעסן נאָך אַ פּינקט־לעכער און באַזונדערער צוגרייטונג: מ'נעמט אַ קליינע און יונגע ציבעלע, מע צעשנײַדט זי אין צווייען אָדער אין דרײַען און מ'עסט זי מיט ברויט אָדער מיט אַ פּיתּה אײַנגעטונקען אין אַליוון־אייל, ווי ווײַט מעגלעך נישט דעסטילירט, איידער ער גייט אַדורך די לעצטע פּאַזע פון דיסטילירן אין פּרימיטיוון פּרעס, ווען ער האָט נאָך אײַנגעהאַלטן אין זיך יענעם הערלעכן און ביטערן בײַגעשמאַק פון איילבירט מיט זײַן באַזונדערן רייצנדיקן ריח. טייל מאָל פלעגן מיר אים עסן אײַנגעטונקען אין זאַלץ און טייל מאָל ווען ס'פלעג זיך מיר טרעפן אַ ציטרין אָדער צוויי און כ'האָב אויך געקענט באַקומען שטשאַוובלעטער, פלעג איך צו־שנײַדן דעם ציטרין אין קליינע פּליטשן, כ'פלעג זיי צעמישן מיט שטיקלעך ציבעלע און צעהאַקטע שטשאַוובלעטער, אַרויפגיסן אויף אַלץ אַליוון־אייל, אַרויפשיטן אַן אָנשטענדיקע פּאַרציע זאַלץ און פּאַפּריקע און אַזוי אַרום באַקומען אַ סאַלאַט וואָס מאַכט דיך פאַר זײַן געשוואָרענעם אָנהענגער אויף דײַן גאַנץ לעבן. אַ פײַנקוכן פון פיר אָדער זעקס אייער פלעג אויספילן דאָס וואָס האָט געפעלט.

צײַטנווײַז, ווען כ׳פֿלעג צוריקקומען פֿון פֿעלד, פֿלעג דער טאַטע מיר מאַכן אַ סורפּריז מיט אַן אָפּגעקאָכטער הון און מיט אַ טעלער פֿאַרעדיקע יויך. אַרויפֿגיסנדיק די יויך אויף די רײַז, פֿלעג ער צוגעבן מיט אַ געלעכטער: „נו, ווען עסט אַ פּויער אַ הון? ווען ער איז קראַנק, אָדער ווען די הון איז קראַנק". אָבער אין דער אמתן האָבן מיר געגעסן אַ סך הינער ווען ביידע צדדים זענען בפּירוש געווען געזונט.

כ״ז

אָט די דרײַ יאָר וואָס מיר, דער טאַטע און איך, האָבן גע־לעבט איינע אַליין, האָבן אונדז נישט איין מאָל אַוועקגעשטעלט אין סיטואַציעס, וואָס ס׳איז אַ ספק צי אַ סך קינדער אין מײַן עלטער האָבן ווען עס איז געהאַט אויסצושטיין. די נײַע אומ־שטאַנדן האָבן מיך געצוווּנגען צו זײַן וואָס אַ מאָל מער זעלבּ־שטענדיק און דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן די באַמיִונגען פֿון מײַן פֿאָטער מיך צו דערציִען צו אַן איבערגעטריבענער, פּאַק־טיש פּריצײַטיקער זעלבשטענדיקייט. נישט איין מאָל האָב איך געמוזט אָננעמען איינער אַליין באַשלוסן הן וואָס שייך דער באַ־לעבאַטישקייט, הן וואָס שייך דער הויזפֿירונג. ביסלעכווײַז האָט דער פֿאָטער אָנגעהויבן זיך צו באַראַטן מיט מיר אין וויכטיקע ענינים. בין איך דאָך שוין פֿאַר אים מער נישט געווען דער זון וואָס מ׳דאַרף זיך מיט אים פֿאַרנעמען און אים דערציִען, נאָר אויך אַ חבר צו דער אַרבעט, אַ שותּף צו דער באַלעבאַטישקייט און צום עול. מיט איין מאָל האָב איך זיך, אין אַזאַ יונגן עלטער, געפֿונען אײַנגעשפּאַנט אין אַן אויסמאַטערנדיקער פֿיזישער אַר־בעט, וואָס מ׳קען אירע שוועריקייטן נישט פֿאַרגלײַכן מיט דעם גרעסטן טייל אַרבעטן וואָס ווערן געטאָן הײַנט. כּדי נישט אַרײַנ־צופֿירן קיינעם אין קיין טעות דאַרף איך אויפֿקלערן אַז אָט די

שווערע אַרבעט האָט בײַ אונדז קיין מאָל נישט אַרויסגערופן קיין געפּיל אַז אונדזער גורל איז אַ ביטערער. מיר האָבן געקוקט אויף דער אַרבעט ווי אויף אַ נאַטירלעכער און זעלבספאַרשטענדלע־כער זאַך, אַן זעלבסמיטלייד און אָן טענות און פּרעטענסיעס קעגן אַן אומגערעכטער וועלט. צום זכות פון מײַן פאָטער דאַרף גע־זאָגט ווערן אַז ער האָט נישט פאַרפעלט אײַנצוקויפן די מאָדערנ־סטע אַרבעט־מכשירים — פאַרשטייט זיך, לויט די באַגריפן פון יענע טעג — כּדי אונדז לײַכטער צו מאַכן דעם עול.

כ״ח

אין איינעם אַ טאָג האָט דער טאַטע באַשלאָסן צו פאַר־קלענערן די צאָל קי וואָס מיר האָבן געהאַלטן בײַ אונדז אין הויף. ער האָט מיך צוגערופן און אַ פרעג געטאָן: „צי ביסטו גרייט אָפּצוקויפן צוויי טראָגעדיקע קי קיין נתניה, אַ מתּנה פאַר דײַן ברודער? אַ שוואַרצער בעדווינער פון שכנותדיקן שבט וועט דיך באַגלייטן״.

„כ׳בין מסכּים״ — האָב איך געענטפערט מיט אָפענער פרייד צוליב דער אַוואַנטורע וואָס שטייט מיר פאָר.

אויפן וועג איז מיר קלאָר געוואָרן אַז דער שוואַרצער בע־דווינער קען אויסגעצייכנט די שטעגן פון גליל, פון עמק־חפר און פון שרון (אין די געצעלטן פון די בעדווינער קען מען נאָך הײַנט געפינען נעגערישע משפחות וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט קיין ארץ־ישראל דורך דעם שקלאַפן־האַנדל אין אַפריקע, אין וועלכן די אַראַבער האָבן, ווי באַקאַנט, גענומען נישט קיין קליינעם חלק). ס׳איז מיר אויך קלאָר געוואָרן אַז דער טאַטע האָט זיך פאַרלאָזט אויף זײַן קענען די וועגן פון לאַנד אָבער נישט אויף דעם וואָס קען געשען אויפן וועג גופא. ער האָט מורא געהאַט אַז אויב ער וועט גיין אַליין וועט ער אפשר פאַרקויפן די קי און שפּעטער

טענהן אַז מ׳האָט זיי בײַ אים צוגערויבט אָדער אַז זיי זענען אַנט־לאָפן. איך האָב דעריבער געדאַרפט אָפּהיטן דעם פירער.

גאַנץ פרי זענען מיר אַרויס אין וועג, אין דער ריכטונג צו מערב, צו עפולה. איך האָב געריטן אויף אַ קליאַטשע און דער נעגער האָט געשפּאַנט הינטער מיר. ס׳איז געווען דער חודש ראַמאַדאַן, ווען די מוסולמענער פאַסטן. כ׳האָב געוווּסט אַז דער שוואַרצער היט שטאַרק אָפּ די מיצווה פון פאַסטן און כ׳האָב אים דעריבער עטלעכע מאָל פאָרגעלייגט ער זאָל זיך מיט מיר בײַטן — ער זאָל רײַטן אויף דער קליאַטשע און איך זאָל גיין צו פוס. ער האָט געהאַלטן אין איין ענטפערן: „אויף דער קליאַטשע פון אַנסאַראַ וועט קיין נעגער נישט רײַטן״. אַלע מײַנע באַמיִונגען אים צו איבערצײַגן זענען געווען אומזיסט און אַזוי זענען מיר ווײַטער געגאַנגען גאַנץ פּאַמעלעך, ווײַל קיינער האָט זיך נישט געאײַלט און אַוודאי נישט די קי, וואָס זענען געווען אין זייערע לעצטע חדשים. פון צײַט צו צײַט פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן בײַ די זײַטן פון וועג און לאָזן די קי קײַען אַ ביסל גראָז. אין די שפּעטע דעמערונג־שעהען זענען מיר דערגאַנגען צו די מיזרח־צוגענג פון וואַדי־אַראַ. אין דער געגנט פון מגידו. אין יענע צײַטן האָט זיך דאָרט געפונען אַ גרויסער געצעלט פון בעדויִנישן שבט אַראַב־טורקעמאַן און מײַן בעדויִנער האָט באַשלאָסן צו פאַרברענגען די נאַכט אין הויז פונעם ראש פון דעם שבט. מיר זענען צוגעקומען צום שטיינערנעם אַרײַנגאַנג, וואָס איז פון אַלע זײַטן אַרומגע־רינגלט געווען מיט טונקעלע געצעלטן. געווען איז עס אין דער תקופה ווען נישט ווייניק בעדויִנער האָבן אָנגעהויבן איבערגיין פון אַ וואַנדער־לעבן צו אַ סטאַביל פּויערים־לעבן. ווי ס׳פּאַסט פאַר מכניס־אורחים האָבן זיי אונדז אויפגענומען זייער וואַרעם: אונדזערע קי און מײַן קליאַטשע זענען אַרײַנגעפירט געוואָרן אונ־טער אַ דאַך און די גאַסטגעבערס האָבן בשום־אופן נישט דער־לאָזט אַז מ׳זאָל זיי אָנקאָרמענען מיטן געפיטער וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. היות ווי די נאַכט איז געווען די נאַכט פון

ראַמאַדאַן, האָבן מיר, ווי ס׳פּירט זיך, פֿאַרבראַכט דאָס רוב שעהען אין עסן.

דער דאָזיקער אָוונט געדענקט זיך מיר ווי איינער פֿון די אָנגענעמסטע און אינטערעסאַנטסטע אין מײַן לעבן. אמת איז אַז דאָס איז נישט געווען מײַן ערשטער וויזיט אין אַ בעדוויִנישן געצעלט אָדער אין אַן אַראַבישן הויז, דאָס מאָל אָבער בין איך געווען דער גאַסט פֿון אַראַבער וועלכע כ׳האָב נישט געקענט און וואָס נאָך וויכטיקער: דאָס מאָל בין איך געווען אין אַ געצעלט ווו אַפֿילו דער טאַטע איז קיין מאָל נישט געקומען און כ׳האָב דעריבער זיך געפֿילט ווי אַ גאַסט אין אייגענעם זכות. כ׳בין געזעסן אַ גאַנצע נאַכט מיט מײַנע גאַסטגעבערס און מיר האָבן געשמועסט וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן. אַ לאַנגע צײַט האָב איך נישט געעפֿנט דאָס מויל, אָבער ביסלעכווײַז האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט אָנטייל צו נעמען אין שמועס, וואָס האָט זיך געפּירט בעיקר וועגן פּראָבלעמען פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און דאָ און דאָרט האָבן זיך אויך אַרײַנגעמישט ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט פּאָליטיק. עמעצער האָט דערמאַנט כּפר־תּבור און האָט אים אָפּגעגעבן אַ שבח, ער האָט געלויבט דעם פֿלײַס פֿון זײַנע פּויערים און איין מאָל אָדער צוויי דערמאָנט אויך דעם נאָמען פֿון מײַן פֿאָטער.

פֿאַר טאָג האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזערע גאַסטגעבערס און כ׳בין אַוועק מיט אַ גוט געפֿיל אַז כ׳האָב זיך דערוואָרבן נײַע פֿרײַנד. אונדזער נסיעה איז איצט געגאַנגען לענג־אויס דעם וואַדי־אַראַ, וואָס איז אין יענע צײַטן נאָך געווען אַ זיך שלענגלענדיקער זאַמדוועג, פּאַראַלעל צו אַן אויסגעטריקנטן טײַכל. ס׳איז געווען ווינטער און אין זײַן געלעגער האָט געשטראָמט וואַסער.

אַזוי איז אַוועק דער צווייטער טאָג. אָוונט־צו זענען מיר אָנגעקומען קיין חדרה. אין דער דאָזיקער קאָלאָניע האָבן מיר זיך אָפּגעזוכט אַ ליידיקן פּלאַץ ווו מיר האָבן געהאַט בדעה צו פֿאַרברענגען די נאַכט אונטערן גרויען הימל. די קי האָבן זיך

אָוועקגעלייגט אויסרוען, די קליאַטשע האָט מען צוגעבונדן צו אַן עקאַליפּטוס־בוים. מײַן פרײַנד האָט זיך אַוועקגעזעצט היטן די בהמות און איך בין אַוועק אין צענטער פון דער קאָלאָניע אײַנ־צוקויפן עסנוואַרג אויף וועטשערע. כ׳בין פאַרבליבן אין שפּײַז־געוועלבל אַן ערך אַ האַלבע שעה און אַט, צוריקגייענדיק צום ליידיקן פּלאַץ דערהער איך פון דער ווײַטנס שרעקלעכע געשרייען פון דעם בעדווינער. כ׳האָב זיך צוגעאײַלט און ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן: אַנטקעגן מיר איז געשטאַנען אַ פעסטער ייִד אָנגעטאָן אין רײַטהויזן, אין שטיוול, מיט אַ ברייטן הוט פון די שומרים אויפן קאָפּ, און מיט אַ רוט אין האַנט געשמיסן דעם אַראַבער איבערן רוקן. צווישן איין שמיץ און דעם אַנדערן האָב איך געהערט דאָס קול פון דעם ייִד וואָס הייסט דעם בעדווינער תּיכּף אַוועקגיין פון פּלאַץ און פאַרלאָזן די קאָלאָניע. דער צאָרן האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט און כ׳בין שנעל צוגעלאָפן צו זיי. כ׳האָב זיך אַוועקגעשטעלט צווישןביידע און אָנגעהויבן שרײַען אויפן ייִדן: „פאַר וואָס שלאָגסטו אים?" ער איז נישט נתפּעל געוואָרן פון מײַן געשריי און באַפעלעריש געענטפערט: „דאָ וועט קיין אַראַבער בײַ נאַכט נישט שלאָפן". „דער דאָזיקער אַראַבער איז מײַן פרײַנד און ביידע וועלן מיר דאָ די נאַכט שלאָפן", האָב איך געזאָגט אַ דערצאָרנטער. דער מענטש האָט אַזוי ווי אין גאַנצן נישט געהערט מײַנע רייד און האָט מיר געענטפערט: „נישט דו און נישט דער אַראַבער וועט שלאָפן דאָ די נאַכט, הייבט פּיס און פאַרשווינדט גלײַך!"

כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט אין בעדווינער און זיך שטאַרק פאַר־שעמט. כ׳האָב זיך דערמאָנט ווי אַזוי זײַנע אַראַבישע באַקאַנטע האָבן אונדז פרײַנדלעך אויפגענומען אין זייער געצעלט און אָט האָסטו דיר אַ בײַשפּיל פון אויפנעמען ווען מ׳קומט אין אַ ייִדישן יישוב! כ׳האָב געוואָרפן אַ בליק אויפן לײַביקן שומר און ס׳איז געוואָרן קלאָר אַז אין דער דאָזיקער שלאַכט וועל איך אַרויס אַ באַזיגטער.

„מיר גייען", האָב איך געזאָגט צום בעדוינער, „מ'דאַרף אויפשטעלן די קי אויף די פיס".

דאָס איז גאָר נישט געווען אַזוי לײַכט. צוויי טעג גיין האָבן זיי אויסגעמאַטערט און מ'האָט געמוזט אָנווענדן אַן „איבער־צײַגונג־כּוח", דרייענדיק זייערע ווידלען ביז ס'האָט זיי ווי געטאָן, כּדי זיי צו צווינגען אויפצושטיין פון זייער געלעגער. כ'בין אַרויף אויף מײַן קליאַטשע און מיר האָבן גענומען גיין פון דאָס נײַ. הינטער אונדז, ווי אַן עסקאָרט, איז געגאַנגען דער שומר, זעט אויס כּדי זיכער צו זײַן אַז מיר דערווײַטערן זיך מחוץ דעם תּחום.

„זאָג מיר, בחור, ווי הייסטו?" — האָב איך פּלוצעם דער־הערט זײַן שטים הינטער מיר.

„דאָס איז נישט דײַן ענין" — האָב איך קורץ געענטפערט. אָבער דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט מײַן פרײַנד, וועלכער האָט, כאָטש נישט פאַרשטייענדיק קיין העברעיש, פאַרשטאַנען, זעט אויס, די פראַגע און אים געזאָגט אין אַראַביש.

„דו ווייסט ועמען דו טרײַבסט אַוועק? דעם זון פון אנסארי! דעם זון פון רים באַקוויש פון מסחה."

כ'ווייס נישט צי דער נאָמען אַנסאַרי האָט עפּעס געזאָגט דעם יידישן שומר, אָבער דער נאָמען באַקוויש (די פאַרדרייטע אַראַבישע אויסשפּראַך פון נאָמען פּײַקאָוויטש), האָט אים אָן שום ספק אויפגעקלערט מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. ער איז צוגעלאָפן צו מיר, אָנגעכאַפּט דעם צוים פון דער קליאַטשע און געזאָגט אַ פאַרסאָפּעטער:

„כ'האָב נישט געוווסט אַז דו ביסט פּײַקאָוויטשעס זון, אַנט־שולדיק מיר... איך קען דײַן ברודער פון בנימינה, איך קען דײַן ברודער פון נתניה. קומט צו מיר אַהיים. איר וועט זײַן מײַנע געסט."

עפּעס אַן אומגעצוימט געפיל — אפשר פון פאַרוווּנדעטער גאווה און אפשר פון צאָרן ביז טרערן — איז אויפגעקומען אין

מיר. כ'האָב אויפגעהויבן די רוט וואָס כ'האָב געהאַלטן אין האַנט און זי מיטן גאַנצן (באַשיידענעם) כּוח אַראָפּגעלאָזן אויף זײַן קאָפּ. „אַוועק פון דאַנען, איך שעם זיך מיט דיר, כ'וויל נישט זען דײַן פּרצוף!", האָב איך געשריען, צו דער פרייד פון דעם אַראַבער וואָס האָט געזען ווי אַזוי איך גיב שמיץ דעם ייִדן, וואָס האָט אים געשלאָגן אַ קורצע צײַט פריער. אונדזער קאַראַוואַן איז ווײַטער געגאַנגען אין דער דרום־מערב־ריכטונג צום נחל אלכּסנדר און הינטער אונדז, נישט אויפהערנדיק, האָט געשפּאַנט דער שומר וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין בעטן: „קומט אַרײַן צו מיר, איר וועט זײַן מײַנע געסט, איך באַדויער, איך באַדויער באמת... כ'האָב נישט געוווּסט אַז דאָס זענען בהמות פון אַ ייִדן... כ'בין נישט געווען אין אָרדענונג... כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, כ'האָב נישט געוווּסט..."

איך האָב ווײַטער געריטן נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ; ער האָט זיך ווײַטער געשלעפּט הינטער אונדז, האַלטנדיק אין איין אַנטשולדיקן זיך, ביז ער איז צום סוף מיד געוואָרן אָדער האָט זיך מיאש געווען און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש.

די נאַכט איז געווען זייער אַ טונקעלע, אָבער דער שוואַרצער בעדווינער איז געווען באַשאָנקען מיט אויסערגעוויינלעכע חושים. אַזוי ווי אַ פוקס האָט ער געקענט אויסגעפינען דעם וועג אין דער פינצטערניש. איין זאַך האָט אים נישט געגעבן קיין רו: ווי אַזוי און וווּ וועלן מיר אַריבערגיין דעם שטראָם פון נחל אלכּסנדר? אמת, דער נחל אלכּסנדר איז נישט דער טײַך ירדן, אָבער ס'איז אַ פאַקט אַז אויך אויף אים פאָרט מען מיט שיפלעך, ווער רעדט נאָך אַז מיר זענען געשטאַנען אין מיטן ווינטער און דאָס וואַסער פון די רעגנס האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ לויפיקן שטראָם. ביז הײַנט איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ ווונדער ווי אַזוי מײַן וועגווײַזער האָט באַוויזן צו געפינען אין דער פינצטערניש דעם דורכגאַנג איבערן טײַך, וווּ דאָס וואַסער איז געווען צום פלאַכסטן. ס'האָט נישט גענומען קיין סך צײַט און מיר זענען

שוין געווען אויף דער אַנדערער זײַט נאָך דעם ווי מיר, ווי אויך די בהמות זענען דעם טײַך בשלום אַריבערגעגאַנגען.

מיטן זונאויפגאַנג זענען מיר אָנגעקומען אין מײַן ברודערס הויף אין נתניה. אונדזער אומגעריכט, פּלוצמעדיק דערשײַנען האָט אים אין גאַנצן דערשטוינט. ער האָט, וואָס אַן אמת, געוווּסט אַז דער טאַטע גרייט זיך אים צו שיקן צוויי קי ווי אַ מתּנה, ער האָט אָבער נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי זיי וועלן אָנקומען. ער האָט זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט אַז איך וועל זיי ברענגען. האָט ער געקוקט אויף מיר און איך אויף אים און מיט איין מאָל האָט ער מיך אַרומגענומען און וואַרעם געקושט צוגעבנדיק אַז איך בין אַ חברה־מאַן. דערנאָך האָט ער געדריקט די הענט פון זײַן אַלטן באַקאַנטן פון שבט אַראַב־אַל־זאַבריאַר, באַקוקט די קי, שנעל אונדז אַרײַנגעפירט אין קיך אַרײַן און באַלד דערנאָך ווי מיר האָבן אויף דער גיך אָפּגעגעסן, האָט ער אונדז ביידן אַוועקגעלייגט שלאָפן. אויב ס׳איז אין יענעם מאָמענט געווען עפּעס וואָס כ׳האָב געוואָלט מער פון אַלץ, איז עס געווען שלאָפן.

כ׳געדענק נישט וויפל שעה כ׳בין געשלאָפן, אָבער אויב איך האָב קיין טעות נישט האָט מײַן שלאָף געדויערט דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט נאָך אים און ערשט אויף מאָרגן, גאַנץ שפּעט, האָב איך געעפנט די אויגן. כ׳בין דערשטוינט געוואָרן זעענדיק אַרום מיר אַ צענדליק יונגע־לײַט פון מײַן דאָרף, וואָס האָבן געהערט צום גרעין וועלכער האָט פאַרלייגט נתניה. פון זייערע רייד האָב איך זיך דערוווּסט אַז זיי וואַרטן שוין אַ לענגערע צײַט מיט אומגעדולד כ׳זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און זענען להוט צו קריגן אַ גרוס פון זייערע קרובים און הערן פון מיר וואָס ס׳הערט זיך אין זייער געבוירן־דאָרף. פאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב געטאָן וואָס כ׳האָב געקאָנט זיי צופרידנצושטעלן.

כ׳האָב געוואָלט באַקוקן נתניה. דאָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן נישט אַזוי לײַכט, ווײַל פון מײַן לאַנגן רײַטן אויף דער קליאַטשע איז, לא־עליכם, אַרויס אַ געשוויר אויפן חלק פון מײַן

קערפּער וואָס האָט געריבן אַ לאַנגע צײַט דעם זאָטל. גייענדיק אין גאַס האָב איך אויסגעפונען אַז די געשיכטע פון מײַן נסיעה, און ספּעציעל די דערציילונג וועגן דעם וואָס ס׳איז פּאַרגעקומען מיטן שומר אין דער אַלטער ייִדישער קאָלאָניע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מין העלד פון טאָג אין די אויגן פון די פיל באַקאַנטע מײַנע אין נתניה. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים. דאָס מאָל אָן שום ספּעציעלע פּאַרלויפענישן.

כ״ט

דאָס וואָס זײַן חלום וועגן אויפשטעלן אין כּפר־תּבור דעם גרויסן פּײַקאָוויטש־שבט איז צערונען געוואָרן איז אפשר געווען די גרעסטע טראַגעדיע אין לעבן פון מײַן פאָטער. כ׳האָב שוין דערמאָנט זײַן עראָטישע ליבשאַפט צו דער ערד. אָבער גענוי אַזוי ווי ער האָט פאַרמאָגט אַ ראָמאַנטישע נשמה אין זײַן באַ־ציונג צו דער לאַנדווירטשאַפט און צו דער נאַטור, אַזוי איז ער געווען אַ רעאַליסט אין זײַן באַציונג צו דערווירקלעכקייט. די ווירקלעכקייט האָט ער אָנגענומען מיט אָפענע אויגן און אָן אַ שמץ פאַרביטערונג, נישט געקוקט דערויף וואָס זי האָט אים צע־שטערט זײַן גרעסטן חלום. דער ערשטער אײַנבראָך אין דער פאַרווירקלעכונג פון זײַן חלום איז געווען דאָס אַוועקגיין פון זײַן עלטסטן זון, משה. ער איז געווען דער געלערנטער אין דער משפּחה, ער האָט געלערנט אין דער „אַליאַנס״־שולע אין חיפה, האָט ליב געהאַט שפּראַכן און די, וועלכע ער האָט געלערנט, האָט ער גרינטלעך געקענט. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה איז ער, ווי שוין דערציילט, מאָביליזירט געוואָרן אין טערקישן מיליטער און איז דערגאַנגען צום גראַד פון אַן אָפיציר. מײַן פאָטער וואָס האָט אויך געדינט אין דאָזיקן מיליטער, האָט דערגרייכט בלויז די ראַנגע פון אַ סערזשאַנט. זעט אויס, אַז זײַן

שפּראַכן־קענטעניש און זײַן יונגער עלטער האָבן מײַן ברודער דערמעגלעכט דערגיין צו אַזאַ מדרגה.

ווען ירושלים איז פאַרנומען געוואָרן דורך די ענגלענדער, איז משה גענומען געוואָרן דורך זיי ווי אַ קריגס־געפאַנגענער. נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז אין האַרצן געווען מיט די ענגלענדער און נישט מיט די טערקן, איז ער אָפּגעזעסן צוויי יאָר אין געפאַנגען־לאַגער אין מצרים. דער טאַטע, וואָס איז צו יענער צײַט געווען דער פאָרזיצער פון אָרט־קאָמיטעט פון דאָרף, האָט אינטערווענירט בײַם בריטישן גאָווערנאָר אין טבריה ער זאָל אויסווירקן זײַן השפעה צו באַפרײַען מײַן ברודער. נאָך צוויי יאָר איז משה אַהיימגעקומען, אַן אידעאַליסט אַזוי ווי געווען, אַ פויערים־זון וואָס וויל זיך צוריק אײַנגלידערן אין דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט. ער האָט געפּרוווט פון דאָס נײַ זיך אײַנצו־וואָרצלען אין דאָרף, אָבער אַ קורצער פּרווו האָט אים און אויך מײַן פאָטער איבערצײַגט אַז דאָס אָרט איז נישט פאַר אים. עפּעס האָט אים געצויגן קיין חיפה און, כאָטש חיפה פון דעמאָלט איז נאָך געווען אַ קליין שטעטל, האָט ער אין איין שיינעם טאָג אײַנ־געפּאַקט זײַנע זאַכן און האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף. משהס אַוועק־גיין, הגם ס׳איז געשען מיטן ווילן פון טאַטן, האָט אים און דער מאַמען שטאַרק וויי געטאָן. אָבער אין יענע טעג, ווען די רעשט פיר זין און די טאָכטער זענען נאָך געווען אין הויז, האָט דער פאָטער נאָך נישט געזען אין משהס שריט דאָס פולשטענדיקע צערינען זיך פונעם שבט־חלום. אָבער חלום איז חלום און ווירק־לעכקייט איז ווירקלעכקייט. און די ווירקלעכקייט איז געווען אַז די פערמע האָט נישט געקענט געבן פּרנסה מער ווי פאַר איין משפּחה.

ס׳איז נישט אַוועק קיין סך צײַט און מײַן צווייטער ברודער, מרדכי, איז געוואָרן אַ מאַן. די ברירה פאַר וועלכער ער איז געשטאַנען איז געווען אַ פּשוטע: באַקומען אַן אַנדער פערמע אין כפר־תּבור און אײַנגלידערן זי אָדער נישט אײַנגלידערן זי

אין דער עקזיסטירנדיקער פֿערמע, אָדער אַוועקציען זיך אין אַן אַנדער אָרט און זיך דאָרט באַזעצן. אין יענע צײַטן איז נישט געווען קיין שום אויסזיכט צו באַקומען נאָך באַדן אין כּפר־תּבור: די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאַרקויפֿן זייער ערד און די ייִדישע ערד איז געווען אין גאַנצן צעטיילט ביזן לעצטן דונאַם. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט מרדכי באַשלאָסן — מיט דער צושטימונג און אַפֿילו מיט דער דערמוטיקונג פֿון טאַטן, ווי מ'האָט עס מיר שפּעטער דערציילט — צוצושטיין צום גרעין וואָס האָט געגרינדעט בנימינה. אַזוי אַרום זענען אַרויסגעפֿלויגן פֿון דער נעסט ביידע עלטערע ברידער. ס'איז געקומען די ריי אויפֿן דריטן, צבֿי. ער האָט נישט געזען פֿאַר זיך קיין צוקונפֿט ווי אַ יורש פֿון אַ טייל פֿון דער באַלעבאַטישקייט און ס'האָט אים געצויגן אויפֿ־צושטעלן פֿאַר זיך אַן אייגענע היים. ווי אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע „בני בנימין", האָט ער געהערט צום ערשטן גרעין פֿון די גרינדערס פֿון נתניה וואָס איז באַשטימט געווען צו ווערן אַ פּרדסים־קאָלאָניע אין שרון. דאָס אַוועקגיין פֿון צבֿי פֿון דער היים געדענקט זיך מיר גוט, נישט אַזוי ווי דאָס אַוועקגיין פֿון די צוויי עלטערע ברידער. מײַן פֿאָטער האָט אים מיטגעגעבן אַ סומע געלט אויף אײַנצוקויפֿן צוויי פּרדות, אַ וואָגן און אַרבעט־מכשירים. אַלע משפּחה־מיטגלידער האָבן צו־געלייגט אַ האַנט אויף צו העלפֿן אונדזער ברודער וואָס ווערט זעלבשטענדיק. מרדכי איז געפֿאָרן פֿון בנימינה קיין צפֿת אײַנ־צוקויפֿן פֿאַר אים די פֿאַר מױלאייזלען. בײַ אונדז אין הויז האָט מען זיך שטאַרק געפֿאָרעט. און נישט נאָר בײַ אונדז אין הויז. צען בחורים פֿון אונדזער דאָרף האָבן זיך געקליבן אַוועקצופֿאָרן קיין נתניה. ביז די שפּעטע שעהען אין דער נאַכט זענען די דער־וואַקסענע געווען פֿאַרנומען מיטן אָנלאָדן די וועגענער. די ייִנגערע ברידער זענען אַרומגעלאָפֿן צווישן די זעק וואָס זענען געווען אָנגעפּילט מיט געפּיטער פֿאַר די בהמות. זיי זענען געווען שטאָלץ אויף זייערע ברידער די פּיאָנערן און גלײַכצײַטיק פֿול מיט צער

צוליב זייער אָוועקגיין. געווען איז עס אין די טעג פון די בלוטיקע געשעענישן אין לאַנד, ווען די נעכט זענען געווען רויט אַזוי ווי מ׳האָט געזונגען אין די לידער פון יענער צײַט.

גאַנץ פרי איז דער קאַראַוואַן פון די מתנחלים אַרויס אין וועג אַרײַן. אַלע אײַנוווינערס פון דאָרף האָבן זיי באַגלייט, ווער מיט אַ ברכה, ווער מיט אַ תּפילה און ווער מיט קינאה. דער טאַטע, כאָטש ער האָט מסכּים געווען מיט צביס שריט, איז נישט געווען צווישן די באַגלייטערס. מיט אַ האַנטדרוק און, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך מיט אים געזעגנט אין הויף און איז מיט געמאָסטענע טריט אַרײַן אין שטוב נישט אויסדרייענדיק דאָס פּנים אויף הינטן. איך האָב זיי באַגלייט אַ שטיק וועג און זיך אומגעקערט אַהיים. מײַן פאָטער איז געזעסן אין איינעם פון די ווינקלען אַ פאַרזונקענער אין שווײַגן און האָט אַרײַנגעטראַכט אין עפּעס, וואָס דעם באַטײַט זײַנעם איז נישט שווער געווען צו טרעפן.

פון אַלע אָוועקגייענישן האָט אים אליאבס אָוועקגיין צום מיינסטן וויי געטאָן און פאַרוווּנדיקט. מיר זענען אַלע געווען קינדער פון דאָרף און פאַרנומען זיך מיט ערדאַרבעט, אָבער ער איז געווען דער אמתער פּויער צווישן די ברידער. אַלע זענען מיר געווען צוגעבונדן צום לעבן פון דער פערמע, אָבער זײַן צוגעבונדנקייט איז געווען די שטאַרקסטע און באַזונדערס שטאַרק איז געווען זײַן צוגעבונדנקייט צו די בעלי־חיים: צו די מוילאייזלען, צו די אָקסן און די קי. צווישן זיי און אים האָט געהערשט אַן אומ־געוויינלעכע, כּמעט אומבאַגרײַפלעכע פאַרשטענדעניש. כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי אַזוי ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ ביטערן געוויין ווען ס׳איז פּלוצעם געשטאָרבן די בעסטע פון אונדזערע פּרדות — עליזה. אַלע באַמיונגען אײַנצושטילן זײַן צער זענען געווען אומזיסטע. כּדי אים צו טרייסטן האָבן מיר אויסגעפונען אַ פּרדה וואָס זאָל זײַן ענלעך צו דער וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, אַ גוטע און איבערגעגעבענע אַזוי ווי זי, אָבער

ער האָט בשום־אופן נישט געלאָזט זיך טרייסטן. אין זײַן פּנים זענען געווען אײַנגעקריצט די צייכנס פון צער און יאוש. לויט אַלע סימנים האָט מען געקענט זען אַז פון אַלע ברידער וועט ער, אליאב, ממשיך זײַן די פּויערים־טראַדיציע אין אונדזער משפּחה. און אָט האָט אויך ער פאַרלאָזן און איז אַוועק נישט צו אַ נײַער התישבות, נאָר אין שטאָט אַרײַן. ביז הײַנט ווייס איך נישט אויף זיכער וואָס ס׳האָט אים געגעבן דעם לעצטן שטויס דערצו. נישט איין מאָל, ווען כ׳טראַכט נאָך וועגן דעם ענין, בין איך נוטה צום געדאַנק אַז דער טויט פון עליזהן איז עס געווען דער שטויס ער זאָל אַוועקגיין אין שטאָט אַרײַן.

אין איין העלן טאָג, אַ פאַרגאָסענעם מיט אַ ווינטערדיקער זון, איז אין אונדזער דאָרף אַרײַנגעקומען אַ באַקאַנטער סוחר פון מוילאייזלען פון צפת. ער האָט זיך אינסטאַלירט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ אין דער מיט פון דאָרף און האָט אויסגעשטעלט זײַנע פּופּצן פּרדות צום זען און צום פאַרקויפן. די פּויערים האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט, ווער כּדי אײַנצוהאַנדלען אַ מוילאייזל, ווער כּדי אָנצוזעטיקן זײַנע אויגן מיט די אַרבעט־בהמות. אויך דער טאַטע און איך זענען געקומען אַהין און, כאָטש מיר זענען געווען פול מיט ספקות, האָבן מיר געהאָפט אפשר דאָך צו געפינען אַ פּרדה וואָס וועט ענלעך זײַן צו דער באַליבטער עליזה. דאָס רוב בהמות זענען געווען געפּלעגט און האָבן אויסגעזען שטאַרקע און געזונטע. אָבער מײַן אויג איז געפאַלן אויף דער ייִנגסטער צווישן זיי, אַ פּרדה פון אַ יאָר דרײַ, אַ טונקל־ברוינע מיט אַ זויבערער גלאַנציקער הויט, אַ געטאָקטן רוקן, מיט אַ דיקער טשופּרינע און גרויסע אויסדרוקספולע אויגן. אין איר געשטאַלט איז געווען עפּעס פון עליזהן, כאָטש זי איז געווען אַנדערש פון איר. כ׳האָב געהאָפט אַז ווען זי וועט אויפוואַקסן און פעסטער ווערן, וועט זי אפשר זײַן פּונקט אַזוי ווי עליזה. כ׳האָב אָנגעוויזן מײַן טאַטן אויף איר. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר איר פעלן פון דערפאַרונג וואָס איז עלול צו אַנטווישן בעת מ׳וועט זי אויספּרווון

אין שווערער אַרבעט. דער טאַטע האָט שוין געהאַט אויסגעדרייט דעם רוקן און האָט געהאַלטן בײַם אַוועקגיין. איך בין אָבער פֿאַרבליבן ווי צוגעשמידט צום אָרט און כּסדר געקוקט אויף דער פֿרדה. דער געריבענער אַראַבישער סוחר האָט געזען אַז כ'האָב זיך פֿאַרליבט אין זײַן בהמה און האָט באַשלאָסן דאָס אויסצונוצן, כּדי איבערצוצײַגן מײַן סקעפּטישן פֿאָטער. „צי ביסטו גרייט צו רײַטן אויף איר?", האָט מיך דער אַראַבער אַ פֿרעג געטאָן. און איך, נאָך איידער כ'האָב אים געענטפֿערט, בין איך שוין געזעסן אויף איר רײַטנדיק. איצט האָט זיך דער אַראַבער אָנגערופֿן צו מײַן פֿאָטער: „יאַ, אַבו אַעגעל, טו נאָר אַ קוק אויף דײַן זון, דעם „בריה". כ'האָב אַרומגעריטן מיט דער פֿרדה אַ שטיקל צײַט, גע־מאַכט מיט איר אַ גרויסן שפּאַציר, אין אָנהייב מיט געמאָסטענע טריט, שפּעטער אין אַ לײַכטן לויפֿן און צום סוף אין אַ שנעלן גאַלאָפּ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פֿרדות, אַ פֿעסטערער ווי דער גאַלאָפּ פֿון אַן אייזל אָבער אַ שווערערער ווי פֿון אַ קליאַטשע. ווען כ'האָב געענדיקט דעם שפּאַציר בין איך אַראָפּ פֿון איר רוקן פּאַטשנדיק איר ליבלעך אויפֿן האַלדז מיטן באַשלוס צו פּרוּוון ווירקן אויפֿן פֿאָטער ער זאָל זי מיר קויפֿן. מ'האָט נישט געדאַרפֿט קיין סך רעדן. זײַן האַרץ און זײַן קעשענע האָבן זיך געעפֿנט און נאָך אַ געהעריקן דינגען זיך, ווי ס'פֿירט זיך אויפֿן מיזרח, איז די פֿרדה געקויפֿט געוואָרן פֿאַר זיבן און צוואַנציק ארץ־ישׂראלדיקע לירות, אַ קאָלאָסאַלע סומע לויט די באַגריפֿן פֿון יענע טעג.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און די אַנטוישונג איז געקומען. עטלעכע וואָכן נאָך דער קניה, האָבן מיר זיך אַרומגעזען אַז, נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז אַן עקרה און אַ געמיש פֿון אַן אייזל מיט אַ קליאַטשע, האָט זי אַ נטיה הייס צו ווערן אין געוויסע טעג פֿון חודש. אַ מין אַטאַוויזם וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין איר. ווען זי איז הייס געוואָרן פֿלעג זי זיך אַוועקזעצן אויף דער האָ־לאָבליע פֿון וואָגן אין מיטן פֿאָרן, אַן אמתער אַקט פֿון אָנאַניזירן זיך. זי האָט דערמיט צעשטערט אונדזערע אַרבעט־פּלענער און

האָט אונדז פֿאַרשאַפֿט אַ סך צרות און איך האָב זיך איבערגעצײַגט ווי ריכטיק ס׳איז געווען דעם טאַטנס פֿאָרזיכטיקייט בעת איך האָב זיך געלאָזט פֿאַרנאַרן דורך דעם וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען. כ׳האָב דערפֿון געלערנט אַז נישט אַלץ וואָס איז גוט מוז אויך זײַן שיין און נישט אַלץ וואָס איז שיין מוז אויך זײַן ניצלעך.

נאָכן טויט פֿון „עליזהן״ איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון משהן, וואָס איז שוין געווען אַ הויכער אָנגעשטעלטער בײַ דער מאַנדאַטאָרישער אײַזנבאַן, אין וועלכן ער האָט פֿאָרגעלייגט דעם טאַטן ער זאָל העלפֿן אליאבן פּרווון זיך אײַנצוגלידערן אין דער אַרבעט בײַ דער באַן. דאָס וועט זײַן בלויז אַ פּראָבע — האָט ער געשריבן — אויף אַ יאָר. אין יענע יאָרן האָבן ווייניק ייִדן געאַרבעט בײַ דער באַן און משה, וואָס האָט אויך געוואָלט שפּילן אויף די פּאַטריאָטישע סטרונעס פֿון פֿאָטער, האָט באַריכות אויפֿגעקלערט אַז דאָס אַרײַנדרינגען פֿון ייִדן אויף דער אַרבעט בײַ דער באַן האָט אויך אַ נאַציאָנאַלע באַדײַטונג, ווער רעדט נאָך אַז די פֿײַנטלעכע אָנפֿירונג האָט קרום געקוקט אויף דעם אַז ייִדן זאָלן אַרײַנגיין אין דעם פֿאַך. ווען דער טאַטע האָט פֿאַרענדיקט לייענען דעם בריוו האָט ער געזאָגט צו אליאבן: „דײַן עלטסטער ברודער לייגט פֿאָר דו זאָלסט אַרײַנגיין אַרבעטן מיט אים בײַ דער באַן. דו וועסט באַשליסן״. זײַן באַשלוס איז געפֿאַלן און כּדי אים צו באַרעכטיקן אָדער מילדער צו מאַכן דעם קלאַפּ, האָט אליאב געענטפֿערט: „פֿון דעסטוועגן איז נאָך דאָ יגאל. מירן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט איבערלאָזן פֿאַר יגאלן״. דער טאַטע האָט זיך אײַנגעהילט אין אַ שטילשווײַגן. נישט ער און נישט איך האָבן נישט געספּקט אַז אליאב איז געווען אויפֿריכטיק מיט זײַנע ווערטער און אַז ער האָט זײַן מותּר זײַן אויף זײַנע רעכט אין דער באַלעבאַטישקייט באַטראַכט ווי אַ ברייטהאַרציקייט, אָבער זײַן ברייטהאַרציקייט איז איין זאַך און די ווונד פֿון זײַן אַוועקגיין איז אַן אַנדער זאַך.

אליאבס באַציונג צו מיר איז געווען אַ גאַנץ ספּעציעלע און

ער האָט תּמיד געזען אין מיר אַ מין גאָב פון הימל. ער האָט מיך אַרומגענומען מיט דער גאַנצער ליבשאַפט פון זײַן גרויסן האַרצן. מיר זענען געווען שטאַרק געקניפּט און געבונדן איינער מיטן צווייטן און ווען ער האָט פאַרלאָזט די שטוב האָב אויך איך, נישט נאָר דער טאַטע, דערפילט אַז עפּעס ווערט דאָ אָפּגעריסן, צעפאַלט זיך אויף אייביק. אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי ער איז אַוועק האָט ער מיר פון זײַן געהאַלט געקויפט אַ זייגער צו מײַן בר־מצווה און אַ שטיקל צײַט שפּעטער אַ בלישטשענדיקן ראָווער, וועלכן ער האָט אײַנגעהאַנדלט אויף חודש־ראַטעס. מײַן גליק האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. איך צווייפל שטאַרק צי אין אונ־דזערע הײַנטיקע צײַטן וועט אַ ייִנגל פאַרשטיין וואָס ס'האָבן באַטײַט אַ זייגער און אַ ראָווער פאַר אַ ייִנגל פון מסחה אין יענע טעג.

אַזוי אָדער אַזוי, מײַן טאַטנס חלום איז אין גאַנצן צו נישט געוואָרן. פון צײַט צו צײַט פלעג ער מיט מיר שמועסן וועגן דעם און אין זײַן שטים האָט זיך געהערט אַ טאָן פון טרויער, הגם קיין פאַראיבל האָט ער אין האַרצן נישט געטראָגן. להיפּוך: ער איז געווען צופרידן וואָס זײַנע זין האָבן זיך שיין אײַנגעאָרדנט אין לעבן, אַזוי ווי מ'פלעג עס רופן אין יענע צײַטן (און אויך אין די הײַנטיקע צײַטן), וואָס זיי האָבן געפונען פאַר זיך פײַנע אויס־דויער־מקורות און אויפגעשטעלט זיך משפחות. אויך איצט, ווען זײַן חלום, דער חלום וועגן דעם שבט אין כּפר־תּבור, איז אַוועק־געפלויגן, האָט ער זיך געפילט ווי דער הויפּט פון אַ גרויסער, כאָטש צעשפּרייטער, משפּחה. ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט גע־טראַכט צו ליקווידירן זײַן באַלעבאַטישקייט, דערצו נאָך אַז איך בין אין איר פאַרבליבן. איך, דער רעשט פון זײַן האָפענונג צו פאַרזיכערן די דינאַסטיע פון די פּײַקאָוויטשעס אויף זײַן ערד, וואָס ער האָט זיך מיט איר פאַרקנסט, די ערד פון כּפר־תּבור.

ל

מיט זײַן גאַנצן װעזן איז ער געװען אַ פּויער, אַ גוטבאַזיצער אין טראַדיציאָנעלן זינען פון װאָרט, װײַט פון סאָציאַליזם. אָבער װי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, בין איך אויך צום סאָציאַליזם און גאַנץ ספּעציעל צו מײַן באַשלוס צו גײן אין קיבוץ דערגאַנגען צװישן אַנדערן אונטער דער אומדירעקטער השפּעה פון מײַן פֿאָטער. איך װײס אַז פון ערשטן בליק שטימט עס נישט מיט זײַן דורכויס פּאַטריאַרכאַלישער געשטאַלט, אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן װאָס האָט קײן מאָל נישט מוחל געװען אויף זײַן כּבוד און װאָס האָט זיך אויפֿגעפֿירט װי אַן אינדיװידואַליסט. הגם ער האָט געטראַכט מיט פּאָליטישע קאַטעגאָריעס און איז געװען באַשאַנקען מיט אַ טיפֿן פּאַטריאָטישן געפֿיל לויט װעלכן ער האָט געלעבט און געהאַנדלט, איז ער װײַט געװען פון אַקטיװן פּאָליטישן לעבן. װען כ׳טו אַ בליק אויף צוריק, קום איך צו דער מסקנה, אַז זײַן פּאַטריאָטיזם האָט עס אפשר דערװעקט אין אים און אין זײַנע אָנשװיוגען אַזאַ גרויסע ענדערונג אין די לעצטע דרײַסיק יאָר פון זײַן לעבן. אָט דער פּאַטריאָטיזם האָט אים דערפֿירט ער זאָל זיך רעװאָלטירן קעגן דער לאַנגער און אומדערטרעגלעכער אַפּוטרופּסות פון דער פּיק״אַ. מײַן פֿאָטער האָט פּאַקטיש אָנגעפֿירט מיטן אויפֿשטאַנד פון די פּויערים קעגן דער פּיק״אַ און האָט אויך דערפֿאַר באַצאָלט מיט נישט װײניק מאַטעריעלע קרבנות. אויך איך, זײַן יינגסטער זון, בין אומדירעקט געװען אײנער פון זײַנע קרבנות, אָבער װעגן דעם װײַטער.

אַ גאַנץ באַקאַנטע געשיכטע איז געװען דאָס װאָס איז געשען גלײַך נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה. קײן ארץ־ישׂראל האָט באַװיליקט אַראָפּצוקומען דער פֿאַרטרעטער פון באַראָן ראָטשילד, דער הער פראַנק, װאָס בלויז זײַן נאָמען האָט אָנגעװאָרפֿן אַן אימה אויף די פּויערים פון גליל. מ׳סיע פראַנק האָט אויך אָפּגעשטאַט אַן אָפֿיציעלן װיזיט אין כּפר־תּבור. מײַן פֿאָטער איז דע־

מאָלט געווען פאַרזיצער פונעם אָרטיקן ראַט און ווי אַזאַ האָט ער פאַר אים אַרויסגעבראַכט די פּראָבלעמען פון דאָרף און די פאָ־דערונגען פון זײַנע אײַנוווינערס. ווען מײַן פאָטער האָט געענדיקט רעדן, האָט אים הער פראַנק געזאָגט:

„די פויערים, מײַן הער, ווײַזן נישט אַרויס קיין גענוגנדיקע פעיִקייט צו אַנטוויקלען זייערע באַלעבאַטישקייטן. מיר זענען נישט קיין אידעאַליסטן און זענען גרייט צו העלפן נאָר די וואָס ווײַזן אַרויס די פעיִקייט."

„ס'טוט מיר זייער לייד", האָט מײַן פאָטער אים געענטפערט מיט אַ תּקיפותדיקן טאָן וואָס אַ סך פון די אַנוועזנדיקע פויערים האָבן געהאַלטן פאַר איבערגעטריבן, אויב נישט פאַר אַ חוצפּה, „אָבער איר, מײַן הער, זענט נישט קיין אידעאַליסט און איר פאַר־טרעט נישט דעם באַראָן, ווײַל דער באַראָן איז יאָ אַן אידעאַליסט. דאָ, אין דאָזיקן דאָרף זענען פאַרבליבן בלויז אידעאַליסטן. די וואָס זענען נישט קיין אידעאַליסטן האָבן שוין עמיגרירט קיין אַמעריקע און קיין אויסטראַליע. מיט אײַער גנעדיקער דערלויבע־ניש וועל איך בעטן דעם באַראָן ער זאָל אונדז שיקן אַ מער אידעאַליסטישן פאַרשטייער."

דער הער פראַנק איז געוואָרן דערשטוינט, האָט אָבער נישט רעאַגירט. דערנאָך איז ער אַרויס אונטער דער אָנפירונג פון מײַן פאָטער מאַכן אַ שפּאַציר איבערן דאָרף. ווען זיי זענען צוגעקו־מען צו די בליענדיקע מאַנדל־פּלאַנצונגען, האָט מ'סיע פראַנק, אַ שטאַרק באַגײַסטערטער, אַ פרעג געטאָן:

„אַה... כ'האָב גאָר נישט געוווּסט אַז איר האָט אַזעלכע פּרעכטיקע פּלאַנצונגען. ווּעמען געהערט אָט די פּלאַנצונג."

„צופעליק מיר" — האָט מײַן פאָטער געענטפערט.

„מײַן אָנערקענונג" — האָט מ'סיע פראַנק געזאָגט — „קומט אַרײַן צו מיר אין ביוראָ אין חיפה".

מײַן פאָטער איז געקומען אין זײַן ביוראָ און האָט אים גע־

בראַכט אַ נאָמענטלעכע רשימה פון אַלע פּויערים און ביי יעדן נאָמען איז געווען אָנגעגעבן וואָסערע הלוואות דער באַטרעפנ־דיקער פּאַרלאַנגט אויף אַנטוויקלען זיך און אויף רעמאָנטירן. ווען דער פראַנק האָט דורכגעקוקט די רשימה, האָט ער דערזען אַז מיין פאָטערס נאָמען פיגורירט נישט אין איר. דער פאָרשטייער פון באַראָן האָט גלייך פאַרשטאַנען און האָט צוגעגעבן מיין פאָטערס נאָמען צו דער רשימה פון די וואָס פאַרדינען אַז די פּיק״אַ זאָל זיי אונטערשטיצן.

די דאָזיקע געשיכטע איז נישט קיין אויסנאַם אין דער פּרשה פון מיין פאָטערס קאַמפן מיט די אָרטיקע פקידים פון דער פּיק״אַ. זיין גאַנץ לעבן האָט ער מיט זיי מלחמה געהאַלטן. די פּראָבלעם איז געווען אַ פּשוטע: די פּויערים האָבן געוואָלט זיך באַפרייען, פריער צי שפּעטער, פון דעם אייגנטום־רעכט פון דער פּיק״אַ אויף זייערע באָדנס און זענען אַפילו גרייט געווען אויסצולייזן זייער ערד מיט מעסיקע אויסצאָלונגען. אָבער די פּיק״אַ־אַדמיני־סטראַציע איז געווען פאַראינטערעסירט דער הערשנדיקער מצב זאָל אָנהאַלטן, מחמת כּל־זמן דער באָדן האָט נאָך געהערט צו דער פּיק״אַ, האָט מען געדאַרפט האָבן אַן אָנפירונג און אַז מען דאַרף אַן אָנפירונג, דאַרף מען אויך פקידים און די פקידים פון דער פּיק״אַ־געזעלשאַפט אין לאַנד האָבן גוט געוווּסט אַז זייער עיקרדיקער קעגנער איז מיין פאָטער.

איך געדענק ווי אַזוי דער טאַטע האָט רעאַגירט אויף דער מעשה מיט די „קאָנטראַקטן״. די מעשה איז געווען אַזאַ: אין איינעם אַ טאָג איז דער פאָרשטייער פון דער פּיק״אַ איינגעגאַנגען אויף דער בקשה פון די פּויערים וועגן איבערפירן זייערע נחלות אין זייער באַזיץ. ווען זייער דעלעגאַציע (אין וועלכער מיין פאָ־טער האָט זיך נישט באַטייליקט) איז געקומען אין דעם הויפּט־ביוראָ אין חיפה, כּדי צו באַקומען די פאָרמולאַרן פון דעם אויס־געבענקטן קאָנטראַקט, האָט מען זיי געגעבן נישט קיין אמתע פאַרקויף־קאָנטראַקטן, נאָר קאָנטראַקטן, וואָס זאָגן צו אַ פאַר־

קויף אויף שפּעטער. דאָס איז געווען אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס פאַרלענ־גערט דאָס הערשן פון די פּקידים אויף נאָך יאָרן. ווען די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען אין דאָרף אַריַין און אָפּגעגעבן די פּויערים אַ באַריכט וועגן אירע דערגרייכונגען, איז מיַין פאָטער אויפ־געשטאַנען און מיט איין קורצן און טרעפלעכן זאַץ אויפגעדעקט די אָפּנאַרעריַי. „דאָס איז נישט קיין פאַרקויף־אָפּמאַך", האָט ער געזאָגט. „דאָס איז אַ ,האַוּטאַבעס'־קאָנטראַקט" [ווערט־ערשפּיל אין יידיש צווישן הבטחות און האַוּט... — דער איבערז']. אויף וויפל מיַין זכּרון דערגרייכט, איז דאָס געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס מיַין פאָטער האָט אין דער עפנטלעכקייט אַרויסגעזאָגט אַזעלכע צווייזיַיטיקע און אומפאַרלאַמענטאַרישע רייד.

די פּקידים פון דער פּיק"אַ האָבן מיַין פאָטער נישט מוחל געווען די מלחמה וואָס ער האָט געפירט קעגן זיי און האָבן נישט איין מאָל געפונען אַ וועג זיך נוקם צו זיַין אין אים. איין מאָל, ווען ס'האָבן זיך נאָך אַן ערד־ציטערניש באַוויזן גרויסע שפּאַלטן אין אונדזער הויז, אַזוי ווי אין עטלעכע אַנדערע היַיזער אין דאָרף, האָט די פּיק"אַ געגעבן אַלע די וואָס זייערע היַיזער זענען גע־שפּאַלטן געוואָרן הלוואות אויף בויען פון דאָס ניַי אָדער אויף פאַרריכטן. אַלעמען, אָבער נישט מיַין טאַטן. וואָלט זיך דאָ געהאַנדלט אין אַ קליינעם רעמאָנט, וואָלט ער עס געקענט אויסטראָגן פון דער אייגענער קעשענע, אָבער דאָ האָט מען געדאַרפט אויס־בויען אַ ניַי הויז און אַזאַ סכום געלט האָט ער נישט געהאַט. נאָך מער: אַ הלוואה האָט מען געקענט באַקומען בלויז ווי אַ משכּנתּא און מיט וואָס צו גאַראַנטירן איז נישט געווען, מחמת די פערמע גופא איז געווען פאַרשריבן אויפן נאָמען פון דער פּיק"אַ. און אַזוי, בלית־ברירה, איז דאָס הויז געבליבן שטיין אַלע יאָרן מיט זיַינע גרויסע און מיאוסע שפּאַלטן. איין מאָל, ווען איינער פון זיַינע פריַינד, אַ פרומער ייִד, האָט אים געזאָגט, קוקנ־דיק אויף די שפּאַלטן: „זכר לחורבן!", האָט אים דער טאַטע געענטפערט: „אַ מצבה דער חרפּה פון דער פּיק"אַ".

דאָ דאַרף אפשר באַמערקט ווערן אַז די קאָלאָניסטן האָבן געפּילט עפּעס אַ באַזונדעראַרטיקן „פּאַטריאַרכאַלישן” צובונד צום באַראָן. ס׳איז אַ גרויסער ספק צי דער באַראָן האָט געהאַט בדעה צו אַנטוויקלען אין לאַנד אַ פעאָדאַלן רעזשים, אָבער ס׳איז קיין ספק נישט אַז זײַנע פּקידים איז געלונגען צוצוגעבן זײַן ווערק אַ האַלב־פעאָדאַלן כאַראַקטער. די כוונות פון באַראָן גופא באַ־דאַרפן נישט קיין פּאַרטיידיקער און זײַן צושטייער צום אויפלעבן פון לאַנד דאַרף נישט קיין באַווײַז. זײַנע אויפטוען זענען אַ וויכ־טיקער רינג אין דער געשיכטע פון דער באַנײַטער שיבת־ציון און נישט בחינם האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „דער פאָטער פון יישוב”.

איך געדענק ווי כ׳האָב זיך אין 1949, בײַ מײַן ערשטער רײַזע קיין לאָנדאָן, באַגעגנט מיטן באַראָן דזשיימס דע ראָטשילד און ער האָט מיר דערציילט מיט אַלע פּרטים וועגן דער האַרטנעקיקייט פון מײַן פאָטער אין כפר־תבור, וועגן די מלחמות וואָס די פּיק״אַ האָט געפירט מיט מײַן ברודער אין בנימינה און וועגן דעם ביטערן קאַמף וואָס זי האָט געפירט מיט מײַן קיבוץ גינוסר. „זאָג מיר”, האָט מיך דער באַראָן געפרעגט, פאַרשטייט זיך, אין געלעכטער, „צי האָט אײַך דער פאָטער אײַערער געהייסן קעמפן קעגן דער פּיק״אַ אומעטום ווו איר וועט זיך אין איר אָנשטויסן ?”

איצט קום איך צו מײַן אייגענער פּרשה־פּיק״אַ, נישט צו דער פון גינוסר, נאָר צו דער וואָס כ׳האָב געהאַט אַלט זײַענדיק פערצן יאָר. כ׳האָב געהאַט אַ צײַגעניש אַז כ׳האָב געענדיקט די פאָלקסשולע. דער פאָטער מײַנער האָט געוואָלט איך זאָל גיין לערנען אין מקוה־ישׂראל ווו ס׳האָבן דעמאָלט געלערנט די בע־סערע יינגלעך פון די קאָלאָניסטן אין גליל און צווישן זיי אויך מײַן ברודער אליאב, וואָס האָט שטאַרק געלויבט פאַר מיר די שולע און זיך אָנגעדערציילט וועגן די ווונדערלעכע איבערלעבענישן וואָס ער האָט געהאַט אין איר. אין יענע צײַטן האָבן די זין פון די קאָלאָניסטן אין גליל געקענט אָנגענומען ווערן אין מקוה־

ישׂראל נאָר דורך אַ סטיפּענדיע און אַ רעקאָמענדאַציע פֿון דער פּיק"אַ. ווער ס'איז דורכגעפֿאַלן בײַם אײַנטריט־עקזאַמען און ווער ס'האָט אים אויסגעהאַלטן — דאָס האָט באַשטימט די שולע גופא, אָבער דער באַשלוס ווער ס'וועט לערנען אין איר איז געלעגן אין די הענט פֿון די פּיק"אַ־פּקידים אין חיפה. און צווישן די דאָזיקע פּקידים און מײַן טאַטן האָט, ווי שוין דערמאָנט, געהערשט אַ מצב פֿון פּערמאַנענטער מלחמה. צוויי מאָל האָב איך זיך פֿאַרשריבן ווי אַ קאַנדידאַט, צוויי מאָל בין איך גערופֿן געוואָרן צו די אײַנטריט־עקזאַמענס, וואָס זענען אײַנגעאָרדנט געוועזן אין יבניאל און ביידע מאָל האָב איך זיי, צום גרויסן וווּנדער, אויסגעהאַלטן. כ'האָב אויך דערוועגן באַקומען אַן אָפֿיציעלע מיטטיילונג. אָבער ביידע מאָל האָבן די פּיק"אַ־פּקידים געלייגט זייער וועטאָ קעגן מײַן אָננעמען אין דער שולע.

ל"א

דער טאַטע האָט נישט גערוט און האָט געהאַלטן אין איין זוכן פֿיבערדיק אַ שולע ווו כ'זאָל קענען לערנען. און מיט איין מאָל האָט אַ בליץ געטאָן אַ נײַע האָפֿענונג אויפֿן נאָענטן האָריזאָנט. אין יענע טעג איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ נײַע אַגריקולטור־שולע „כדורי". די נאָענטקייט פֿון דער נײַער שולע צו כּפר־תּבֿור האָט אונדז ביידן דערפֿרייט. און ווען זי איז דערעפֿנט געוואָרן, בין איך טאַקע אַרײַן לערנען אין איר. דערווײַל אָבער זענען פֿאַרבײַ אַנדערטהאַלבן יאָר, בעת וועלכע כ'האָב צוגעהאָלפֿן דעם טאַטן אין דער באַלעבאַטישקייט און אַפֿילו בײַם אָנפֿירן מיט איר. צווישן איין סעזאָן און צווייטן האָב איך, אַזוי ווי אַ סך קינדער פֿון דאָרף, געאַרבעט בײַם בוי און בײַ דער צוגרייטונג פֿון באָדן.

אָן שום ספֿק, מײַן זײַן אין „כדורי" איז געווען אַ ווענדפּונקט אין מײַן לעבן הן וואָס שייך מײַן בילדונג, הן וואָס שייך מײַן

וועלטבאַנעם. דער טאַטע האָט עס גאַנץ גוט געוווּסט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז כ׳וועל דאָרט נישט נאָר באַקומען בילדונג, נאָר כ׳וועל זיך דאָרט אָנטרעפֿן מיט יונגע בחורים, חברים פֿון חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען, וואָס האָבן באַקומען אַ דערציִונג באַזירט אויפֿן סאָציאַליסטישן וועלטבאַנעם. פֿון גאַנצן האַרצן האָט ער געהאָפֿט אַז איך וועל נישט, ווי מײַנע ברידער, אַוועקפֿליִען פֿון זײַן נעסט, אָבער מיט זײַן עצם גרייטקייט מיך צו שיקן אין „כּדורי״, האָט ער גענומען אויף זיך די דאָזיקע ריזיקע, אַבי נאָר כ׳זאָל לערנען, ווײַל אויך דאָס האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט.

אין „כּדורי״ האָב איך מיטגעבראַכט מיט זיך נישט ווייניק וויסן און דערפֿאַרונג ווי אַ באַזע פֿאַר אַ מאָדערנער לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער ספּעציאַליזאַציע. די פֿיזישע אַרבעט איז שוין געווען אַ נאַטירלעכער טייל פֿון מײַן לעבן, מײַן הונגער צו בילדונג איז געווען גרויס און גרויס איז אויך געווען מײַן דורשט צו אַ געזעל־שאַפֿטלעך לעבן, וואָס זאָל זײַן רײַכער און פֿאַרביקער ווי דאָס וואָס כ׳האָב געקענט. פּאַקטיש בין איך געווען רײַף צו דער ענ־דערונג וואָס האָט געזאָלט אין מיר פֿאַרקומען. דער טאַטע האָט מיך נאָכגעפֿאָלגט, ער האָט מיך אָבער נישט אײַנגעהאַלטן. ער האָט, ווי געזאָגט, גענומען אויף זיך אויסגערעכנטערהייט אַ ריזיקע און ער איז געווען גענוג קלוג נישט צו זען מיט אָפֿענע אויגן די געפֿאַר פֿונעם אָפּרײַסן זיך. אַפֿילו ווען ער וואָלט יאָ געקענט, וואָלט ער מיך נישט אָפּגעהאַלטן, ווײַל ער האָט נישט געגלייבט אין פּויערים וואָס זענען גראָבע יונגען און עמי־הארצים. און דאָך האָט ער נאָך ווײַטער געהאָפֿט אַז מײַן טיפֿע צוגעבונדנקייט צו דער היים און צום דאָרף וועלן מיך אומקערן צו אים און צו זײַן גרויסער און פֿאַרצווײַגטער באַלעבאַטישקייט און איך וועל מיט־ברענגען מיט זיך וויסן וואָס וועט אונדז דערלויבן צוזאַמען מיט אים זי צו מאָדערניזירן לויט די בעסטע דערגרייכונגען פֿון דער וויסנשאַפֿט און פֿון דער אַגראַטעכניק פֿון יענער צײַט.

דער ניוואָ פֿון די לימודים אין „כּדורי״ איז געווען אַ הויכער

און דאָס נישט נאָר אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קעגנשטאַנדן, וואָס מיט זיי האָב איך זיך לײַכט געקענט אַן עצה געבן. איך געדענק ווי אַזוי דער טאַטע האָט רעאַגירט ווען כ׳האָב אים פאַר־געשטעלט די רשימה פון די לערערס און פון די קעגנשטאַנדן וואָס זיי האָבן געלערנט:

שלמה צמח — באָטאַניק און ליטעראַטור;

ד״ר ראָזנבערג — מאַטעמאַטיק, כעמיע און פיזיק;

בן־דור — ביאָלאָגיע און עופות־צוכט;

קאָם — פעלדגעוויקסן און... פוטבאָל;

ד״ר הירש — רינדער־ און שעפסן־צוכט;

נח נאַפּטולסקי — גרינסצוכט;

גליקסאָן — סעדערײַ און קאָנסערוון;

אילון ווערבאָווסקי — באַוואַלדונג און גערטנערײַ;

עפרוני — מילכווירטשאַפט;

צבי און יעקב — מעכאַניק, שלאָסערײַ און סטאָלערײַ.

„דאָס איז, מײַן זון, דאָס וואָס מיר דאַרפן אין די וואַסער־קלימאַט־ און באָדן־באַדינגונגען פון כפר־תבור... נײַע אויפטועז, שינויים... דו וועסט עס מאַכן ווען וועסט ענדיקן לערנען.״

משכמו ומעלה — נישט אַנרירנדיק כהוא זה די אַנדערע לערערס מײַנע — איז געווען שלמה צמח, דער שרײַבער און דער ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכער האָט אונדז באַגײַסטערט מיט זײַנע לעקציעס און שמועסן איבער באָטאַניק פון איין זײַט און איבער דער העברעישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור פון דער אַנדערער זײַט. זיי אַלע האָבן פאַר מיר געעפנט וועלטן, וואָס מײַנע ידיעות וועגן זיי זענען ביז דעמאָלט געווען באַגרענעצטע, און באַזונדערס שלמה צמח, וואָס האָט, ווי געזאָגט, אויפגעמאַכט פאַר מיר אַ פענצטערל צו די ווערטן פון דער געזעלשאַפט און פון מענטשן און, אומדירעקט, צו דער אַרבעט־באַוועגונג. כאָטש ער האָט תמיד גערעדט מיט רעספּעקט און אָפּשאַצונג וועגן די פּויערים פון די קאָלאָניעס, ספּעציעל וועגן די פּויערים פון גליל.

אַ קער אין מײַן לעבן האָט אויך געבראַכט מײַן באַגעגענען זיך מיט דער לעבעדיקער גרופּע תּלמידים, דער גרעסטער טייל חני־כים פון די יוגנט־באַוועגונגען, אַביטוריענטן פון שטאָטישע גימ־נאַזיעס און דער קלענערער טייל אָפּשטאַמיקע פון די קאָלאָניעס און די קיבוצים. דאָס איז געווען אַ לעבנסלוסטיקע, אַ דענקענדיקע, אַ חלוצישע, אַ ספּאָרטיווע גרופּע, וואָס האָט געשטרעבט נאָך וויסן און געזוכט נײַע וועגן פאַרן לאַנד און פאַר זיך.

שלמה צמח איז עס געווען דער וואָס האָט פאַרגעשלאָגן אָט דער גרופּע, וואָס איז פּאַקטיש געווען דער ערשטער קלאַס פון דער שולע, אַ געוואַגטן פּעדאַגאָגישן דזשענטלמען־אָפּמאַך, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד: די לע־רערס וועלן נישט אָפּהיטן בײַ עקזאַמענס און די תּלמידים וועלן נישט אָפּשרײַבן איינער בײַם צווייטן — צוטרוי קעגן צוטרוי. כ׳וואָלט געזאָגט אַ ליגן אויב כ׳וואָלט געזאָגט אַז ס׳איז לײַכט געווען אָפּצוהיטן די דאָזיקע פאַרפּליכטונג. אָבער אַן אָפּמאַך איז אַן אָפּמאַך, און דעריבער האָבן מיר אים שטרענג מקיים געווען. איין מאָל האָבן מיר געכאַפּט אַ שילער בײַם אָפּשרײַבן בעת אַן עקזאַמען. איבערגעבן אים צו דער דירעקציע איז נישט געקומען אין חשבון, אָבער מיר האָבן אויך נישט געוואָלט ברעכן דעם אָפּמאַך. ווען דער עקזאַמען איז פאַרענדיקט געוואָרן איז איינ־געאָרדנט געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג און בײַם סוף האָבן מיר באַ־שלאָסן דערציילן צמחן וואָס ס׳איז געשען, ער זאָל דעריבער בטל מאַכן דעם עקזאַמען. צמח האָט זיך צוגעהערט, האָט אָבער נישט געפרעגט ווער ס׳איז דער תּלמיד וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט. מ׳דאַרף אָננעמען אַז ער האָט געוווסט אַז מיר וועלן זיך אָפּזאָגן אויסצוגעבן דעם זינדיקן און ס׳קען אויך זיין אַז צוליב זײַנע איי־גענע סיבות האָט ער נישט געוואָלט אונדז אַוועקשטעלן פאַר אַזאַ נסיון. ס׳איז פאַר אים געווען דער עצם פאַקט אַז מיר האָבן אים דערציילט דעם אמת און ער האָט, אָפּשאַצנדיק אונ־דזער אָרנטלעכקייט, אויפן אָרט באַשלאָסן אַז דער עקזאַמען וועט

נישט בטל ווערן, און אַפילו אויב דער אָפּשרײַבער ווערט אַזוי אַרום אומזיסט געווינען „מאַכט עס נישט אויס", האָט ער צוגע־געבן מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן טאָן. „ער האָט נאָך פּאַר זיך אַ סך עקזאַמענס".

מײַן פאָטער האָט זייער געהאַלטן פון שלמה צמחן און איז שטאַרק באַאײַנדרוקט געוואָרן פון מײַנע דערציילונגען וועגן אים, וועגן זײַן וואונדערלעכן און פילזײַטיקן וויסן און וועגן זײַן פּשוטן און איידעלן אויפפירן זיך. ווען זיי האָבן זיך ביידע נענטער באַ־קענט, פלעגן זיי זיך רעגולער טרעפן אויפן שיידוועג, היות ווי „כּדורי" איז געשטאַנען אין מיטן וועג צווישן כּפר־תבור און אונ־דזערע ווײַטערע, צפונדיקע פעלדער. איין מאָל אָדער צוויי איז ער אויך אַרײַנגעקומען צו אונדז אין הויז אַרײַן און אויף מײַן פאָטערס פּנים האָט מען געקענט אָנזען אַז ער האָט געפונען אַ מענטשן וואָס איז אים צום האַרצן. מ'זאָגט אַז איבערגעטריבענע עניוות ווערט באַטראַכט פאַר גאווה. וועל איך דעריבער נישט פאַרבאַהאַלטן אַז דער פאָטער האָט געהאַט נחת פון זײַן זון יעדער מאָל ווען ער פלעג זיך טרעפן מיט זײַן לערער־דערציער. די באַריכטן וואָס צמח האָט אים אָפּגעגעבן וועגן מײַנע פאָרשריטן אין די לימודים האָבן אים פאַרשאַפט גרויס הנאה. ווער רעדט נאָך אַז ער האָט געוווּסט ווי שווער ס'איז מיר געווען אין אָנהויב אין „כּדורי". דער אָנהויב איז טאַקע געווען אַ שווערער ביז זיך מיאש צו זײַן. כ'האָב, וואָס אַן אמת, געהאַט געוויסע פאָרהאַנטן, ווי למשל פּראַקטישע קענטענישן אין ערדאַרבעט, און דאָס די־רעקטע באַקאַנט זײַן מיט דער סביבה און מיט די אַראַבער פון דער געגנט, אָבער דער אונטערשייד צווישן מיר, וואָס האָב געהאַט פאַרענדיקט אַן עלעמענטאַר־שולע אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף און מײַנע חברים, וועלכע זענען אַרויס פון שטאָטישע גימנאַזיעס, איז געווען אַזוי טיף און ברייט, אַז תּחילת האָב איך זיך כּמעט מיאש געווען פון דער האָפענונג, אַז ס'וועט מיר געלינגען זיי צו דעריאָגן. אָבער ביסלעכווײַז און נישט אָן אַן „עקשנותדיקן" אָנ־

שטרענג, ווי מ׳פלעג עס אָנרופן אין יענע טעג, בין איך געוואָרן אַ גלײַכער צו גלײַכע, און, נאָך אַ פאַרהעלטעניסמעסיק קורצער צײַט האָב איך אַפילו דערוואָרבן אַ לײַכטן פאַרצוג, אַ פאַרצוג פון אַ מענטש פון דער געגנט, פון אַן אָרטיקן. מײַנע חברים האָבן מיך גערופן „דזשעבעלי״, דאָס הייסט אַ באַרגמאַן. דער נאָמען איז מײַן טאַטן געפעלן געוואָרן פונקט ווי זײַן צונאָמען „אַנסאַרי״, וואָס האָט אים אין אָנהויב אויפגעבראַכט, איז אים צום סוף באַליבט געוואָרן.

דאָ, אין „כּדורי״, בין איך אויך אויסגעפּרוווט געוואָרן אין מײַן ערשטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. צו מײַן גרויסער דערשטוינונג בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אין שילערראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון דרײַ פון די זעקס און צוואַנציק תּלמידים פון ערשטן קלאַס. דאָס אויסקלײַבן מיך, כאָטש כ׳האָב בכלל נישט געשטעלט מײַן קאַנדידאַטור, האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן. די נביאות פון אַלתושה איז מקוים געוואָרן. און געווען איז עס אַזוי: בײַ מײַן געבוירן האָב איך געוויגן ווײַניקער ווי נאָרמאַל. די מאַמע מײַנע, אַזוי ווי אַלע מאַמעס אין דער וועלט, האָט זיך אויסער־געוויינלעך פאַרדאגהט. איר גוטע חברטע, אַלתושה גאָלדמאַן, האָט זי געפּרוווט טרייסטן און צווישן אַנדערע גוטע רייד וואָס זי האָט אויסגעגאָסן אויף מײַן קאָפּ, האָט זי געזאָגט צו איר: „נעם זיך נישט צום האַרצן, חיה, וועסט זען אַז אָט דער קלײנער וועט נאָך זײַן דער ראש פון ראַט אין מסחה״. צו זײַן פאַרזיצער פון ראַט אין מסחה האָב איך נישט זוכה געווען, אָבער יושב־ראש פונעם שילערראַט אין „כּדורי״ בין איך יאָ געוואָרן...

ל״ב

כ׳פאַרמאָג נישט גענוג לויבווערטער כּדי אויסצודריקן דאָס וואָס „כּדורי״ איז געווען פאַר מיר און נישט נאָר פאַר מיר נאָר פאַר אונדז אַלע. די לערערס, די לערן־מעטאָדן און דאָס לעבן

אינעם אַנשטאַלט מיטן אינטערנאַט, די פּראַקטישע אַרבעט אין די צווייַגן פון דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט, דאָס טראָגן די אחריות פאַרן אויפהאַלטן אַ לעבעדיקע און זיך אַנטוויקלענדיקע באַלעבאַטישקייט, אַ קאָנצענטרירט געזעלשאַפטלעך לעבן, רייַך מיט יוגנט־איבערלעבונגען און צו גלייַך ערנסט, דער סימפּאַטישער צוגאַנג צו דער אינדיווידואַליטעט פון יעדן תּלמיד ווי אַ מענטש — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ דערציִענדיקע און פעסטע לעבנסרעם. „כּדורי" איז געווען מער ווי אַ פּשוטער לערן־ און דערציִונג־אַנשטאַלט. פּאַקטיש איז עס געווען אַ יִשוב אין יעדן זינען, אַ ביסל אַן אָפּגעזונדערטער, וואָס האָט, נישט געקוקט אויף דער אונטערשטיצונג מצד דער מאַנדאַטמאַכט, געדאַרפט זיך אַליין אויסהאַלטן און פאַרטיידיקן זיך און די פעלדער זייַנע.

די געשעענישן פון 1936—1937 האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ שווערן שאָטן אויפן לעבן פון יִשוב. דער זיכערקייט־מצב אין לאַנד בכלל און אין גליל בפרט איז שווערער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. די לימודים און די אַרבעט זענען אָנגעגאַנגען רעגולער, אָבער אין דער לופט האָט זיך געפילט דער ריח פון אונטערגעצונדענע פעלדער און פון בלוט פון דערמאָרדעטע. אין איינעם אַ זומערטאָג אין יאָר 1936 האָב איך דורכן פענצטער פון מייַן צימער אין דער שולע דערזען ווי אַ סטאַדע אָקסן פון בעדוויִנער גייט אַרויף אויף די תּבואה־פעלדער פון כּפר־תּבור. נישט טראַכטנדיק קיין מינוט האָב איך אַלאַרמירט עטלעכע תּלמידים און צוויי יִינגלעך פון מייַן דאָרף, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער שולע. מיר האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין געווער־מאַגאַזין פון „כּדורי", געכאַפּט אויף דער שנעל נייַע העלטלעך פון גראַבאַייַזנס וואָס האָבן אונדז געדינט ווי שטעקנס און האָבן אָנגעהויבן לויפן. מיר זענען געלאָפן מער ווי אַ קילאָמעטער מיט אַן אַלץ גרעסערער שנעלקייט און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צוגעקומען צום פעלד. די פּאַסטעכער האָבן זיך דערשראָקן, האָבן איבערגעלאָזט די סטאַדע און געמאַכט פּיס. ווען זיי זענען דערלאָפן צו אַ זיכערן

מרחק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און גענומען רופן הילף לויט אַלע כּללים פון זייער טראַדיציאָנעלער „פּאָזאַ". בעת מיר זענען נאָך געווען פאַרנומען מיטן אַוועקטרײַבן די סטאַדע צום עק פון די פעלדער צפון־מיזרח־זײַט פון דער שולע, האָבן מיר דערזען מאַסן בעדווינער וואָס גליטשן זיך אַראָפּ ווי סטאַדעס ציגן פון די בערגלעך. ס'איז געווען קלאָר אַז באַלד וועלן זיי אונדז אַרײַנ־נעמען אין אַ קלעם און אונדז פאַרשפּאַרן דעם וועג זיך צוריק־צוציען. היות ווי אונדזער ציל — באַזײַטיקן די סטאַדע — איז דערגרייכט געוואָרן, און די אַראַבער, וואָס האָבן זיך געציילט אין די הונדערטער, האָבן געהאַט די אייבערהאַנט, האָב איך באַפוילן מיר זאָלן זיך צוריקציען צום פּאַרקן פון דער שולע דורכן קירצסטן וועג. עטלעכע פון די פלינקע בעדווינער האָבן אונדז דעריאָגט און ס'איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער קאַמף מיט שטעקנס פּנים־אל־פּנים, בעת וועלכן איך בין פאַרווונדעט געוואָרן אין לינקן אַקסל און דער ביין איז אויסגעלענקט געוואָרן. מיר האָבן זיך געהאַלטן אין איין צוריקציען העלפנדיק איינער דעם אַנדערן מיט פעסטע קלעפּ פון שטעקנס. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום פּאַרקן האָבן מיר דערזען אַ גרויס געטומל פון דער אַנדערער זײַט: די שילערס צוזאַמען מיט די לערערס, מיטן דירעקטאָר שלמה צמח גופא, זענען אונדז געלאָפן אַנטקעגן צו הילף, האַלטנ־דיק אין די הענט צוויי יאַגדביקסן (מיט אַ דערלויבעניש). כ'האָב געגעבן אַ געשריי צו זיי זיי זאָלן אָפּגעבן עטלעכע שאָסן אין דער לופט, זיי זאָלן זיך אָבער אויסהיטן און נישט אָנרירן די בעדווינער, וואָס האָבן זיך געפונען אין טרעפפונקט פון שיסן. די געציילטע שאָסן זענען אָפּגעגעבן געוואָרן און די אַראַבער וואָס האָבן אונדז נאָכגעיאָגט זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן. שפּרינגענדיק זענען מיר אַריבער דעם פּאַרקן און האָבן זיך תּיכּף צוגעגרייט צו אַ ברייטער פאַרטיידיקונג אין פאַל אויב דער אָנ־גריף וועט זיך באַנײַען. דאָס מאָל האָבן מיר אויך געהאַט הייס געוועג.

אַ לאַנגע צײַט האָבן מיר געוואַרט אויפֿן אָנגריף. אָבער ער איז דערוויַיל נישט געקומען. אַנשטאָט דעם זענען דערשינען שוט־רים — בריטישע און אַראַבישע — וואָס האָבן אונדז אַרעסטירט און אַוועקגעפֿירט מיט גרויס פּאַראַד אין תּפֿיסה אין טבריה, צו דער אויספֿאָרשונג. מ׳האָט אונדז באַשולדיקט אַז מיר האָבן אָנ־געגריפֿן און פֿאַרוווּנדעט רויִקע אַראַבער. צמח איז אויף מיר געווען זייער אין כּעס, ווײַל כ׳האָב געהאַנדלט איינער אַליין אָן זײַן דערלויבעניש און כ׳האָב קאַליע געמאַכט די באַציִונגען צווישן דער שולע און אירע אַראַבישע שכנים. אין אַ שמועס מיט מײַן פֿאָטער האָט ער געפֿונען פֿאַר ריכטיק אונטערצושטרײַכן מײַן מוט און צו לויבן מײַן חכמה. מוט — ווײַל כ׳בין געלאָפֿן פֿאַר־יאָגן די וואָס זענען אַרויף אויף אונדזער ערד; חכמה — ווײַל כ׳האָב אויך אין אַן עת־צרה געוואָרנט די וואָס האָבן געהאַלטן די ביקסן, זיי זאָלן נישט טרעפֿן קיינעם מיט זייערע שאָסן. צמח האָט נישט געוווּסט אַז די דאָזיקע חכמה האָב איך אײַנגעהאַנדלט בײַם טאַטן אַזוי ווי כ׳האָב עס אויבן דערציילט.

צווישן דעם געשלעג און דעם אַרעסט זענען פֿאַרבײַ נישט קיין סך שעהען און כ׳האָב, פֿאַרשטייט זיך, געקענט זיך געפֿינען אַ באַהעלטעניש און נישט אַרעסטירט ווערן און אַזוי האָב איך געהאַט בדעה צו טאָן. אָבער דער טאַטע האָט בפֿירוש געפֿאָדערט איך זאָל זיך צושטעלן צו דער פּאָליציי, זאָגנדיק: „דו דאַרפֿסט טענהן, אַז דו ביסט אַרויס צו פֿאַרטרײַבן די סטאַדע פֿון דײַן פֿאָטערס פֿעלדער און די אַראַבער האָסטו פֿאַרוווּנדעט בעת דו האָסט זיך פֿאַרטיידיקט, ס׳איז קלאָר?”

„אַזוי ווי די זון אין מיטן טאָג” — האָב איך געענטפֿערט און זיך צוגעגרייט גײַסטיק צו דער אַרעסט־אַוואַנטורע.

נאָך דעם ווי כ׳בין אָפּגעזעסן עטלעכע טעג אין תּפֿיסה אין דער אַלטשטאָט, זענען מיר אַלע באַפֿרײַט געוואָרן אויף דער ערבות פֿון אונדזערע עלטערן און די יורידישע לייצעס זענען אַריבער אין די געניטע הענט פֿון אַדוואָקאַט א. חוטר־ישי, פּונעם

יורידישן דינסט פון דער „הגנה". אויפן פּראָצעס גופא האָט מײַן עדות זאָגן געהאַט אַ באַזונדערע וואָג און אַפילו דער בריטישער ריכטער איז געווען געצוווּנגען זיך מיט אים צו רעכענען. געטרײַ די אָנווײַזונגען פון מײַן פּאָטער האָב איך כּסדר געטענהט אַז איך בין נישט אַרויס כּדי אָנצופאַלן אויף אַראַבער, נאָר כּדי צו באַשיצן די געוועטענעש פון מײַן טאַטן; אַז נישט מיר האָבן דעם געשלעג אָנגעהויבן נאָר זיי, די שכנים אונדזערע, און אויב אין גאַנג פון דעם צוזאַמענשטויס זענען אייניקע פון זיי פאַרווּנדעט געוואָרן, איז עס זייער שולד, מחמת מיר האָבן זיך דאָך בלויז פאַרטיידיקט. דער בריטישער ריכטער האָרוואָרד האָט זיך צוגעהערט, אויפגעצייכנט עפּעס אויף די בויגנס פּאַפּיר וואָס זענען געלעגן פאַר אים, און צום סוף אונדז באַפרײַט אויפן סמך פון אונדזער טענה וועגן זעלבשוץ. דער פּראָצעס און באַזונדערס די טעג וואָס מיר זענען געזעסן אין תּפיסה האָבן צוגעגעבן נאָך מער חשיבות דעם געשלעג און האָבן אויפגעבלאָזן אונדזער שטאָלץ. צו מײַן שטאָלץ איז נישט געווען קיין גרענעץ: דער טאַטע איז געזעסן אין אַ טערקישער תּפיסה און אַפילו צוויי מאָל — אין צפת און אין נצרת; מײַן עלטסטער ברודער איז אויך געווען צוויי יאָר פאַרשפּאַרט אין אַן ענגלישן געפאַנגענלאַגער אין מצרים; איצט האָב איך זוכה געווען צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַן ענגלישער תּפיסה אין טבריה. צוויי יאָר שפּעטער (אין יאָר 1938) האָב איך זיך אומגעקערט אין די מויערן פון דער תּפיסה, דאָס מאָל ווי אַ סערזשאַנט אין דער פּאָליציי פון די ייִדישע יישובים און ווי דער קאָמענדאַנט פון דער באַוועגלעכער וואַך. דער גורל האָט געוואָלט איך זאָל פאַרשפּאַרט ווערן אין דער זעלבער קאַמער. דאָס מאָל בין איך באַשולדיקט געווען אין דערמאָרדן דעם אָנפירער פון די אַראַבישע פישערס אין טבריה. אין דער אמתן איז דאָ קיין מאָרד נישט געווען, אָבער אַ בכּיוונדיק הרגענען איז יאָ געווען און נישט חלילה פון אַן אומשולדיקן צדיק, נאָר פון דעם שעף פון די געווער־שמוגלערס

פאַר די אַראַבישע כּנופיות, פון דער מיזרח־זײַט אויף דער מערב־זײַט פון כּנרת. בעת דער אויספאָרשונג האָב איך געהאַלטן אַ ריירנדיקע רעדע, וואָס דער „לייטמאָטיוו" אין איר איז געווען: „אונדז און מײַנע חברים, מײַנע הערן, קומט נישט קיין תּפיסה־שטראָף, נײַערט אַ מעדאַל!"

קיין מעדאַל האָבן מיר נישט באַקומען. אָבער נאָך אַ וואָר פון אַרעסט און אויספאָרשונגען און פון רעקאָנסטרויִרן דעם לויעראַרט וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט דעם געווער־שמוגלער בײַם אויסגוס פון נחל־עמוד אויפן ברעג פון כּנרת איז דער באַשולדיקונג־אַקט קעגן אונדז אין גאַנצן בטל געוואָרן.

ל"ג

די געשעענישן פון 1936—1939 האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן חותם אויפן יישוב און ראַדיקאַל משפּיע געווען אויפן אויספורע־מען זיך פון די אָנשויונגען פון די אײַנוווינערס פון לאַנד בכלל און פון די פּויערים אין גליל בפרט. יעדער כוואַליע פון די בלו־טיקע געשעענישן איז געווען באַגלייט דורך אַ טיפער זאָרג פאַרן עצם קיום פונעם יישוב, אָבער אויך דורך אַנטפּלעקונגען פון מוט און דורך העלדישע מעשׂים, וואָס האָבן צעפלאַקערט די פאַנ־טאַזיע און געשטאַלטיקט אונדזערע געדאַנקען און טוונגען. די געשעענישן, באַזונדערס די פון 1936—1939, האָבן באַשײַמפּער־לעך באַוויזן די העכערקייט פון דער קאָלעקטיווער שיטה אין דער התישבות איבער דער אינדיווידואַליסטישער, אויך אין תּחום פון פאַרטיידיקן דאָס לעבן און דאָס פאַרמעגן. מיר האָבן, למשל, געלערנט אַז פעלדער וואָס ליגן ווײַט און וואָס יעדער פון זיי ווערט באַאַרבעט און אָפּגעהיט בלויז דורך זײַן אייגנטימער, איז גורם דאָס צעשפּרייטן יידן איבער אַ ברייטן שטח; דאָס שאַפט שוועריקייטן וואָס מ׳קען כּמעט נישט גובר זײַן בעת דער שמירה און שטעלט אומזיסט אין געפאַר דאָס עצם לעבן.

פאַראַן מענטשן וואָס זענען דערגאַנגען צום וועג פון קאָ־לעקטיוויזם און צום סאָציאַליסטישן וועלטבאַנעם דורך רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען, אונטער דער השפעה פון מנהיגים און טעאָריעס. איך בין צו זיי דערגאַנגען דורך דער פּראַקסיס. דאָס זײַן איז געווען פֿאַרן באַוווסטזײַן און האָט אים באַשטימט. אין איינעם אַ טאָג האָב איך, דערמוטיקט דורכן טאָטן, צונויפגעזאַמלט 14 פון די 36 פּויערים פון כּפר־תּבֿור — די וואָס זייערע פעלדער האָבן זיך אויסגעשפּרייט צפֿון־זײַט צו צום הײַנטיקן „כּדורי", אויף אַ שטח, וואָס זײַנע זענען באַדנס געווען באַקאַנט מיטן אַראַבישן נאָמען אום אַגאַבל (די מוטער פון די בערג), און האָב זיי פאַרגעלייגט זיי זאָלן זיך פאַראייניקן און שאַפן אַ קאָאָפּעראַ־טיוו, דאָס הייסט: נישט בטל מאַכן דאָס פּריוואַט־אייגנטום אויף זייערע פעלדער, נישט פאַראייניקן זיי, נאָר פּשוט, אַ הסכּם צוזאַ־מען צו באַאַרבעטן די פעלדער און אַ גלײַך פאַרטיילן די גערע־טעניש, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער גרייס פון דער גערעטעניש אין יעדן איינעם פון די פעלדער און מיט דער מאָס שאָדן וואָס ס'האָבן גורם געווען די כּנופיות און די שׂרפֿות יעדן פעלד באַ־זונדער. איך ווייס אַז הײַנט צו טאָג קלינגט אַזאַ מין פאָרשלאָג פּשוט און אפשר אַפילו ווי אַ זעלבספאַרשטענדלעכקייט. אָבער אין יענע טעג, אין אַזאַ אינדיווידואַליסטישער קאָלאָניע פון אײַנ־געוואָרצלטע פּויערים, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך אַזוי שטאַרק געקלאַמערט אין זײַן שטיקל פעלד — און איך זאָג עס צו זייער שבח און חס־ושלום נישט לגנאי — איז אַזאַ פאָרשלאָג באַטראַכט געווען ממש ווי אַ רעוואָלוציאָנערער. מײַן פאָרשלאָג האָט דערשטוינט די פּויערים, אָבער דער עיקר זענען זיי דער־שטוינט געוואָרן ווען זיי האָבן דערהערט אַז מײַן פאָטער האַלט מיך אונטער. איך געדענק דעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער, ווען ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען אַ וואָרט. זייערע אויגן האָבן אַזוי ווי געזאָגט: „וואָס? אויך ער, דער דאָזיקער געשוווי־רענער אינדיווידואַליסט, איז מיט אים מסכּים?".

איין אסיפה איז געקומען נאָך דער אַנדערער. די אַטמאָספער אין זיי איז געווען אַ שטיקנדיקע און אַן אַנגעגליטע. אַ טייל איז געווען פאַר, אַ טייל קעגן און אַ טייל האָט זיך געוואַקלט, ווי ס׳איז אָנגענומען. צווישן איין פאַרזאַמלונג און דער צווייטער פלעג מען זאָגן הינטער דעם טאַטנס פּלייצעס, אַ ביסל ערנסט, אַ ביסל אין אַ שפּאַס, אַז דיווירקלעכקייט האָט אים, ווײַזט אויס, געצווונגען בײַטן זײַנע ווענן און מיינונגען, ווייל כּל־זמן ס׳זענען נאָך בײַ אים אין הויז געווען פינף זין און איין טאָכטער, אַלע אַרבעטפעיקע, האָט ער נישט געדאַרפט אָנקומען צו אַ קאָלעקטיווער אַרבעט. ער האָט דאָך געהאַט זײַן אייגענע „קאָמונע״ — אַזוי בפירוש האָט ער עס אַליין אָנגערופן נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל — די קאָמונע פון זײַן משפּחה. אָבער איצט, אויף דער עלטער, ווען ער איז געבליבן בלויז מיט זײַן יונגן זון און זײַן גרויסער באַלעבאַטישקייט, איז קיין וווּנדער נישט וואָס ער נעמט פּלוצעם אָן מאָדנע סאָציאַליסטישע געדאַנקען וועגן קאָאָפּעראַטיוון באַאַרבעטן די פעלדער און אפשר אויך — גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן — פון די גערטנער...

דער באַשלוס איז געפאַלן און מ׳האָט אָפּגעמאַכט אַז מע פירט איין בלויז אַ טיילווײַזע קאָאָפּעראַציע. מיט דער איינשטימונג פון אַלע פאַרזאַמלטע האָט מען באַשלאָסן צו באַאַרבעטן און באַשנײַדן די פעלדער בשותּפות, אָבער יעדער איינער זאָל צונעמען פאַר זיך די גערעטעניש פון זײַן פעלד. אין לעצטן וויכּוח האָט דער טאַטע געזאָגט: אַנשטאָט 14 פּויערים מיט 14 פּאָר מוליאייזלען און 14 אַקער־אײַזנס זאָלן זיך צעשפּרייטן איבער 14 שטיקער באָדן אין פאַרשיידענע ערטער, וועלן מיר אַלע אַרויף אויף איין שטיק באָדן, מיר וועלן פאַראַקערן, פאַרזייען און בראָנעווען און צוזאַמען אַריבערגיין אין צווייטן פעלד, ביז מיר וועלן פאַרענדיקן פאַרזייען אַלע שטחים. אַזוי בײַם פאַרזייען און אַזוי בײַם שניט און בײַם איינשײַערן.

די דאָזיקע פּרשה איז אויך געווען אַ קער אין די אָנשוויונגען

פון מײַן פֿאָטער. ער האָט אָנגעהויבן לויבן די קאָמונע. ער האָט זיך באַנוצט מיטן אויסדרוק „קאָמונע" און האָט אים ליבערשט באַנוצט ווי דאָס וואָרט „קיבוץ". ער איז נישט געוואָרן קיין אָנ־הענגער פֿון דעם קיבוצישן לעבנס־שטייגער. ער האָט אים ווײַטער קריטיקירט ווײַל ס'האָבן אין אים, לויט זײַן מיינונג, געפֿעלט די אינדיווידועלע צוגעבונדנקייט פֿון פֿויער צו זײַן פֿעלד און זײַן פּערזענלעכע מאָטיוואַציע, וואָס איז לויט אים נייטיק געווען, כּדי צו הייבן די אַרבעט־אויסגיביקייט און צו פֿאַרגרעסערן די גרעע־טעניש פֿון דער באַלעבאַטישקייט. אָבער אין אַלגעמיין קען מען זאָגן אַז זײַן באַציונג צום דאָזיקן לעבנס־שטייגער איז געוואָרן אַ מער פּאָזיטיווע.

אין יענער צײַט פֿלעג איך געלעגנהייטלעך קומען אין קיבו־צים ווי דגניה א' און עין־חרוד, און ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים פֿלעגן מיר זיך טוישן מיט די אײַנדרוקן וואָס שייך די ענלעכקייטן און די אַנדערשקייטן צווישן אונדזער לעבן און דעם לעבן אין קיבוץ, ווי אויך וועגן די מענטשן וואָס גאָר אַ סך פֿון זיי האָט ער פּערזענלעך געקענט. צווישן זײַנע באַקאַנטע זענען געווען אהרון ציזלינג און שלמה לביא פֿון עין־חרוד, יוסף ברץ און יוסף פֿײַן פֿון דגניה א', בן־ציון ישראלי פֿון כּנרת און ראָזענ־פֿעלד פֿון דגניה ב'. ער איז געווען נאָענט באַקאַנט מיט די ערשטע מתנחלים פֿון מרחביה און מיט די מענטשן פֿון „השומר", וואָס אַ סך פֿון זיי פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין הויז אַרײַן. די אַלע מענטשן זענען אים נישט געווען פֿרעמד פּונקט אַזוי ווי ער איז זיי נישט געווען פֿרעמד. ער האָט זיי שטאַרק אָפּגעשאַצט, זיי און זייער אויפֿטו, און דאָך מוז איך צוגעבן אַז זײַן באַציען זיך מיט סימפּאַטיע צום קאָלעקטיוויסטישן לעבנס־שטייגער איז פֿאַר מיר געווען אַן איבערראַשונג און אַן אַנטפּלעקונג.

פֿאַרשטייט זיך אַז ער האָט מער געהאַלטן פֿון אַ לעבן אין דאָרף ווי אין קיבוץ. אָבער ווי אַ מענטש אַ קאָנסעקווענטער וואָס האָט נישט ליב געהאַט קיין פּשרות, האָט זײַן האַרץ נישט געצויגן צום

מושב, אין וועלכן ס׳איז נישטאָ נישט געגוג אינדיווידואַליזם און נישט געגוג קאָלעקטיוויזם. „אָדער — אָדער!״ — פלעגט ער זאָגן, און מיט די צוויי קורצע ווערטער האָט ער גוט אויסגעדריקט זײַן שטרעבן צו שלימות.

ל״ד

אין איינעם אַ טאָג איז צו אונדז אין דאָרף אָנגעקומען אַן אַרבעט־אָפּטיילונג פון דער „גורדוניה״־באַוועגונג. אירע מענטשן האָבן זיך באַזעצט אין עטלעכע בײַדלעך בײַם עק פון דער קאָלאָניע. דאָס קומען פון די חלוצים האָט געהאַט צוויי צילן: לערנען די אַרבעט און זי אַרויסנעמען פון די הענט פון די אַראַבישע „פאַרמערס״. דער טאַטע איז געווען דער ערשטער אָנצונעמען צוויי „חלוצים״ צו דער אַרבעט אין פעלד. איך געדענק די ביידע, דער עיקר זאבן, אַ הויכן, טונקלהויטיקן בחור מיט אַ וואַרעם האַרץ. דער נאָמען פון צווייטן, דעם דזשינדזשי (דעם רויטהאָריקן) האָב איך פאַרגעסן. ביידע זענען זיי געווען נײַע עולים פון פוילן, נאָר וואָס אָנגעקומען אין לאַנד אַרײַן, מיט אַן אויסגעצייכנטער בילדונג און אַ שטאַרקן ווילן מצליח צו זײַן אין דער אַרבעט. זייערע פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען צו דעראָבערן די אַרבעט האָבן געוועקט באַוווּנדערונג. ס׳איז אָבער שווער געווען צו זען ווי אַזוי זיי לאָדן אָפּ אַ וואָגן תּבואה אין ברענענדיקן כאַמסין־טאָג, ווען די קאָמאַרן דרינגען אַרײַן אין זייערע אויערן און דער שווייס רינט פון זייערע צעפּלאָמטע שטערנס. די סצענע האָט געוועקט מיטלייד ממש. ווען ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין זיי פלעגט דער טאַטע זאָגן אַז זיי האָבן ווייניק אויסזיכטן אויסצוהאַלטן און אין דער אמתן איז זייער אַרבעט־אויסגאַב געווען נידעריקער ווי אונדזערער און אַפילו פון די אַראַבישע אַרבעטערס. זייער געהאַלט איז געווען אַ העכערער, אָבער זיי האָבן געהאַט אַן אײַ־

זערנעם ווילן און ער האָט קאָמפּענסירט דאָס פעלן פון דער־פאַרונג.

דורך זייביידן האָב איך זיך אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו דער־נענטערן צו די אַנדערע מיטגלידער פון דער אַרבעט־גרופּע, וואָס האָבן זיך געלערנט די אַרבעט בײַ אונדז אין דאָרף. מײַן נײַגער האָט מיך געשטויסן זיך צו זיי צו דערנענטערן און צו פאַרברענגען מיט זיי, אָבער אויך מײַן איינזאַמקייט. די איינזאַמקייט פון אַ ייִנגל אָן אַ מאַמען, אָן אַ וואַרעמער שטוב, האָט מיך געפירט אין זייער עסצימער כּדי צו טרינקען מיט זיי צוזאַמען אַ גלאָז טיי, צוצוהערן זיך צו זייערע רייד און צו פאַרברענגען אין זייער אָנגענעמער געזעלשאַפט. זייער אויפפירן זיך האָט מיך פאַרכאַפּט און, איבע־ריק צו זאָגן, אויך זייערע שטורמישע טענץ וואָס האָבן זיך גע־צויגן ביז די שפּעטע שעהען אין דער נאַכט. ס'איז געווען עפּעס נײַ, עפּעס פריש און דערקוויקנדיק אינעם קאָלעקטיוון לעבנס־שטייגער און אינעם אויפפירן זיך פון די דאָזיקע חלוצים. איצט ווייס איך אַז אויך די באַגעגעניש מיט זיי און מיט זייער וועלט האָט געווירקט אויפן אויספורעמען מײַן וועלטבאַנעם און אויף מײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.

נישט אין איין טאָג זענען אָוועקגעפאַלן אַלע מחיצות צווישן די מענטשן פון כּפר־תּבור און אָט די „גרינע" פון דער אַרבעט־גרופּע. ווי אַן אַנטשיידנדיקער ווענדפּונקט אין דער באַציונג פון מײַן פאָטער און פון מיר צו זיי האָט געדינט אַן אָוונט — אַזוי האָבן מיר אין יענע צײַטן גערופן אַ פײַערלעכע מסיבה — אָפּ־צוצייכענען אַ געוויסן התישבות־יובל פון ראש־פּינה אָדער אפשר גאָר פון כּפר־תּבור גופא. כ'געדענק שוין נישט מער גענוי. וואָס איך געדענק יאָ איז אַז דער אָוונט איז געפײַערט געוואָרן ברוב עם. אַלע אײַנוווינערס פון דאָרף האָבן אין אים אָנטייל גענומען און אויך די מענטשן פון די אַרומיקע ישובים האָבן געשטראָמט אין אונדזער דאָרף אַרײַן אויף פערד אָדער אויף וועגענער אָנגע־לאָדענע מיט געסט צום יום־טוב. אויך די מיטגלידער פון דער

אַרבעט־גרופּע, וועלכע פלעגן זיך על־פּי רוב אײַנשליסן אין זייער אָפּגעזונדערטן און אויטאָנאָמען קרײַז, זענען פאַרבעטן געוואָרן אָנטייל צו נעמען אין אָוונט. איינע פון די צענטראַלע טעמעס פון דער פֿײַערונג איז געווען די געשיכטע פון ייִדישן באַזעצן זיך אין לאַנד און צווישן די הויפּט־דערציילערס — איך שטרײַך אונ־טער דערציילערס, נישט רעדעס — איז געווען מײַן פאָטער. און כ'האָב שוין, דאַכט זיך, דערציילט אַז ער האָט געקענט דערציילן און פאַרכּישופן די צוהערערס. שעהן גאַנצע האָט מען געקענט זיצן מיט אים און צוהערן זיך צו זײַנע דערציילונגען, וואָס זענען תּמיד געווען שפּאַנענדיקע אַפילו ווען זיי האָבן געהאַט אַ שײַכות מיט פּשוטע, טאָג־טעגלעכע ענינים. יענעם אָוונט האָט ער אויס־פירלעך דערציילט וועגן די ערשטע התנחלות־יאָרן פון די ערשטע פּערצן פּויערים וואָס זענען געקומען זיך באַזעצן אויף די באָדנס פון אום־אַגאַבל, אויף די שיפּועים פון די נצרת־בערג, צפון־זײַט פון כּפר־תּבור. זײַן דערציילן, כאָטש ס'איז פול געווען מיט אַ סך פּרטים, איז געפלאָסן פרײַ און האָט פאַרמאָגט אַ גוטן הומאָר. ווען ער האָט געענדיקט רעדן האָבן אים די צוהערערס באַשאָנקען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אַלע זענען געווען באַגײַסטערט און גאַנץ באַזונדער די בחורים פון דער אַרבעט־גרופּע, וועלכע האָבן געחלומט וועגן זייער אייגענעם באַזעצן זיך. אויף צו מאָרגנס איז בײַ אונדז אין הויז דערשינען דער סעקרעטאַר פון דער גרופּע און נאָך דעם ווי ער האָט מײַן פאָטער אָפּגעגעבן אַ גרויסן דאַנק און אַ ליב פאַר זײַן הערלעכער דערציילונג, האָט ער אים געבעטן קומען אין צריף פון דער גרופּע און דערציילן פאַר אירע מיט־גלידער דעם המשך פון דער געשיכטע — וועגן דער ווײַטערדי־קער תּקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער דאָרף. מײַן פאָטער האָט מסכּים געווען און איך בין געווען גליקלעך אים צו באַגלייטן און צו זײַן איינער פון זײַנע צוהערערס. אין יענעם אָוונט, אינעם אָרעמען צריף פון די בחורים פון דער אַרבעט־גרופּע, האָב איך דערפילט אַז דאָס וואָס איז געשטאַנען ווי אַ מחיצה צווישן אונדז

ווערט אין גאַנצן אויפגעטײַעט און ס׳עפּנט זיך אַ קעגנזײַטיק שטראָמען, פרײַ פון פאַראורטלען, און אַז פאַרבאָרגענע פעדעם ווערן פאַרקניפּט צווישן מײַן פאָטער און מיר און די דאָזיקע יינגלעך. ביז דעמאָלט האָבן מיר זיך באַצויגן צום קיבוץ ווי צו אַ פרעמדער זאַך אין אַ געוויסער מאָס, און אַפילו מיט אַ ביסל חשד. און אָט זיצן מיר איצט צווישן זיי, צוזאַמען מיט די וואָס דאַרפן אויפשטעלן אַ קיבוצישן יישוב, אָן די אַלע אומגעזעענע מחיצות, וואָס זענען תמיד געשטאַנען צווישן אונדז.

ל״ה

דער שווונג, דער לעבנס־כּוח און די אויסדויער־פעיִקייט פון די קאָלעקטיוויסטישע יישובים און די געשעענישן וואָס האָבן פאַר־פלייצט דאָס לאַנד און דער אינטימער קאָנטאַקט מיט די מענטשן פון דער אַרבעט־גרופּע אין אונדזער דאָרף האָבן בײַם טאַטן אין האַרצן אויפגעוועקט אַ סך מחשבות. כ׳וויל נישט זאָגן אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אין זײַנע גרונט־קאָנצעפּציעס — זיי זענען פאַרבליבן ווי געווען — אָבער זײַן אָפנקייט צו טעאָרעטישע און פּראַקטישע חידושים האָט אים נישט דערלויבט צו בלײַבן פאַרגליווערט. ער האָט זיך נישט אײַנגעשלאָסן אין דעם וואָס איז אָנגענומען און האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם וואָס עקזיס־טירט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפון אַז זײַן אַ פויער הייסט טייל מאָל זײַן אַן עם־האָרץ און ער איז ווײַט געווען פון נתפּעל צו זײַן פון דער דאָזיקער אַנאַלאָגיע. דעריבער האָט ער אויך תמיד געזאָרגט דערפאַר, אַז זײַנע זין זאָלן באַקומען אַ געהעריקע דערציונג, פונקט אַזוי ווי ער האָט געזאָרגט אײַנ־צופירן אין זײַן באַלעבאַטישקייט אַגראָ־מעכאַנישע חידושים. איך האָב שוין דערמאָנט אַז אין זײַן גאַנצן וועזן איז ער געווען אַ גוט־באַזיצער, אָבער פון נײַעם טיפּ, פון דעם אויפגעקלערטן. כאָטש

ער האָט געהערט צו די ראשי מדברים אין זײַן דאָרף, איז אים נישט תּמיד געלונגען צו באַגײַסטערן פֿאַר זײַנע געדאַנקען די מענטשן אַרום אים. אַזאַ איז אויך געווען דער גורל פֿון זײַנע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן די מענטשן פֿון זײַן דאָרף אויף אַ קאָאָפּעראַטיווער באַזע. איצט, היות ווי ס׳איז מיט אים אין הויז נישט פֿאַרבליבן קיינער אַחוץ מיר, בין איך געוואָרן זײַן שותּף אין אַלץ — צום עול פֿון דער באַלעבאַטישקייט און צו זײַנע גײַסטיקע ראַנגלענישן ווי אויך צו זײַנע געדאַנקען. די זאַכן, וועלכע האָבן אויפֿגעוועקט מחשבות בײַם טאַטן האָבן אויך אויפֿגעוועקט מחשבות בײַ מיר. ריכטיקער געזאָגט — מחשבה־פֿראַגמענטן, דערווײַל נאָך נישט קיין אויסגעקריסטאַליזירטע, מער פֿראַגעס איידער קלאָרע און פֿאָרמולירטע תּשובות. צײַטנווײַז פֿלעג איך זאָגן צו זיך גופֿא אַז אויב דער קאָאָפּעראַטיוו און דאָס שותּפֿותדיקע באַאַרבעטן די ערד איז בעסער ווי די ריין־אינדיווידועלעווירטשאַפֿט, איז דאָך דערפֿון געדרונגען אַז דער קיבוץ איז בעסער ווי די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿט, ווי גרויס ס׳זאָלן נישט זײַן אירע מעלות, לאָזט זי איבער — ווייניקסטנס אין פּרט פֿון אייגנטום — קלאָרע אונטערשיידן צווישן איין מענטשן און אַנדערן. און אויב אַזוי — האָב איך ווײַטער נאָכגעטראַכט — ליגט אפֿשר אין קיבוץ און נישט אין דער קאָלאָניע אָדער אין „קאָלעקטיוון פֿעלד" די פֿולע תּשובה פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון לאַנד און פֿאַר די שטרעבונגען פֿון מענטשן, וואָס איז אַ געזעלשאַפֿטלעך באַשעפֿעניש הן לויט די אומשטאַנדן פֿון זײַן עקזיסטענץ, הן לויט די נטיות פֿון זײַן האַרצן? איין פֿראַגע האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַן אַנדער פֿראַגע און אַלע צוזאַמען האָבן ערשט געדאַרפֿט רײַף מאַכן אין מיר, אַ צײַט שפּעטער, מײַן תּשובה אויף זיי, אַ תּשובה, וואָס דער טאַטע מײַנער האָט אין גאַנצן נישט אין זינען געהאַט און ס׳איז אַ ספֿק צי ער וואָלט פֿון איר גליקלעך געווען. אַזוי אָדער אַנדערש — דער זאָמען איז פֿאַרזייט געוואָרן און נישט ווייניק דורך זײַנע אייגענע הענט.

נישט די אַבסטראַקטע טעאָריע, נישט דער אָפּגעריסענער וועלטבאַנעם, נײַערט די אוממיטלדיקע און קאָנקרעטע ווירקלעכ־קייט און די פראַגעס וואָס זי האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט, זיי האָבן עס אָנגעצייכנט מײַן וועג אין לעבן. אָבער אַן אַנט־שיידנדיקע ראָלע אין אויסבילדן מײַן וועלטבאַנעם האָבן אויך גע־שפּילט די ביכער און צײַטשריפטן וואָס זענען אָרײַנגעקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן. מײַן פאָטער איז געווען אַ מענטש פון דער ערד, אָבער אויך אַ מענטש פון בוך. זײַן ליבשאַפט צום געשריבענעם וואָרט האָט קיין גרענעץ נישט געהאָט. אין יעדער פרײַער שעה, אויך נאָך אַן אויסמאַטערנדיקן אַרבעטסטאָג, פלעג איך אים געפינען מיט אַ בוך אין האַנט. ער איז אויך געווען אַ פלײַסיקער לייענער פון צײַטונגען — ארץ־ישׂראלדיקע און אַמעריקאַנער אין ייִדיש. די צײַטונגען וואָס פלעגן אָנקומען צו אונדז אין הויז זענען דווקא נישט געווען קיין סאָציאַליסטישע. להיפּוך! איין מאָל אין דער וואָך, אין אַ פּעקל פון זעקס נומערן, פלעגט אָנקומען די טאָגצײַטונג „דואר היום״, רעדאַגירט דורך איתמר בן־אבי, דעם זון פון אליעזר בן־יהודה. אויף וויפל איך געדענק, איז עס געווען אַ לעבעדיקע צײַטונג, כאָטש ס'איז אָנצו־נעמען אַז ווען כ'וואָלט פון דאָס נײַ אַרײַנגעקוקט הײַנט אין די אַלטע נומערן זײַנע, איז אַ ספק צי כ'וואָלט זיך אידענטיפיצירט מיט אַ סך פון זײַנע מיינונגען. אָבער אין יענע טעג האָט די דאָ־זיקע צײַטונג אויסגעפילט אַ פּאַטריאָטישע ראָלע אין דערהויבענעם זינען פון וואָרט, זײַענדיק אין גרונט אַ דערציִערישע צײַטונג, אַ צײַטונג וואָס האָט גוט „געדעקט״ די פּראָבלעמען פון דער קאָלאָניע און די ראַנגלענישן פון אירע אײַנוווינערס. אויף אירע שפּאַלטן זענען אויך געקומען צום געהעריקן אויסדרוק די אָנ־שוויגען פון די אײַנוווינערס פון די קאָלאָניעס, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין פאַרבאַנד „בני בנימין״, אויפן נאָמען פון באַראָן בנימין דע־ראָטשילד און, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, איז כאָטש די קאָלאָניסטן האָבן זיך באַמיט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך

דעם עול פון באַראָנס פּקידים, האָבן זיי אין האַרצן אויפגעהאַלטן אַ וואַרעמע, סענטימענטאַלע באַציִונג צום „פאָטער פון יִשוב״. די דאָזיקע אונטערשיידונג איז נישט נאָר אַ פּראָדוקט פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. זי האָט אויך פּאַקטיש עקזיסטירט.

אויב דער „דואר היום״ איז געווען אונדזער טאָגצײַטונג, איז אונדזער וואָכנבלאַט געווען דער „הבוסתנאי״, אַ צײַטשריפט פון די פּויערים, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ליטעראַרישן און פּאָליטישן ניוואָ און איז רעדאַגירט געווען דורך דעם שרײַבער און לאַנדווירט משה סמילאַנסקי פון רחובות. וואָס שייך דעם וועלטבאַנעם האָב איך זיך געפילט נענטער צו די מיינונגען פון סמילאַנסקין איידער צו די מיינונגען פון איתמר בן־אבי. אויך סמילאַנסקי איז ווײַט געווען פון סאָציאַליזם, ער איז אָבער נישט געווען פרעמד צו דער אַרבעטער־באַוועגונג און צו די שטרע־בונגען פון אַרבעטנדיקן מענטשן.

אונדזער דאָרף איז געווען קליין און גאַנץ אָפּגעזונדערט — אַזוי איז ער אויך פאַרבליבן נאָך דעם ווי ס׳זענען אויסגעלייגט געוואָרן די ערשטע כבישים צו עפולה און צו טבריה — אָבער געפונען האָט זיך אין אים אַ גרויסע און ברייטע וועלט: די ביבליאָ־טעק. דאָס בעסטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור איבערגעזעצט אין עברית האָט געפונען אַ וועג צו איר. יעדער נײַ בוך וואָס איז דערשינען אין די פאַרלאַגן „אמנות״, „מסדה״, „שטיבל״, „דביר״ אָדער „מצפה״ פלעג אויי־טאָמאַטיש אָנקומען אין אונדזער ביבליאָטעק אַרײַן. נישט נאָר די שטוב נאָר אויך אונדזערע לערערס האָבן אונדז דערצויגן ליב צו האָבן דאָס בוך און דאָס לייענען, און האָבן אין דעם פּרט שטאַרק מקפיד געווען מיט אונדז כּדי זיכער צו זײַן אַז מיר האָבן געלייענט — און וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער, אַז מיר האָבן פאַר־שטאַנען וואָס מיר האָבן געלייענט — האָבן מיר געדאַרפט שרײַבן קורצע חיבורים וועגן די ביכער. דער דאָזיקער מעטאָד האָט אין אונדז אײַנגעפלאַנצט די ליבשאַפט צום בוך. ער האָט אויך פאַר־

בעסערט אונדזער פעיִקייט אויסצודריקן זיך און געגעבן אונדז אַ פעסטן פונדאַמענט פאַר אַליין־בילדונג.

דאָ און דאָרט האָב איך זיך אויך אָנגעשטויסן אויף פאַרשיידענע בראָשורן און אין אַרטיקלען פון די פאָטערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד. כ'דאַרף מודה זײַן אַז מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט זייערע שריפטן האָט מיר נישט באַגײַסטערט. די טערמינאָלאָגיע איז מיר געווען פרעמד און אין אָנהויב האָב איך זיי געלייענט אָן שום אינטערעס. ביסלעכווײַז אָבער איז די פרעמדקייט פאַרשוווּנדן און אויף איר אָרט איז געקומען דאָס פאַרשטיין, און מיט דער צײַט — אויך דאָס אידענטיפיצירן זיך.

פון צײַט צו צײַט פלעגן אין אונדזער דאָרף אַראָפּקומען מענטשן פון דער קיבוצישער התישבות און האָבן אונדז געגעבן רעפעראַטן אויף פאַרשיידענע טעמעס. מײַן פאָטער, וואָס איז געווען דורשטיק נאָך וויסן און האָט ליב געהאַט צו קאָנפראָנטירן זײַנע אָנשויונגען מיט אַנדערע אָנשויונגען, פלעג נישט פאַרפעלן קיין שום רעפעראַט. דאָס רוב פלעג איך מיטגיין מיט אים אָדער כּדי צו הערן ווי אַזוי ער שטעלט פראַגעס און דיסקוטירט, אָדער כּדי זיך צו טוישן מיט אים מיט די אײַנדרוקן. איינער פון די רעפעראַטן וואָס האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין האַרצן איז געווען דער רעפעראַט פון בן־ציון ישראלי פון כּנרת, וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט זײַן אויסדרוקקראַפט, האָט אָבער פאַרכאַפּט די צוהערערס מיט זײַן אויפריכטיקייט און מיט זײַן אידענטיפיצירן זיך מיטן לעבנס־שטייגער וואָס ער האָט געפּריידיקט, אַ לעבנס־שטייגער וואָס ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן אים צו פאַרווירקלעכן. כּמעט אַלע מענטשן פון כּפר־תּבור האָבן זיך פאַרזאַמלט אין באַשיידענעם פאָלקסהויז (בית־עם), כּדי זיך צוצוהערן צו זײַנע רייד. אין יענעם רעפעראַט האָט ער זיך ברייט אָפּגעשטעלט אויף דער פאַרבינדונג צווישן זײַן קבוצה כּנרת מיט אונדזער דאָרף כּפר־תּבור. ער האָט

אונטערגעשטראָכן דאָס געמיינזאַמע וואָס זיי האָבן צווישן זיך, האָט זיך אָבער נישט אָפּגעהאַלטן אָנצוווייַזן און צו אַנאַליזירן דאָס וואָס צעשיידט זיי. דער פאַרגלייַך האָט בייַ מיר אַרויסגערופן גרויס אינטערעס און נאָך אַ לאַנגע צייַט שפּעטער פלעג איך וועגן דעם נאָכטראַכטן.

ל״ו

אַזוי ווי דאָס רוב פון די יונגע איינוווינערס פון די קאָלאָניעס אין יענע צייַטן, בין איך אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג „בני בנימין", די אָרגאַניזאַציע פון די קינדער פון די אַלטע קאָלאָניעס. ווען די דאָזיקע באַוועגונג איז אונטערגעגאַנגען, האָב איך גענומען די איניציאַטיוו און צוזאַמען מיט אַנדערע חברים אין מייַן עלטער האָבן מיר אויפגעשטעלט אין מסחה אַ סניף פון „המכבי הצעיר". מיר האָבן אין „המכבי הצעיר" ראשית כּל געזען אַ ספּאָרטפאַראיין און נישט קיין פּאָליטישן פאַראיין, אַ צוגאַנג וואָס האָט געשטימט מיטן געדאַנקען־גאַנג פון די מענטשן פון כּפר־תּבור. און דאָך איז כאַראַקטעריסטיש אַז מיר האָבן אויסגעקליבן דווקא דעם „מכבי הצעיר" און נישט דעם „מכבי", היות ווי דער ערשטער האָט אויך געהאַט געוויסע אידעישע פּרינציפּן וואָס מיר האָבן נישט געפונען אינעם אַנדערן. כאָטש מיר האָבן דעמאָלט נישט געוואָלט צושטיין צו אַ באַוועגונג מיט אַ געוויסער פּאָרמולירטן וועלטבאַנעם, זענען מיר כּלל נישט געווען פרעמד צו אידעאָלאָגישע שטרעבונגען און דאָס אויסקלייַבן דעם „מכבי הצעיר" איז ווייַט נישט געווען קיין צופעליקייט. צווישן באַוועגונגען האָבן קאָנקורירט צווישן זיך כּדי צו געווינען אונדזערע צאַרטע נשמות, בית״ר און „הנוער העובד". ווי געזאָגט, האָבן מיר גאַנץ אַליין געגרינדעט אַ סניף פון „מכבי הצעיר", וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מכבי משה", אויפן נאָמען פון

משה קלעמענטינאָווסקי, פון כּפר־תּבור, וואָס איז געפאַלן אין אַ שלאַכט, וועלכע וועט דאָ באַשריבן אין אַן אַנדער קאַפּיטל. נישט צופעליק האָבן מיר אויסגעקליבן דעם נאָמען. מיר האָבן געוואָלט אַן אייגענעם העלד, איינעם וואָס האָט געלעבט, גע־אַרבעט און איז געפאַלן אויף אונדזער ערד. דער סניף האָט איינגעטיילט אונדזערע טעטיקייטן אין ספּאָרטיווע — אַזעלכע זע־נען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אין טבריה — און אַזעלכע וואָס מ׳פלעגט אין די יוגנט־באַוועגונגען אָנרופן „דערציערישע טעטי־קייטן". ווען די צענטראַלע פון „מכּבי הצעיר" האָט זיך דערוווּסט אַז אין אונדזער דאָרף איז געגרינדעט געוואָרן אַ סניף פון זייער אָרגאַניזאַציע, האָט זי אָנגעהויבן צוצושיקן צו אונדז ליטע־ראַטור פון „מכּבי הצעיר", וועלכער איז, ווי געזאָגט, אידעאָלאָ־גיש נאָענט געווען צו דער התישבות, צום קיבוץ און צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. אויך די דאָזיקע פּובליקאַציעס האָבן אויף אונדז געווירקט און אונדז דערנענטערט צום געדאַנקען־גאַנג פון דער אַרבעט־באַוועגונג.

דער קריזיס אין מײַנע באַציונגען מיט „מכּבי הצעיר" איז פאָרגעקומען בעת איינער פון די וויכטיקע אימפּרעזעס פון דער „מכּבי"־באַוועגונג, אין איינער פון די „מכּביות", אין דער ער־שטער, אויב כ׳בין זיך נישט טועה. בעת דער „מכּביה" וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין תּל־אביב איז אויך פאָרגעקומען אַ וועלט־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג פון „מכּבי הצעיר". אויף דער קאָנפערענץ זענען תּחילת דערשינען צוויי פּראַקציעס: די אויסדריקלעך רעכטע ספּאָרטפּראַקציע און די התישבות־פראַקציע. אויף דער קאָנפערענץ האָט אויך גענומען אַ וואָרט יוסף ברץ פון דגניה א׳, וואָס האָט שטאַרק דיסקוטירט מיט דער בירגערלעכער ספּאָרטפּראַקציע, אַזוי ווי מ׳האָט זי דעמאָלט גע־פלעגט רופן. אָבער נישט ברצעס רייד האָבן אויף מיר געווירקט, נאָר אַ זײַטיק און אין פלוג מינערוויכטיק געשעעניש האָט ענד־גילטיק באַשטימט מײַן באַציונג צו דער דאָזיקער באַוועגונג. אויף

דער פּײַערלעכער דערעפענונג־זיצונג פון דער אַלגעמיינער קאָנ־
פערענץ איז אויף דער בינע אַרויף איינער פון די מיטגלידער פון
צענטראַל־קאָמיטעט פון „מכבי", אַ דערוואַקסענער מענטש, און
האָט אָנגעהויבן רעדן. נאָך איידער דער דאָזיקער פּאַרשוין האָט
געעפנט דאָס מויל, איז ער מיר שוין נישט געפעלן געוואָרן. אויף
דער בינע איז געשטאַנען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אָנגעטאָן
אין גלאַנציקע ווײַסע, שיין אויסגעפרעסטע הויזן, מיט אַ ספּאָרט־
קראַוואַט און מיט אַן אויפרײַסנדיקער „מכבי"־עמבלעם אויף דער
רעכטער קעשענע פון זײַן זשאַקעט. דער מענטש האָט גערעדט
וועגן ספּאָרט, וועגן דעם ווערט און דער וויכטיקייט פון ספּאָרט.
אָבער עפּעס בפירוש נישט ספּאָרטיווס איז געווען אין זײַן גאַנצן
דערשײַנען. ווי געזאָגט, איז עס נישט געווען קיין יונגער מענטש
און אויך נישט קיין באַזונדערס פעסטער. ער האָט געהאַט אַ גרויסן
אויפגעבלאָזענעם און אַראָפּפּאַלנדיקן בויך און אויך דאָס, מוז
איך צוגעבן, האָט אין מיר אויפגעוועקט אַ מין קעגנערשאַפט צו
אים, מחמת נישט אַזאַ האָב איך געוואָלט זען ווי דעם אָנפירער
פון אַ ספּאָרט־באַוועגונג. אָבער נישט זײַן אויסערלעך אויסזען
האָט מיך געעקלט און אַרויסגערופן בײַ מיר אַ צאָרן אויף אים
און אויף דער באַוועגונג וואָס ער האָט פאַרטראָטן, נאָר עפּעס
אַנדערש: געווען איז עס אַ געוויסער אָפּזאָץ אין זײַן רעדע וואָס
האָט מיך ממש אויפגעהויבן. נאָך דעם ווי ער האָט אין אָנהויב
פון זײַן רעדע אָפּגעגעבן כּבוד דעם פּאַטריאָטיזם מיט עטלעכע
אויסגעדראָשענע ווערטער, איז ער דערגאַנגען צום עיקר, און
דער עיקר איז געווען, אַז מיר, יונגע, דאַרפן זיך אַראָפּנעמען
אַ בײַשפּיל פון די „שוואַרצע העמדלער" פון דער איטאַליענישער
פאַשיסטישער פּאַרטיי, ווײַל זיי זענען עס דער אמתער מאָדעל
פון פּאַטריאָטיזם, פון אײַזערנער דיסציפּלין און פון קרבנות־
גרייטקייט פאַרן פאָטערלאַנד. „פון זיי", האָט ער געדונערט,
„דאַרפן מיר לערנען און אין זייער ליכט דאַרפן מיר גיין..." ווײַ־
טער האָב איך מער נישט געהערט, ווײַל ווי נאָר די דאָזיקע

ווערטער זענען אַרויס פון זײַן מויל, בין איך אויפגעשפּרונגען פון מײַן אָרט און האָב זיך אַרויסגעריסן אין דרויסן, צו דער ריינער לופט.

כ'בין קיין מאָל נישט צוגעשטאַנען צו אַן אַנדער יוגנט־באַוועגונג, כאָטש זײַענדיק אַ תּלמיד אין „כּדורי" האָב איך די מערסטע שעהען פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון פּרעכטיקע בחורים, אַרויסגעקומענע פון „הנוער העובד" און פון די „מחנות העולים". מיט אָט די בחורים בין איך שפּעטער געגאַנגען אין קיבוץ אַרײַן. אָבער אין „כּדורי" גופא, יעדער מאָל ווען ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע וואָס מיר וועלן טאָן ווען מיר וועלן ענדיקן די שולע און וואָהין מיר וועלן זיך ווענדן, פלעג איך ענטפערן: מײַן אָרט איז אין כּפר־תּבור, איך האָב ליב מײַן דאָרף און בין צוגעבונדן צו מײַן טאַטנס באַלעבאַטישקייט. אין ערשטן יאָר, לכל־הפּחות, האָב איך זיך פעסט געהאַלטן בײַם דאָזיקן געדאַנק. ערשט אין צווייטן יאָר איז פאָרגעקומען דער רוק — כאָטש נאָך נישט דער קער — ווען דער אידעאָלאָגישער מאָטיוו האָט אָנגעהויבן צו קאָנקורירן אין מיר מיטן נאַטירלעכן סענטימענט. די געזעלשאַפט־לער־מאָראַלישע אייגנאַרטיקייט פונעם קיבוצישן לעבנס־שטייגער, דער **איכותדיקער** לעבנס־ניוואָ, די גלײַכוווערטיקייט פון מענטשן און די קעגנזײַטיקע ערבות וואָס הערשן אין קיבוץ אַזוי ווי אין קיין שום אַנדערער געזעלשאַפטלעכער קערפּערשאַפט — דאָס אַלץ איז פאַר מיר געוועזן אַ באַווײַז, אַז די **אַנדערע געזעלשאַפט**, די וועגן וועלכער ס'האָבן געחלומט די וועלט־רעפאָרמאַטאָרן אין אַלע דורות, איז נישט קיין אוטאָפּיע נײַערט אַ לעבעדיקע, קאָנקרעטע רעאַליטעט, וואָס ווערט פאַרווירקלעכט פאַר מײַנע אויגן.

פון טאָג צו טאָג האָט זיך בײַ מיר פאַרשטאַרקט די איבערצײַגונג אַז דער וועג פון קיבוץ אין ישוב, אין פאָלק און אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז דער ריכטיקער, און פון טאָג צו טאָג איז אין מיר געוואַקסן דער באַגער זיך אָנצושליסן אין אים. אין יענער צײַט האָט זיך אויך וואָס אַ מאָל מער פאַרפעסטיקט

מײַן קאָנטאַקט מיט די אַלטע קיבוצים און מיט זייער יוגנט. מיר פלעגן רעגולער אײַנאָרדענען חברישע טרעפונגען, בשותּפותדיקע אַקטיוויטעטן — טענץ, שפּאַצירן, שמועסן. איין מאָל אָדער צוויי בין איך אויך געווען אויף צוזאַמענפאָרן פון די זין פון די קאָלאָניעס פון אונטערשטן גליל, אין וועלכע מיר האָבן געזוכט וועגן ווי אַזוי צו פאַרבעסערן אונדזערע יישובים. אויף די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן האָב איך געקענט זען אַז יעדער וועג וואָס מיר ברענגען אַרויף אויפן געדאַנק טרעפט זיך סוף־כּל־סוף אָן מיטן קאָלעקטיוויזם. אידעאָלאָגיש בין איך שוין געווען רײַף צו אַנטשיידן, אָבער אין די טעג, וועגן וועלכע מיר רעדן איצט, איז נאָך די אַנטשיידונג נישט געפאַלן.

ל״ז

די בלוטיקע געשעענישן אין לאַנד האָבן זיך פאַרשאַרפט. די דירעקציע פון „כּדורי״ האָט באַשלאָסן איבערצורײַסן די לימודים אויף עטלעכע חדשים און צוריקשיקן די תּלמידים אין זייערע היימען. ווען כ׳בין צוריקגעקומען, האָב איך זיך אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט אין דער באַלעבאַטישקייט פון מײַן פאָטער, וואָס האָט דעמאָלט איינער אַליין געטראָגן דעם עול פון דער גרויסער ווירטשאַפט, היות ווי אַלע אַראַבישע פאַכטערס זענען אַנטלאָפן אין זייערע דערפער. פון איצט אָן האָב איך געדאַרפט צעטיילן מײַן צײַט צווישן אַ פולער אַרבעט אין דער ווירטשאַפט און אַ פולן דינסט בײַם פאַרטיידיקן די קאָלאָניע און אירע פעלדער.

דאָס איז געווען אין יאָר 1936, אין וועלכן ס׳איז פאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דעם חיל־נוטרים (פּאָליציי פון יידישן יישוב). צוזאַמען מיט אַנדערע יונגע־לײַט אין מײַן דאָרף האָב איך זיך פרײַוויליק געמאָלדן צו דינען אין דער דאָזיקער פּאָליציי־פאָרמאַציע. אין די מונדירן, און באַזונדערס אין דעם ברוינעם

טשערקעסישן קאַלפּאַק האָבן מיר אויסגעזען גאַנץ מאָדנע. מיר זענען אָבער שטאָלץ געווען מיט דער ענגלישער ביקס וואָס מיר האָבן באַקומען, אַ נייַע און גלאַנציקע ביקס מיט אַ מאַגאַזין מיט צען קוילן און אַ רעזערוו פון נאָך 50 קוילן אין כאַקי־בײַטל. פאַר די באַגריפן פון יענע יאָרן איז עס געווען אַ גאַנצער אַר־סענאַל.

די צערעמאָניע פון אײַנשווערן אונדז איז פאָרגעקומען אין עפולה און ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אַהיים אַ שטאָלצער און פריילעכער, האָב איך אויפגעהאַנגען מײַן ביקס אויף אַ האָק אויף דער וואַנט פון צימער. מײַן טאַטע האָט זיך אײַנגעקוקט אין מיר, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, אָבער מ׳האָט אָנגעזען אַז ער פרייט זיך מיט מײַן פרייד. אויך ער האָט געהאַט אַ ביקס, אַ דײַ־טשישע, נאָר זי האָט ער נישט געקענט אויפהענגען אויף דער וואַנט, ווײַל דאָס איז דאָך געווען אַן אומלעגאַלע ביקס.

מיט איין מאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר: „געדענקסט די ביקס וואָס משה האָט געבראַכט מרדכין? די ביקס פונעם מלחמה־רויב וואָס די טערקן האָבן פאַרכאַפּט?”. שוין פון דער פראַגע גופא האָט מען געקענט וויסן וואָס ער פילט: די היס־טאָריע פון די פײַקאָוויטשעס חזרט זיך איבער, איין ברודער נאָכן אַנדערן, און זיי אַלע גייען אין טאַטנס וועג און האַלטן געווער אויף צו פאַרטיידיקן זיך. איצט איז געקומען די ריי אויף דעם יינגסטן זון, וועלכער איז אויך געווען דער יינגסטער אין דער אָרטיקער נוטרים־איינהייט.

די טעג זענען געווען געווידמעט דער אַרבעט אין פעלד און אין דערווירטשאַפט, אין די נעכט — דער שמירה אויפן דאָרף און זײַנע פעלדער. אין איינעם אַ טאָג, אין אַ פריער נאָכמיטאָג־שעה, האָט זיך דערהערט אַן אַלאַרעם־רוף. כ׳האָב געכאַפּט די ביקס און בין געלאָפן צום צענטער פון דאָרף. דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז מ׳איז אָנגעפאַלן אויף צוויי פון אונדזערע חברים, וואָס האָבן געהאַלטן שמירה אין די פעלדער פון דער קאָלאָניע

און מע דאַרף זיי שנעל צושיקן אַ פאַרשטאַרקונג. אָן אָרדענונג און אָן אָרגאַניזירן זיך, יעדער לויט זײַן טעמפּאָ, זענען מיר געלאָפן אין דער ריכטונג פון וואַדי שאַראַר, אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער דרום־זײַט פון דאָרף. אין דער איילבירט־פּלאַנטאַציע, נאָענט צום וואַדי האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט צו דער שלאַכט. אומבאַוווּסטזיניקערהייט האָב איך זיך דערמאָנט אַז נישט ווײַט פון דעם וואַדי איז פאַרווונדעט געוואָרן מײַן ברודער צבי אין 1920, יאָגנדיק זיך נאָך רויבערס. מיר האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי אָפּטיילן: בראש פון איינער איז געווען דער קאָמענדאַנט פון דאָרף מ. י. כּהן, און בראש פון דער צווייטער — איך. ער האָט געעפנט אַ פײַער צו דעקן מיך, ווי אויך פיר פון אונדזערע, אַלע עלטער פון מיר, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף די אַנגרײַפערס. די כּנופיה, דעקנדיק איינער דעם אַנדערן, האָט זיך צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג צום באַוווּסטן וואַדי בירא און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פון דער אָנקומענדיקער נאַכט. פאַר דער צײַט האָבן זיך אין דאָרף גופא אָרגאַניזירט די עלטערע, צווישן זיי מײַן פאָטער, צו פאַרטיידיקן די קאָלאָניע, ווײַל ס'איז געווען אַ חשש זי זאָל אַנגעגריפן ווערן פון דער צווייטער זײַט. האַרט פאַרן סוף פון דער שלאַכט איז צו אונדז אויך געקומען אַ פאַרשטאַרקונג פון דער פּאָליציי אין עפולה. צוזאַמען מיטביידע באַפאָלענע שומרים האָבן מיר זיך אומגעקערט אין דאָרף אַרײַן געזונטע און גאַנצע און אויך שטאַרק צופרידענע. אויף מאָרגן זענען מיר צוריקגעגאַנגען צום אָרט פון דער שלאַכט און אַנטפּלעקט דאָרט אַ סך בלוטפלעקן. מיט דער צײַט האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז איינער פון די כּנופיה־לײַט איז אין דער שלאַכט דערהרגעט געוואָרן און אַ צווייטער פאַרווונדעט געוואָרן. דער נצחון איז געווען אַ פולער און פול איז אויך געווען די פרייד וואָס ער האָט אונדז פאַרשאַפט.

פון צײַט צו צײַט פלעגן די כּנופיות אונטערצינדן די פעלדער מיט דער צײַטיק געוואָרענער תּבואה. ווי דער קאָמענדאַנט

פון דער באַוועגלעכער אָרטיקער איינהייט, האָב איך געדאַרפט שנעל לויפן מיט מײַנע מענטשן צו די ווײַטע פעלדער וואָס ברע־נען און זיך פאַרנעמען מיטן לעשן דאָס פײַער. מיר האָבן געהאַט אין אונדזערע הענט גאַנץ פּרימיטיווע מכשירים צום לעשן, און דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער געפאַר. דאָס פײַער האָט אונדז באַלויכטן און אונדז אויסגעשטעלט פאַר אַ בולטן און באַקוועמען אָביעקט פאַר די קוילן פון די מערדער־כּנופיות. און דאַך זענען אויף אונדז, בעתן לעשן, אָפּגעגעבן געוואָרן בלויז איין אָדער צוויי מאָל עפעקטיווע שאָסן. דער טאַטע, וואָס האָט אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער פאַרטיידיקונג פון דער קאָלאָניע, איז שטאָלץ געווען מיט מײַנע אויפטוען, האָט אָבער שטאַרק גע־ציטערט פאַר מײַן לעבן. דאָס האָט זיך אין אים אָנגעזען נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט אַלץ געטאָן נישט אַרויסצוווײַזן זײַנע געפילן. ווען כ׳פלעג אַרויסגיין צו אַן אַקציע, פלעג ער מיך באַגלייטן. ער האָט אָבער קיין מאָל נישט געפּרוווט מיך אָפּהאַלטן.

די צײַט האָט געטאָן דאָס איריקע. עטלעכע יאָר פריער, פאַר די געשעענישן פון 1929, ווען כ׳בין אַלט געווען עלף יאָר, איז אונדזער דאָרף באַפאַלן געוואָרן און דער טאַטע האָט געכאַפּט די ביקס און איז געלאָפן אויף זײַן פּאָזיציע. איידער ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז האָט ער מיך דורכן לייטער אַרויפגעבראַכט אויפן בוידעם, האָט מיר געגעבן אין האַנט אַרײַן אַן אָנגע־שאַרפטע האַק כ׳זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן, האָט מיך באַזאָרגט מיט שפּײַז און וואַסער און געזאָגט: „דו וועסט פאַרבלײַבן אויפן בוידעם ביז כ׳וועל צוריקקומען״. כּדי צו פאַרבאָרגן מײַן באַהעל־טעניש האָט ער אַוועקגענומען דעם לייטער און אים אַוועקגע־שטעלט אויפן הויף. אַזוי האָט ער געטאָן אַ סך מאָל. איך פלעג פאַרבלײַבן אין דער פינצטער אויפן בוידעם, פלעג פּרוּוון טרעפן, לויט די שאָסן, ווי אַזוי די שלאַכט גייט אָן. טייל מאָל פלעג איך אַנטשלאָפן ווערן, אָדער זיך ראַנגלען מיטן פּחד ביז זײַן צוריק־קומען. מיטן מאָרגן־שטערן פלעג ער זיך באַווײַזן און מיך אַרונ־

טערנעמען פון בוידעם. ער פלעג זײַן צופרידן ווען כ׳האָב אים געזאָגט אַז כ׳בין גוט געשלאָפן און איך בין געווען גליקלעך אים צו זען אַ געזונטן און אַ גאַנצן און צו הערן פון אים אַז די אָנפאַלן זענען אָפגעשטויסן געוואָרן און אַז כ׳האָב נישט באַדאַרפט זיך באַנוצן מיט דער האַק. בײַם עצם געדאַנק אַז כ׳וועל זיך דאַרפן מיט איר באַנוצן פלעג אַ שוידער אַריבער דורך מײַן לײַב. אין די דאָזיקע נעכט אויפן בוידעם האָב איך געציטערט פאַר זײַן לעבן און קיינער איז מיט מיר נישט געווען צו טיילן מײַן מורא; איצט, אין 1936, האָבן זיך געביטן די יוצרות און ער איז פאַרבליבן אין דער היים און געציטערט פאַר דעם וואָס קען מיר געשען.

מײַנע חברים און איך האָבן געטאָן וואָס מיר האָבן געדאַרפט טאָן. ס׳איז אונדז אָפילו נישט אײַנגעפאַלן אַז מיר מאַכן געשיכטע. מיר האָבן פשוט געטאָן דאָס וואָס ס׳האָבן אונדז דיקטירט די ווירקלעכקייט און די הגנה־באַדערפענישן און דעריבער בין איך דערשטוינט געוואָרן ווען ס׳איז מיר אין איינעם אַ טאָג קלאָר געוואָרן, אַז מיר זענען געווען פון די ערשטע וואָס „זענען אַרויס פון דער צוים״, בעת קיינער האָט אונדז נישט געהייסן טאָן אַזוי, און די ערשטע צו פירן שלאַכטן אין אָפענע פעלדער לויט דער בעסטער טאַקטיק פון יענע טעג. דער קאָמענדאַנט פון אונדזער דיסטריקט נחום שדמי (קרעמער), פון נחמיה, וואָס האָט אַרײַנגעלייגט אַ סך אָנשטרענגונגען און גרויס טאַלאַנט אין אויסאיבן אונדז, איז שטאָלץ געווען מיט זײַנע חניכים, אויב מ׳דאַרף גלייבן וואָס ער האָט געזאָגט, און מיר זענען, פאַרשטייט זיך, גליקלעך געווען אים צו גלייבן.

ל״ח

אין פרילינג 1937 האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט יצחק שדה, דעם מענטש, וועלכער האָט שפּעטער געדאַרפט שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין מײַן לעבן. געווען איז עס אין אַ ברע־

נענדיקן טאָג פון דרעשן. קיין אַראַבישע „שקצים" זענען נישט געווען — זיי האָבן אַלע געמאַכט פּיס און זענען אַנטלאָפן נאָך איידער ס'איז געהערט געוואָרן דער ערשטער שאָס. האָב איך אַליין געמוזט דרייען דעם דרעשאײַזן אין מײַן טאַטנס שײַער. דאָס איז געווען אַ נודנע אַרבעט, וואָס שלעפּערט אײַן דעם מוח און טעמפּט אָפּ די חושים. דו קענסט זיך נישט אַרײַנטאָן אין איר און אַרײַנקלערן אין איר קענסטו אויך נישט. דו קענסט זיך נאָר אַרומדרייען אַרום און אַרום ווי דו וואָלסט געווען אַן אויטאָמאַטיש ראָד. און אָט, בעת איינער פון די „הקפות", איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן דער ייִנגסטער זון פונעם קאָמענדאַנט פון דער קאָלאָניע.

„מ'רופט דיך זאָלסט תּיכּף קומען צו מײַן טאַטן אין הויז אַרײַן" — האָט ער אַ פּאַרסאָפּעטער אויסגעשריען — „ס'איז אָנגעקומען אַ הויכער קאָמענדאַנט פונעם צענטער פון דער ,הגנה'."

כ'האָב אָוועקגעלייגט דעם דרעשאײַזן און בין געלאָפן אין הויז פון מײַן קאָמענדאַנט. כ'האָב געפונען פאַר זיך אַ הויכן, ברייטפּלייציקן, מוסקולירטן מאַן, מיט אַ נטיה דיק צו ווערן, מיט אַ פּליך און אַ פעטן בײַל אויפן שטערן. ער האָט געטראָגן קורצע הייזלעך, הויכע גרינע ספּאָרטזאָקן, ווי ס'איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. זײַן העמד איז, געדענק איך, געווען אַ העלס מיט אַרויפגעוויקלטע אַרבל. און אַזוי, ווי כּדי פול צו מאַכן דאָס נישט פריילעכע בילד, האָט ער נאָך געטראָגן ברילן.

„זײַ באַקאַנט מיט יצחק שׂדה" — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט — „ער איז געשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן בײַ אונדז אַ באַוועגלעכע פעלד־אָפּטיילונג."

מיר האָבן זיך געגעבן די הענט און כ'האָב נישט געקענט פאַרבאַהאַלטן מײַן צעמישונג און אַנטוישונג פון דעם „הויכן קאָמענדאַנט" פון דער „הגנה". כ'געדענק שוין נישט די ערשטע ווערטער. כ'געדענק אָבער קלאָר זײַן נידעריקע און אַ ביסל הייזעריקע

שטים, ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל אויפצוקלערן צו וואָס ער איז געקומען. „די הגנה־אָנפירונג האָט באַשלאָסן אויפצו־שטעלן אַ באַוועגלעכע לאַנדאייַנהייט וואָס וועט הייסן פו״ש (פלוגות־שדה — פעלד־קאָמפּאַניעס). איך וועל זײַן דער קאָ־מענדאַנט פון דער דאָזיקער אייַנהייט. די מיטגלידער פון פו״ש וועלן זײַן אונטערגעוואָרפן אַ לאַנד־אויטאָריטעט און וועלן געשיקט ווערן אין יעדן אָרט ווו מ׳וועט דאַרפן אַזאַ כּוח. איך נעם אָן אַז די יונגע־לײַט פון כּפר־תּבור, וואָס וועלן זיך פרייַוויליק מאָ־ביליזירן אין פו״ש, וועלן פאַרבלײַבן אין גליל. דער גליל נייטיקט זיך אין אַ פאַרטיידיקונג־כּוח. צי ביסטו גרייט זיך פרייַוויליק צו מאָביליזירן? צי האָסטו חברים וואָס וועלן גרייט זײַן דערצו?״

כ׳האָב שוין געזאָגט אַז דער ערשטער אײַנדרוק וואָס דער מענטש האָט אויף מיר געמאַכט איז נישט געווען קיין איבעריק באַגײַסטערנדיקער. בעת ער האָט גערעדט, האָב איך זיך גע־טראַכט: ווער איז ער אָט דער פליכעוואַטער מאַן מיט די ברילן און אָן ציין, וואָס האָט די העזה צו קומען צו אונדז און לערנען אונדז מלחמה פירן. **אונדז**, וואָס מיר האָבן שוין צו פאַרשרייַבן אויף אונדזער קרעדיט אַזוי פיל אײַנדרוקפולע קאַמף־אָפעראַציעס. דער געדאַנק וועגן וועלכן ער האָט גערעדט האָט מיר, וואָס אַן אמת, צוגעצויגן און אַפילו גאַנץ שטאַרק, אָבער נישט דער מענטש. און דאָך האָב איך שנעל געענטפערט:

„יאָ, איך בין גרייט. וואָס דאַרף איך טאָן?״

„זאַמל צונויף אין אָוונט עטלעכע פון דײַנע חברים און מיר וועלן אַרויסגיין אויף אַ נאַכט־איבונג.״

די דאָזיקע זאַכלעכע תּשובֿה איז מיר געפעלן געוואָרן. כ׳בין צוריקגעגאַנגען אין שײַער, כּדי צוריקצופירן די פּרדות אין שטאָל אַרײַן. אין דער היים האָב איך דערציילט דעם טאַטן וועגן דער מאָדנער טרעפונג מיט דעם אויסטערלישן מענטשן. דער נאָמען גופא, יצחק שׂדה, האָט אים גאָרנישט געזאָגט.

„האָסט מסכּים געווען?״

„יאָ.“

„גוט“ — האָט ער געזאָגט, ווי פאַרויסגעזען, היות ווי ער האָט קיין מאָל נישט געפּרוּווט זיך צו שטעלן אין מײַן וועג.

אָוונט צו האָט זיך אין עק פון דאָרף פאַרזאַמלט אַ קליינע גרופּע יוגנט און יצחק שׂדה האָט זיי אויפגעקלערט דעם גאַנג פון דער איבונג:

„מיר וועלן אַרויסגיין דורכן וועג אין דער ריכטונג פון אַראַ־בישן מוגרבי־דאָרף. אַן ערך פיר און אַ האַלבן קילאָמעטער פון דער קאָלאָניע. מיר וועלן אויפשטעלן אַ לויערונג אין דער נאָענט פון דאָרף. איך האָף אַז מיר וועלן זיך אָנשטויסן אין אַ כּנופיה אָדער בײַ איר אַרויסגיין צו אַן אַקציע אָדער בעת איר צוריקציען זיך. דאָס איז עס.“

זײַנע רייד זענען געווען קורצע, פעסטע און קלאָרע. מיר זענען געווען איבערראַשט — ביז איצט האָבן מיר נאָך אַזאַ זאַך נישט געמאַכט. דער אויסשפּירער האָט באַקומען אַ באַפעל צו גיין פאַר אונדז און יצחק שׂדה האָט געפירט נאָך אים די קליינע קאָלאָנע. אַזוי ווי ער איז געווען אַ קורצזיכטיקער, האָט ער נישט אויסגעמיטן קיין שום שטיין אויפן וועג און דער רעש וואָס ער האָט אַרויסגערופן האָט אָפּגעהילכט ווײַט אַרום אין קעגנזאַץ צו אַלע כּללים פון אַרײַנגנבענען זיך בײַ נאַכט. אויך דער דאָזיקער מאַרש האָט אים נישט צוגעגעבן קיין צויבער אין מײַנע אויגן. נישט אַזוי די גרויסע זיכערקייט מיט וועלכער ער האָט געשפּאַנט פאַרויס, אַ זיכערקייט וואָס האָט אַרויסגערופן צוטרוי צום מענטשן וואָס האָט געשפּאַנט פאַר אונדז און האָט אונדז געפירט ווײַט איבער די שטרעקעס, איבער וועלכע מיר זענען געווען צוגעוווינט צו גיין, שטרעקעס וואָס אויך זיי זענען כּלל נישט געווען מבטל צו מאַכן. מיר זענען צוגעקומען צו אַן אָרט און ער האָט אונדז געהייסן אויפשטעלן אַ לויער און פאַרזיכערן די זײַטן. „על כּל צרה שלא תבוא“, האָט ער געזאָגט. שווײַגנדיק האָבן מיר זיך אָוועקגעלייגט אינעם לויער מיט אַ תּפילה אין האַרצן אַז די

כּנופיה זאָל דערשײַנען. אָבער די תּפילה אונדזערע איז יענע נאָכט נישט געענטפערט געוואָרן. די לײַט פון דער כּנופיה האָבן זיך נישט באַוויזן. ווען די צווייטע אשמורה איז אַוועק, האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו שיסן עטלעכע מאָל אין דער לופטן אין דער ריכטונג צום דאָרף. מיר האָבן געטאָן ווי ער האָט באַפוילן.

„גייט צוריק" — האָט ער געזאָגט און די קליינע קאָלאָנע האָט זיך גענומען אומקערן.

איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן מיר שוין געשפּרײַזט איבער דער הויפּטגאַס פון דאָרף און זענען פאַרשוווּנדן אין דער „באַזע" — אין הויף פון אונדזער הויז. מיר האָבן צונויפגעקליבן טרוקענע ווײַנצווײַגלעך און אָנגעצונדן אַ קליינעם שײַטער. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום אים און יצחק האָט אָנגעהויבן צו רעזומירן די געניטונג:

„אויב מיר וועלן זיך אַרומדרייען איבער די סטעזשקעס, לויערן אויף זיי און וועלן שיסן אין זייערע באַזעס, צי מיר וועלן זיך אָנשטויסן אין זיי אָדער נישט, וועלן די אַראַבער אויפהערן זײַן די האַרן פון דער נאַכט. דער מענטשן־כּוח וואָס מיר באַדאַרפן צו די פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס וועט פאַרקלענערט ווערן. אויב מיר וועלן וויסן ווי אַזוי צו בײַטן פון צײַט צו צײַט אונדזער טאַקטיק און ס'וועט אונדז געלינגען יעדער מאָל זיי צו איבער־ראַשן פון דאָס נײַ, וועלן זיי אַריבערגיין צו אַ דעפענסיווע כּדי צו פאַרטיידיקן זייערע יישובים. מיר וועלן נישט גיין אין די וועגן פון מאָרד און וועלן נישט אָנווענדן קיין פּערזענלעכן טעראָר. מיר וועלן אָבער זיי אויפצווינגען זיך צו פאַרטיידיקן. דאָס איז אין קורצן די גאַנצע תּורה."

די תּורה איז געווען אַ פּשוטע און פּשוט זענען אויך געווען די ווערטער: קלאָר, פאַרשטענדלעך, צו דער זאַך. געדאַנקען־שפּליטערס, וואָס האָבן זיך שוין אַ לאַנגע צײַט געבאַמבלט אין אונדזערע קעפּ, האָבן זיך מיט איין מאָל אויסגעקריסטאַליזירט צו אַ פולער דאָקטרין. ס'האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען אַ הער־

לער געפיל און מיר האָבן אינסטינקטיוו געוווּסט אַז דאָס איז דער מענטש. די מחיצות און די באַוואָרענישן פון ערשטן מאָמענט זענען פאַרשוווּנדן. דערווײַל האָט מען אונדז דערלאַנגט וואַרעמע מילך, וואָס איז נאָר וואָס אויסגעמעלקט געוואָרן, פאַרשטייט זיך, נישט קיין אויפגעזאָטענע. און כאָטש דער שמועס האָט זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט, זענען מיר געבליבן זיצן אַרום דעם שײַטער — דעם ערשטן אַרום וועלכן כ'בין געזעסן צוזאַמען מיט יצחקן. און אָט איז צוגעגאַנגען דער טאַטע. די גאַנצע צײַט בעתן שמועס האָב איך געזען ווי ער שטייט אין דער זײַט, אָנגעלענט אָן דער וואַנט, און הערט זיך צו.

„באַקען זיך מיט מײַן פאָטער" — האָב איך געזאָגט צו יצחקן.

יצחק איז אויפגעשטאַנען און האָט סאַלוטירט. דער טאַטע האָט געדריקט זײַן האַנט און האָט דאָס סאַלוטירן אָנגענומען ווי אַ זעלבספאַרשטענדלעכקייט. מיט איין מאָל האָט ער פאַרזשמורעט די אויגן און געזאָגט:

„מײַן זון יגאל האָט מיר געזאָגט אַז דו הייסט שׂדה. דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך נישט געהערט. אָבער דו זעסט מיר אויס באַקאַנט פון מיט יאָרן צוריק. צי הייסטו נישט לאַנדסבערג אָדער לאַנדבערג, עפּעס מיט לאַנד און בערג?"

„יאָ, מײַן אמתער נאָמען איז לאַנדבערג", האָט יצחק באַשטעטיקט. „כ'האָב אָבער ליבער ווען מע רופט מיך שׂדה."

ס'איז געקומען די צײַט די קאָמפּאַניע זאָל זיך צעגיין. אויך יצחק האָט זיך געזעגנט, זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן וואָגן און איז אָפּגעפאָרן צו מאָביליזירן נאָך אַנדערע פּו"שים.

ל"ט

כ'האָב זיך אומגעקערט אין „כּדורי" צו פאַרענדיקן דעם לערנקורס. אויך אונדזערע ראַנגלענישן וואָס שייך דער צוקונפט

האָבן זיך געהאַלטן בײַם פּאַרענדיקן. אַלע חברים פון דעם אַרויס־לאָז האָבן געהאַלטן אַז מיר דאַרפן אויפשטעלן אַן אייגענעם אומאָפּהענגיקן התישבות־גרעין. אונדזער באַשלוס האָט געהאַט אַ באַזונדערן פּאַטריאָטישן ניואַנס. מיר האָבן געגלייבט אַז ווי אַביטוריענטן פון אַ רעגירונג־אַגראַרשולע האָבן מיר גרויסע אויסזיכטן צו באַקומען רעגירונג־באָדן ערגעץ ווו אין דער נאָענט פון בית־שאן. מיר האָבן געחלומט אויפשטעלן אַ ייִדישן ייִשוב אין דזשיפטליך, אין צענטער פון ירדן־טאָל (בקעת הירדן), אין האַרצן פון אַראַבישן ראַיאָן, נאָענט צו דער דמיה־בריק וואָס פּאַראייניקט שכם מיט עבר־הירדן. גרויס איז געווען אונדזער התלהבות: אויפשטעלן אַ נײַעם קיבוץ אין אַ באַזונדערס שווערן און מסוכּנדיקן אָרט, אַ מעגלעכקייט צו באַקומען 3000 דונאַם רעגירונג־באָדן און איבערפירן אים אין ייִדישע הענט. כ'האָב געוווּסט אַז אויפהויבנדיק מײַן האַנט פאַר דעם דאָזיקן פּלאַן, מאַך איך דעם ערשטן שריט צו מײַן ענדגילטיקן אָפּרײַסן זיך פון כּפר־תּבור. מיטן פולן באַוווּסטזײַן אָבער מיט אַ שווער האַרץ האָב איך אויפגעהויבן מײַן האַנט. דאָך, אין יענעם עטאַפּ, האָט מען נאָך פון מיר נישט פאַרלאַנגט קיין שום מעשׂים, היות ווי מיר האָבן געוואַרט אויפן באַשלוס פון דער מאַנדאַט־רעגירונג וועגן צוטיילן אונדז דעם באָדן. כ'וועל נישט זאָגן אַז כ'האָב זיך גע־פרייט וואָס דער באַשלוס האָט זיך פאַרשלעפּט, ס'האָט מיר אָבער נישט פאַרדראָסן וואָס דער אומפאַרמײַדלעכער שמועס מיטן טאַטן, דער שמועס פאַר וועלכן איך האָב אַזוי מורא געהאַט, איז דערווײַל אָפּגעלייגט געוואָרן.

די תּשובה פון דער רעגירונג האָט זיך געזאַמט צו קומען. אין אונדזער האַרצן האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אַ ספק צי זי וועט אַ מאָל קומען. דערווײַל האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז דער ערשטער גרעין פון גינוסר האַלט בײַם אַרויפגיין אויפן באָדן בײַם ברעג כּנרת און ער נייטיקט זיך גאָר דרינגענד אין אַ צוגאָב פון מענטשן. דערמוטיקט דורכן „הנוער העובד", האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַר־

שטאַרקן דעם גרעין פון גינוסר. דאָס אומפאַרמײַדלעכע האָט געהאַלטן בײַם געשען. דער קלאַפּ, וואָס כ׳האָב אַזוי געוואָלט אים פאַרצעגערן, װײַכער מאַכן, האָט געהאַלטן בײַם אַראָפּגעלאָזן װערן. כ׳האָב געפונען פאַר זיך אַ װינקל צו בלײַבן אײנער אַלײן און כ׳האָב זיך גענומען פאַרמולירן פאַרשײדענע נוסחאות, וואָס מיט זײ — אַזוי האָב איך געהאָפט — װעט מיר געלינגען אים איבערצוצײַגן אַז דער שריט וואָס כ׳גײ טאָן איז אַ ריכטיקער. כ׳האָב תּפילה געטאָן ער זאָל מיך פאַרשטײן און אױך די מאָטיװן וואָס האָבן מיך באַװױגן אָנצונעמען אַ באַשלוס װעלכער איז אַזוי גורלדיק פאַר אים און פאַר מיר. כ׳האָב געװוּסט װי גרויס ס׳איז זײַן דערװאַרטונג אױף מײַן צוריקקומען און װי גרויס עס זענען די האָפענונגען וואָס ער לײגט אױפן אַגראָ־טעכנישן לאַנד־װירטשאַפטלעכן װיסן װעלכן כ׳האָב דערװאָרבן אין „כּדורי״. ער האָט געגלייבט אַז מיט דער הילף פון דעם װיסן װעט מיר גע־לינגען געבן דער באַלעבאַטישקײט אַ נײַעם שטויס פאָרויס, אַז װען כ׳װעל צוריקקומען װעל איך אײַנפירן אַ מאָדערניזאַציע אין אירע צװײַגן: נײַע גאַטונגען, אַ מאָדערנעם פאַרזײ־ציקל און פאַרבעסערטע סאָרטן פּי. אין אײנעם פון די שמועסן האָט ער אַפילו געפונען פאַר נײטיק מיר צו זאָגן — און געטאָן האָט ער עס מיט אַזוי פיל טאַקט און חכמה! — אַז כ׳װעל צוריקקומען אַהײם און איבערנעמען די באַלעבאַטישקײט, האָט ער גאַרנישט בדעה זיך אַרײַנצומישן אין איר אָנפירונג. „דו װעסט זײַן דער אָנפירער״ — האָט ער מיר געזאָגט און צוגעגעבן: „כ׳װעל זיך פרײען דיר צו העלפן אין אַלץ וואָס דו װעסט פאַרלאַנגען״. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז בײַ זיך אין האַרצן האָט ער מורא געהאַט טאָמער האָט עס זײַן שטאַרקע, דאָמינירנדיקע פּערזענלעכקײט, טײל מאָל מיט איר שװערער האַנט, גורם געװען אַז זײַנע זין זאָלן פאַרלאָזן כּפר־תּבור, אַז זײַן גרויסער שאָטן האָט זײ פאַר־טריבן אין מרחקים כּדי צו אַנטװיקלען זײער פולע פּערזענלעכ־קײט. איך מײן נישט אַז דאָס איז געװען די סיבה צוליב

וועלכער מײַנע ברידער האָבן פאַרלאָזט די היים. אָבער דאָס איז אָן שום ספק געווען די סיבה פון זײַן אָפּגעהיטנקייט און זײַן באַציונג צו מיר. ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט כּדי מיך אײַנצוהאַלטן אין זײַן שטוב און אויף זײַן ערד, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן מיט אַזוי פיל יסורים און וואָס ער האָט באַאַרבעט מיט זײַן גאַנצן וועזן און מיט זײַן גאַנ־צער גרויסער ליבשאַפט צו איר. און אָט האָב איך געדאַרפט קומען און זאָגן אים אַז אויך אָט דער לעצטער חלום זײַנער איז נישט מער ווי אַ חלום און אַז דאָס יינגסטע פון זײַנע שוועלבעלעך האַלט אויך ביים פאַרלאָזן זײַן נעסט, אַז נישט נאָר קיין שבט פון די פּײַקאָוויטשעס וועט נישט זײַן אַזוי ווי ער האָט געהאָפט, אויפן באָדן פון אום־אַגאַבל, נאָר ס'איז אַ גרויסער ספק צי ס'וועט בכלל פאַרבלײַבן וועלכער נישט איז פּײַקאָוויטש אויף דער ערד פון דעם גרינדער פון דער דינאַסטיע, וואָס איז זיך צעפאַלן איידער זי איז געוואָרן אַ דינאַסטיע. איך האָב ליב גע־האָט די ערד פון פּײַקאָוויטשן, מײַן געבוירן־דאָרף, די פעלדער און די פייזאַזשן צו וועלכע כ'בין געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן. און כ'האָב ליב געהאַט מײַן פאָטער, כ'האָב שטאַרק געשעצט זײַן פעלדזיקע און פילבאַרע פערזענלעכקייט און דעריבער איז מיר געווען אַזוי שווער, ממש ביז צום ווייטיק, זיך אָפּצוקצושטעלן פאַר אים און אים ווייַ טאָן. כ'האָב געוווּסט אַז ס'איז נישטאָ קיין אָנטרינונג, אַז כ'וועל עס מוזן טאָן, מחמת מײַן באַוווּסטזײַן און מײַן שטרעבן צו זײַן איינער פון די גרינדערס פון אַ נײַעם יונגן קיבוץ זענען אויך געווען אָנטשיידנדיקע און איינדײַטיקע. כ'בין געווען צעריסן צווישן מײַן ליבשאַפט צו אים און מײַן באַוווּסטזײַן, צווישן מײַן פליכט לגבי אים און מײַנע שטרעבונגען. כ'האָב איבערגעלעבט אויסערגעוויינלעך ווייטיקדיקע גײַסטיקע יסורים.

ס'איז געקומען די שעה אים אָנצוזאָגן די ביטערע בשורה. אין אַ טאָג וואָס איז נישט געווען באַשטימט אָפּצושטאַטן אַ וויזיט

אין דער היים, האָב איך זיך אַרויפגעזעצט אויף מײַן קליאַטשע און בין אַוועקגעריטן קיין כפר־תבור.

„ס'איז עפּעס געשען?" — האָט ער, אַ פאַרדאגהטער, אַ פרעג געטאָן.

„דערווײַל נאָך נישט, אָבער ס'קען געשען" — האָב איך גע־ענטפערט.

שווײַגנדיק בין איך אַראָפּ פון דער קליאַטשע, האָב זי צו־געבונדן צו אַ סלופּ און מיר זענען אַרויף אויף דער וועראַנדע. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט. אַלע פון פאַרויס צוגעגרייטע נוס־חאות, מיט וועלכע כ'האָב געדאַרפט אָנהויבן, זענען זיך צעפלויגן און כ'האָב אָנגעהויבן דערציילן מיט פשטות, אָן איבעריקע אַרומ־גייענדיקע הקדמות, וועגן מײַן באַשלוס צו גיין אין קיבוץ אַרײַן. כ'האָב זיך געריכט אויף אַ פּראָטעסט־רעאַקציע, אויף אַ פאַר־לאַנג איך זאָל זיך צוריקציען, אָבער ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט פון זײַן מויל. קוקנדיק מיר אין די אויגן, איז ער געזעסן אָנטקעגן איבער מיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך צוגעהערט צום גזר־דין. אַ שווער שטילשווײַגן איז געשטאַנען צווישן אונדז — כ'ווייס נישט צי פון ווייניק צי פון אַ סך מינוטן. פאַר מיר איז עס געווען אַ זייער, זייער לאַנגע צײַט — ביז ער האָט פלוצעם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

„דו ביסט גענוג דערוואַקסן כדי צו באַשליסן וועגן דײַן וועג. אויך איך האָב נישט געפרעגט מײַן טאַטן וואָס כ'זאָל טאָן. איך פאַרבלײַב דאָ!"

אַ שטאַרק צעטומלטער האָב איך אים געזאָגט — גלאַט אַזוי, אָן שום יסוד — אַז אין אַ יאָר צוויי אַרום, ווען ס'וועלן אויפגעשטעלט ווערן די ערשטע געבײַדעס אין קיבוץ, וועט ער קענען זיך אָנשליסן אָן מיר. ער האָט מער נישט געלאָזט ממשיך זײַן און האָט איבערגעהאַקט מײַנע רייד.

„צי קענסטו זיך פאָרשטעלן מיך נישט אין כפר־תבור? צי קענסטו מיך ווי אַ קיבוצניק?"

אינעם טאָן מיט וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט קיבוצניק, איז געווען עפּעס, וואָס אויב עס האָט נישט געגרענעצט מיט פולשטענדיקן זלזול, האָט עס בפירוש מרמז געווען אויף עפּעס וואָס שטייט אַ סך מדרגות נידעריקער פון זײַן אייגענער מדרגה — פון אַ פרײַען און זעלבשטענדיקן פויער. אין דער אַטמאָספער וואָס האָט דעמאָלט געהערשט צווישן אונדז האָב איך אים נישט געקענט זאָגן אַז דער קיבוצישער לעבנס־שטייגער, זײַנע צילן, זײַנע געזעלשאַפטלעכע קאָנצעפּציעס און זײַנע גײַס־טיקע האָריזאָנטן זענען מיר נישט ווייניקער טײַער ווי ס'זענען אים טײַער זײַן זעלבשטענדיקע באַלעבאַטישקייט און זײַן מעמד פון אַ פויער. כ'האָב בעסער געוואָלט שווײַגן און דערמיט האָט זיך דער שמועס פאַרענדיקט.

מ

בײַ די שפּעטערדיקע באַגעגענישן האָט ער זיך געפירט מיט מיר אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. נישט ער, נישט איך האָבן מער די טעמע נישט באַרירט.

עטלעכע וואָכן זענען פאַרבליבן ביזן סוף פון די לימודים אין „כדורי". כ'האָב צוגעזאָגט מײַן פאָטער אַז איידער כ'וועל זיך אָנשליסן אָן דער גרופּע חברים, וועלכע האָבן געדאַרפט אַ קורצע צײַט שפּעטער אַרויסגיין אין גינוסר־טאָל, וועל איך צוריקקומען אַהיים כדי צו פאַרענדיקן דאָס שנײַדן און דאָס אַקערן. און אַזוי האָב איך געטאָן. אָבער בעת כ'בין געווען פאַרנומען מיטן אײַנזאַמלען די תבואה און מיטן אָפּפירן זי פון שײַער אין שפּײַכ־לער, איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן. מ'האָט געהאַט אַ חשש אַז דאָס איז אַ טיפוס. און נישט געקוקט דערויף וואָס מיר זענען געווען אין מיטן פון די געשעענישן פון יאָר 1937 און דאָס פאָרן איבער די וועגן איז געווען אַ סכנה, האָבן מיר באַשלאָסן אים

אָוועקצופירן אין רעגירונגס־שפּיטאָל אין חיפה. אין חיפה זענען געווען משה, אליאב און דבורה און זיי האָבן געקענט אים האָווירן בעת זײַן קרענק. כ׳האָב זיך מיט זיי פאַרבונדן און מיר האָבן צוזאַמען באַשלאָסן צו ווירקן אויף אים ער זאָל אַוועק פון כּפר־תּבור און זיך באַזעצן אין הויז פון איינעם פון זיי, לויט זײַן אויסוואַל. מיר האָבן באַשלאָסן אים געבן צו פאַרשטיין אַז זײַן עקזיסטענץ איז אַ פאַרזיכערטע; אַז ער וועט האָבן זײַן אייגענעם צימער און וועט קענען פאַרברענגען זײַנע יאָרן אויף דער עלטער צווישן זײַן פאַרצווײַגטער משפּחה. קיינער פון אונדז איז נישט געווען זיכער אַז ס׳וועט אונדז טאַקע געלינגען צו ווירקן אויף אים — איך אַליין בין געווען שטאַרק פּעסימיסטיש — אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו פּרווון.

און דערווײַל האָט זיך די אַרבעט פון אײַנשפּײַכלערן פאַר־ענדיקט און ס׳איז געקומען די שעה ווען כ׳האָב געדאַרפט צו־שטיין צו מײַנע חברים וואָס האָבן זיך באַזעצט אין גינוסר־טאָל. אָבער ווי אַזוי פאַרלאָזט מען דאָס הויז ווען קיינער איז אין אים נישטאָ, און די באַלעבאַטישקייט — בעת דער טאַטע ליגט אין חיפה אַ קראַנקער? עפּעס אין מיר האָט מיר געזאָגט אַז אויב איך גיי נישט איצט אַוועק, וועל איך שוין מער קיין מאָל נישט אַוועקגיין.

דעמאָלט האָב איך אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס איז פאַר מיר איינער פון די שווערסטע און געוואַגטסטע באַשלוסן וואָס כ׳האָב אָנגענומען אין מײַן לעבן: צו ליקווידירן די באַלעבאַ־טישקייט. כ׳האָב וועגן דער דאָזיקער כּוונה מײַנער קיינעם נישט צו וויסן געטאָן: נישט מײַנע ברידער, נישט מײַן שוועסטער און אַוודאי נישט דעם טאַטן, וואָס איז געלעגן אַ קראַנקער. כ׳האָב מורא געהאַט אַז טאָמער וועלן זיי זיך דערפון דערוויסן, וועלן זיי פּרווון מיך אָפּצורעדן דערפון. איך בין אַלט געווען נײַנצן יאָר און מײַן פאָטער — זיבעציק. כ׳האָב געוווּסט וואָסער גרויסער עקשן ער איז, כ׳האָב אָבער אויך געוווּסט ווי גרויס ס׳וועט זײַן

זײַן אײנזאַמקײט, אויב ער װעט פֿאַרבלײַבן אײנער אַלײן אין כּפֿר־תּבֿור.

פֿיבערדיק און מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעכן ברען, און נישט קלערנדיק קײן סך, בין איך צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. כ׳האָב אַלץ פֿאַרקויפֿט: די תּבֿואה, די קי, די עופֿות — אַלץ װאָס באַ־דאַרף עסנװאַרג, װאַסער און װאָס מע דאַרף זיך מיט דעם פֿאַר־נעמען. מײַן באַשלוס האָב איך אָנגענומען אײנער אַלײן און דעריבער איז מיר נישט אײַנגעפֿאַלן צו פֿאַרקויפֿן דעם באָדן גופֿא. כ׳האָב געקענט די סוחרים און די פֿאַרמיטלערס, און די פּרײַזן װאָס כ׳האָב באַקומען זענען געװען גוטע. מיט יעדער קו װאָס כ׳האָב פֿאַרקויפֿט, מיט יעדער הונדערט הינער װאָס כ׳בין פֿון זײ פּטור געװאָרן, האָב איך געפֿילט אַז איך דערנענטער זיך צו מײַן ציל. צום סוף האָט זיך די באַלעבאַטישקײט אויסגעלײ־דיקט פֿונעם גאַנצן לעבעדיקן אינװענטאַר און כ׳בין געבליבן בלויז מיט אײן פּאָר מוילאײזלען, מיט אײן װאָגן און מיט גערשטן װאָס האָט געקענט קלעקן פֿאַר די בהמות אויף אַ יאָר. כ׳האָב אײַנ־געשפּאַנט די מוילאײזלען אין װאָגן, אַרויפֿגעלײגט אויף אים דעם אַקעראײַזן און די גערשטן און אַרויס אין װעג אַרײַן — צו מײַן ברודער צבֿי, אין נתניה. כ׳האָב געהאַט בדעה אים צו בעטן ער זאָל די מוילאײזלען פֿאַרדינגען פֿאַר געלט צו אַן אַרבעט אין די יונגע פּרדסים פֿון זײַן קאָלאָניע נתניה, װאָס איז אין יענע יאָרן געװען אַ דורכויס לאַנדװירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניע. איך האָב אויסגערעכנט און געפֿונען אַז מיטן אַרבעטלױן פֿון די בהמות װעט דער טאַטע זיך קענען אויסהאַלטן בכּבֿוד, סײַ אין כּפֿר־תּבֿור, סײַ בײַ אײנעם פֿון די ברידער אָדער בײַ דער שװעס־טער. כ׳האָב געהאָפֿט מיטן פֿולן האַרצן אַז װען ס׳װעט אים קלאָר װערן אַז ער האָט נישט מער װוּהין צוריקצוגײן, װעט ער בעסער װעלן װױנען בײַ אײנעם פֿון זײַנע זין.

ס׳איז געװען אַ פֿריִע מאָרגן־שעה װען כ׳האָב פֿאַרלאָזן כּפֿר־תּבֿור. דער װאָגן איז געפֿאָרן אויפֿן װעג קײן עפֿולה, זײַנע רעדער

האָבן זיך געדרייט אויף אַ כּביש וואָס איז שוין מער נישט געווען אַזוי באַשעדיקט ווי אַ מאָל. ס'איז מיר געווען שווער אויפן האַרצן — געווען איז עס אין די טעג פון די געשעעענישן — און די דאָזיקע נסיעה איינער אַליין האָט נישט געקענט אַרויסרופן קיין געפיל פון אַ שפּאַציר. פון עפולה האָב איך גענומען די ריכטונג צו חיפה. צו אָונט צו איז מײַן וואָגן אַרײַנגעפאָרן אין כּפר־חסידים, אין הויף פונעם הויז פון ראַבינאָוויטשן, וואָס זײַן זון יהושע איז געווען צווישן די גרינדערס פונעם גרעין פון גינוסר. נאָך דעם ווי כ'האָב אָפּגעגעסן וועטשערע האָב איך זיך געלייגט שלאָפן און אויף מאָרגן באַגינען בין איך ווײַטער אַרויס אין וועג אַרײַן. עטלעכע שעה שפּעטער איז דער וואָגן אַרײַן אין חיפה. בײַם מיזרח־וואָקזאַל, וווּ אליאב איז געווען דער לייטער, בין איך אַראָפּ פון וואָגן און האָב אָנגעבונדן די פּרדות אינעם טעלעפאָן־סלופּ.

„וואָס טוסטו דאָ?״ — האָט ער אַ דערשטוינטער אַ פרעג געטאָן.

כ'האָב אים געזאָגט אַז כ'בין נאָר וואָס אָנגעקומען פון כּפר־תּבור און ער האָט זיך אויף מיר צעבייזערט אַזוי ווי ער האָט נאָך קיין מאָל זיך נישט געבייזערט: „דאָס איז אַ פעלן פון אַחריות״ — האָט ער געשריען — „און אַן איבעריק אײַנשטעלן זיך״. אָבער ווען כ'האָב אים דערציילט אַז כ'האָב ליקווידירט די באַלעבאַטישקייט און אַז ער דאַרף געפינען דעם געהעריקן וועג אָנצוזאָגן דאָס דעם טאַטן, האָבן זיך זײַנע אויגן אויסגעברייטערט, זײַן פּנים האָט זיך צעהיצט. ער איז ממש אַרויס פון די כּלים. נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט מיך זייער שטאַרק ליב געהאָט האָט ער נישט געקענט אײַנהאַלטן זײַן כּעס. ער איז תּיכּף צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און אַלאַרמירט משהן, וואָס איז געווען זײַן שעף און האָט געאַרבעט אין דערבײַיִקן בנין, אין ביוראָ פון דער הויפּט־דירעקציע. משה איז געקומען און האָט זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין דעם דאָזיקן פּרצוף וואָס האָט געוואַגט איינער

אַליין, נישט אָנפּרעגנדיק קיינעם, צו ליקווידירן די באַלעבאַטיש־קייט, און האָט איבערגעלאָזן פון איר נישט מער ווי דעם וואָגן, די צוויי מוילאייזלען, עטלעכע זעק גערשטן און אַרבעט־כּלים. בקיצור: ס'איז געווען פריילעך.

נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעגאָסן אויף מיר זייער צאָרן, איז זיי, פאַרשטייט זיך, קלאָר געוואָרן אַז דאָס וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן קען מען נישט צוריקכאַפּן און ס'האָט נישט קיין זינען צו קלאָגן אויף דער אויסגעגאָסענער מילך. בלית־ברירה האָבן זיי גענומען אויף זיך צוצוגרייטן דעם טאַטן צו דער „דערפרייענ־דיקער בשורה". כ'בין ווײַטער אַרויס אין וועג, דאָס מאָל לענג־אויס דעם ים־ברעג, אין דער ריכטונג צו בנימינה, ווו כ'האָב געדאַרפט מאַכן די צווייטע צווישן־סטאַנציע. מרדכיס רעאַגירן האָט זיך קיין סך נישט אונטערגעשיידט פון דעם רעאַגירן פון מײַנע ברידער אין חיפה. אָבער צום מיינסטן דערשטוינט פון דעם וואָס איך האָב אָפּגעטאָן איז געווען מײַן ברודער פון נתניה. נישט נאָר וואָס כ'האָב זיך מיט אים נישט מייעץ געווען, נאָר כ'האָב אויף אים אַרויפגעלייגט דאָס גאַנצע אחריות זיך צו פאַר־נעמען מיט די בהמות וואָס זענען געבליבן און זיי צו באַשעפ־טיקן מיט אַן אַרבעט וואָס זאָל ברענגען הכנסה. פון די רעאַגירונ־גען פון מײַנע ברידער האָב איך פאַרשטאַנען ווי ווײַט כ'בין אַוועק מיט מײַן באַשלוס צו ליקווידירן אַ באַלעבאַטישקייט, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר, אין משך פון צענדליקער יאָרן, מיט אַזוי פיל יסורים און מיט אַזאַ מסירות־נפש.

מיט אַ שווער האַרץ בין איך מיטן אויטאָבוס צוריקגעפאָרן קיין חיפה, מורא האָבנדיק זיך צו באַגעגענען פּנים־אל־פּנים מיטן טאַטן. אינעם קאָרידאָר אין שפּיטאָל האָבן אויף מיר גע־וואַרט מײַן שוועסטער און די צוויי ברידער.

„ווי אַזוי האָט ער רעאַגירט?" — האָב איך אַ ציטערנדיקער געפרעגט.

און דעמאָלט האָט מען מיר איבערגעגעבן, צו מײַן גרויסער דערשטוינונג, אַז ווען מ׳האָט אים דערציילט וועגן דער מעשׂה וואָס כ׳האָב אָפּגעטאָן, האָט זיך דער טאַטע נישט אויפגערעגט. ער איז נישט בייז געוואָרן, נאָר האָט אַ רגע געשוויגן און דערנאָך זיך אָנגערופן צו מײַנע ברידער:

„און איר האָט אים געלאָזט פאָרן איינער אַליין אין די איצטיקע טעג?״

„יעדן טאָג פרעגט ער זיך נאָך אויף דיר״ — האָט מײַן שוועסטער צוגעגעבן — „ער פאָרשט אונדז צי דו ביסט אָנגע־קומען בשלום, צי ס׳איז דאָ עפּעס אַ ידיעה פון דיר און ווען דו וועסט צוריקקומען.״

אַ שווערער שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. נאָך אַ מאָל האָב איך זיך איבערגעצײַגט אין דער גרויסקייט פון מײַן פאָטער און ווי שטאַרק ער האָט מיך ליב. כ׳בין אַרײַן צו אים. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין מיר, האָט מיר נישט געמאַכט קיין שום פאָר־וואורף און כאָטש כ׳בין זיכער אַז די מעשׂה האָט אים גאָר שטאַרק געקרענקט, האָט ער עס נישט אויסגעדריקט. ווען כ׳האָב זיך דער־נענטערט צו זײַן בעט, האָט ער מיך אַרומגענומען, געגלעט מײַן פּנים און אויב ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן מיך אַ קוש צו טאָן, איז עס געווען בלויז צוליב זײַן קרענק. בעת דער גאַנצער באַ־געגעניש האָט ער נישט אָפּגעלאָזן זײַן האַנט פון מײַנער און כ׳האָב געקענט פילן אַז ער איז גליקלעך מיך צו זען אַ לעבעדיקן און גאַנצן נאָך דער דאָזיקער אַוואַנטורע.

די גרויסע מערכה האָט זיך פאַרענדיקט. מיט אַ לײַכט האַרץ בין איך אַרויף אויפן אויטאָבוס וואָס פאָרט קיין כּפר־תּבור. איין העלפט אין אים איז געווען באַשטימט פאַר משׂאות און די אַנ־דערע העלפט — פאַר רײַזנדערס. כ׳בין אַרײַן אין פוסטן הויף, אין הויז ווו ס׳איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. כ׳האָב נישט געקענט אײַנשלאָפן די גאַנצע נאַכט, מײַן לעצטע נאַכט אין מײַן געבוירן־דאָרף וואָס כ׳בין געגאַנגען פאַרלאָזן אויף צו מאָרגנס.

דער מאָרגן האָט מיך באַגעגנט אַ שפּאַנענדיקן צום כביש נצרת— טבריה. אַ לאַסטוואָגן האָט זיך דערנענטערט און זיך אָפּגעהאַלטן. דער וועג האָט געפירט קיין גינוסר, אַ וועג פון וועלכן כ׳בין שוין מער נישט צוריקגעגאַנגען.

מ״א

דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען פון דער קרענק און האָט געטאָן פונקט דאָס פאַר וואָס מיר האָבן מורא געהאַט. ער האָט זיך אומגעקערט אין כפר־תבור, צו זײַן ליקווידירטער באַלעבאַטישקייט, צו זײַן ליידיקן הויז. איינער אַליין, אין עלטער פון 70 יאָר, האָט ער אָנגעהויבן פון דאָס נײַ אויפשטעלן זײַן באַלעבאַטישקייט. די תבואה־פעלדער האָט ער באַאַרבעט מיט דער הילף פון געדונגענע אַרבעטער. די בהמות־שטאַל האָט ער נישט באַנײַט. ער האָט אָבער נישט מוותּר געווען אויף דער הינער־צוכט בעיקר פאַרן אייגענעם געברויך. ער האָט אָנגעהויבן אַ נײַע נערוון־מלחמה צווישן אים און מיר: ווער וועט קומען צו וועמען? צי וועל איך זיך אומקערן צו אים אַזוי ווי ער האָט מיסתּם געהאָפט אין זײַן טיפן האַרצן, נאָך דעם ווי ס׳וועט אָפּגעבליאַקעוועט ווערן דער ערשטער גלאַנץ פונעם קיבוץ־לעבן און פון „חומה ומגדל״, אָדער צי וועט ער קומען צו מיר ווען ער וועט זיך איבערצײַגן אַז גינוסר איז טאַקע מײַן סטאַבילע היים.

מיר פלעגן זיך ווײַטער גאַנץ רעגולער טרעפן, און גאַנץ ספּעציעל נאָך דעם ווי איך בין אין 1938, ווען די בלוטיקע געשעענישן און די צוזאַמענשטויסן מיט די אַראַבישע כנופיות האָבן דערגרייכט זייער הויכפּונקט, נאָמינירט געוואָרן ווי דער קאָמענדאַנט פונעם באַוועגלעכן פּאַטראָל פון חיל־הנוטרים (די יישוב־פּאָליציי) און כ׳האָב געהאַט אין מײַן רשות אַן אויטאָמאָביל וואָס האָט מיר פאַרלײַכטערט דאָס באַוועגן זיך. דער חיל־

הנוטרים איז געווען אַ טייל פון די פּלוגות־השׂדה (פעלד־קאָמ־פּאַניעס) און איך האָב געהאַט צוויי ראַנגעס: סמל (סערזשאַנט), לויט דעם בריטישן אָפיציעלן אוניפאָרעם און קאָמענדאַנט פון דער „הגנה״־אָרגאַניזאַציע. אויך צוליב מײַן דינסט פלעג איך דאַרפן אָפט זײַן אין כּפר־תּבור, אָבער מײַן וויזיט דאָרט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו מײַן אַרבעט. פּאַקטיש האָב איך נישט פאַרפעלט קיין שום געלעגנהייט זיך צו זען מיטן טאַטן און כאַפּן אַ קוק אויפן דאָרף וואָס כ׳האָב ליב געהאַט און כ׳האָב נאָך ווײַטער ליב. דער טאַטע האָט מיר געשטעלט אַ סך פראַגעס וועגן דעם וואָס ס׳קומט פאָר אין גינוסר, האָט אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס צום סיכסוך וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן גינוסר און דער פּיק״אַ און ווי אַן אַלטער און דערפאַרענער קעמפער אויף דעם געביט האָט ער אונדז געעצהט נישט נאָכצוגעבן זיי בשום־אופן און פאַרצווזעצן דעם קאַמף ביזן נצחון.

אין 1919 האָב איך זיך באַפרײַט פון מײַן פּאָסטן אין חיל־הנוטרים און בין געוואָרן קאָמענדאַנט פונעם קורס פאַר גרופּעס קאָמאַנדירן אין דזשוארא בײַ עין־השופט. אויך פון דעם אָרט האָב איך ווײַטער אָנגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט מײַן פאָטער. שפּע־טער בין איך געשיקט געוואָרן אָנצופירן מיט אַ לאַנדקורס פון מ. מ. (קאָמענדאַנטן פון אָפּטיילן) אין יבניאל און די געאָגראַפי־שע דיסטאַנץ צווישן אונדז האָט זיך פאַרקירצט. מיטן ראַוער וואָס דער „הגנה״־מרכּז האָט געשטעלט צו מײַן דיספּאָזיציע האָב איך געקענט אים באַזוכן גאַנץ אָפט, עסן צוזאַמען מיט אים און אַ מאָל אויך פאַרבלײַבן אויף אַ נאַכט. ער איז געווען גליקלעך מיך צו זען אַן אויסגעצוויגענעם אויפן בעט לעבן זײַן בעט. כ׳קען נישט זאָגן אויף זיכער אַז אין יענער צײַט האָט ער שוין אין גאַנצן געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג אַז ער וועט מיך נאָך אומקערן אַהיים, אָבער, ווי ס׳זאָל נישט זײַן, האָט ער קיין מאָל נישט דער־מאָנט דערוועגן און קיין מאָל נישט צוגעשטאַנען צו מיר כ׳זאָל צוריקקומען. בעת אונדזערע באַגעגענישן איז ער געווען פול מיט

גוטסקייט צו מיר, האָט זיך געמיט צוגרייטן פאַר מיר די מאכלים וואָס כ׳האָב ליב געהאַט, נאָך פון די טעג פון אונדזער בשותּפותדיקער פריילליידיקער קיך, און מיר אָנגענעם מאַכן מײַנע שעהען מיט זײַן ליכטיק פּנים און מיטן חן פון זײַנע פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען. אַ מין נײַע נאָענטקייט, אַן אַנדערע, אַ נאָענטקייט פון צוויי דערוואַקסענע און דערפאַרענע מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן וועבן צווישן אונדז. כ׳האָב שוין דערציילט אַז מײַן פאָטער האָט געקענט דערציילן און ליב געהאַט דערציילן, כ׳האָב נאָך אָבער נישט דערמאָנט זײַן אייגנשאַפט צוצוהערן זיך צו אַנדערע, אַן אייגנשאַפט וואָס שטאַמט נישט נאָר פון דער דערציִונג, נאָר אויך פון זײַן אומאויסשעפּלעכער מענטשלעכער נײַגעריקייט. די דאָזיקע אייגנשאַפט זײַנע האָט אָן שום ספק פאַרטיפט די פאַרבינדונג צווישן אונדז. כ׳האָב ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו זײַנע רייד און כ׳בין געווען שטאַרק צופרידן ווען כ׳האָב אים געקענט משתּף זײַן אין מײַנע געדאַנקען און מעשׂים. פון אַ סך פון זיי איז ער אַליין געווען אַן עדות — למשל, פון דער פּרשה פון די מ״ג (43) „הגנה״-אַרעסטאַנטן וואָס זענען געוואָרן פאַרשפאַרט אין דער תּפיסה אין עכּו.

דער קורס פון די מ״מ (מפקד מחלקות — קאָמענדאַנטן פון אָפּטיילן) איז געווען אין פולן גאַנג און אַט האָט מען אונדז איבערגעגעבן פון דעם „הגנה״-אויסשפּירדינסט אַז די בריטישע געהיים-פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם קורס און אַז מיר קענען זיך יעדער מינוט ריכטן אויף אַ רעוויזיע און אויף אַרעסטן. מיט דער צושטימונג פון דער העכסטער קאָמאַנדע האָט די אָנפירונג פונעם קורס באַשלאָסן איבערצופירן אויף דער שנעל די באַזע פון יבניאל אין דזשוראַ. דער שנעלסטער אופן אַריבערצופירן די מענטשן און די אויסשטאַטונג איז געווען מיט אַן אויטאָבוס אָדער מיט אַ לאַסטוואָגן, אָבער דאָס וואָלט געווען צו אָפן און צו מסוכּן און דעריבער האָט מען אָנגענומען דעם פאַרשלאָג אַז בלויז די מטלטלים, באַגלייט דורך עטלעכע מדריכים, זאָלן אַרי־

בערגעפירט ווערן מיט אַ וואָגן און די חניכים גופא מיט דעם רעשט מדריכים זאָלן גיין צו פוס. מע האָט באַשטימט דעם מאַרש־רוט: די ערשטע נאַכט וועלן מיר אָנקומען קיין עין־חרוד און נאָך אַ טאָג אָפּרוען זיך — קיין דזשוואַראַ. אָבער אויך דער דאָזיקער פּלאַן האָט געהאַט זײַן שוואַכן פּונקט. אַן ערך צוויי צענדלינג (כ׳געדענק נישט די גענויע צאָל) פון די מער ווי זעכציק אַנטייל־נעמערס אינעם קורס האָבן געדינט ווי סערזשאַנטן און קאַפּראַלן אין דער פּאָליציי פון די ייִדישע ייִשובים. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן אַז זייער באַטייליקן זיך אינעם קורס איז געווען אומלעגאַל. זיי האָבן געטראָגן דעם אוניפאָרעם פון דער מאַנדאַט־רעגירונג און ווען מ׳וואָלט זיי געכאַפּט, איז נישט נאָר וואָס זיי וואָלטן גאָר שווער באַשטראָפט געוואָרן, נאָר די מאַכט וואָלט דעמאָלט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן פּרעגצייכן וואָס שייך דעם ווײַטערדיקן קיום פון דעם חיל־הנוטרים.

מע טאָר נישט פאַרגעסן אַז דאָס זענען געווען די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די ייִדישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס האָבן שווער געקעמפט דערפאַר אַז מ׳זאָל דערלאָזן זיך מאָביליזירן די ייִדישע יוגנט וואָס האָט געוואָלט קעמפן אין די רייען פון דער בריטישער אַרמיי קעגן דעם נאַצישן שונא. דער קאָמענדאַנט פונעם קורס און זײַן פאַרטרעטער — רפאל לעוו און משה כּרמל — האָבן בכן באַשלאָסן אַריבערצופירן באַזונדער אַלע סערזשאַנטן פון דער נוטרים־פּאָליציי וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין קורס. איך בין באַשטימט געוואָרן ווי דער קאָמענדאַנט פון דער דאָזיקער באַזונדערער גרופּע און כ׳האָב געדאַרפט זי ברענגען בשלום אין דזשוואַראַ. אויך מיר האָבן געזאָלט גיין צו פוס קיין עין־חרוד, פּאַראַלעל מיט דעם הויפּטאָפּטייל, אָבער נישט צוזאַמען מיט אים. כ׳האָב גערנוויליק גענומען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאַבע, אָבער מיט איין תּנאי: ס׳זאָל מיר דערלויבט זײַן אַרויסצוגיין אויפן דאָזיקן נאַכטמאַרש פון כּפר־תּבור און נישט פון יבניאל און דאָס דערפאַר ווײַל: (1) כ׳האָב גע־

וואָלט אַז אָט די פּראָבלעמאַטישע גרופּע זאָל זיך גלייך אָפּטראָגן פון יבניאל; (2) כ׳האָב געוואָלט זיך וואָס מער דערווייטערן פונעם גערודער פון די צוגרייטונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אַרויסגיין פון דער גרעסערער גרופּע; (3) דווקא וויסנדיק ווי וויכטיק ס׳איז אַריבערצופירן בשלום די קאָמענדאַנטור פון די נוטרים, האָב איך בעסער געוואָלט זיין אַליין בעל־הבית, דאָס הייסט זיין אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער הויפּטגרופּע אָבער אויך ווייט פון איר.

מיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. כ׳האָב פאַרזאַמלט די מענטשן, זיי אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן פאַרדעקט מיט אַ ברעזענט און מיר זענען אַוועק אין דער ריכטונג צו כפר־תבור. גאָר שנעל זענען מיר פאַרשוווּנדן אין מיין פאָטערס הויף. ערשט מיטן זון־אונטערגאַנג האָבן מיר זיך גענומען ריכטן אין וועג אַריין און דערווייל האָט דער טאַטע זיך באַמיט אונדז מהנה זיין. ער האָט אַרויסגענומען דעם גאַנצן זאַפּאַס עסנוואַרג וואָס האָט זיך געפונען אין שפּייכלער: אייער, גרינצייג, אויפס און מילך. בלויז ברויט איז נישט געווען גענוג. איז ער אַוועק לייען ביי אונדזער גוטער שכנטע שאָשע.

ווען די נאַכט איז אַראָפּגעפאַלן, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין פאָטער. ער האָט מיך אַרומגענומען און, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, האָט ער מיר אויך אַ קוש געטאָן אין באַק.

„זיי פאָרזיכטיק״ — האָט ער מיר געזאָגט איידער מיר זענען אַרויס אין וועג. — „פון דאַנען ביז עין־חרוד איז נישטאָ קיין איין יידישער ישוב. די נאָפּטרער היט אָפּ דאָס אַראַבישע גרענעץ־מיליטער. היט זיך שטאַרק.״

„ס׳וועט זיין בסדר, טאַטע״ — האָב איך געענטפערט, און די שורה האָט זיך אויסגעסדרט אונטער מיין אָנפירונג.

דעם טרעפפּונקט מיט דער הויפּטגרופּע, וועלכע האָט געזאָלט אַרויסגיין פון יבניאל, האָבן מיר באַשטימט נישט ווייט פון דעם באַרגקנייטש פון וועלכן מ׳קען זען דעם חרוד־טאָל (עמק־חרוד).

קיין פאַרבינדונג־מכשירים האָבן מיר נישט געהאַט און איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מײַן אויסגעבונדנקייט מיט דער סביבה. מיר זענען פאַרויסגעגאַנגען לויטן פּלאַן, לויט אַלע כּללים ווי אַזוי מ׳דאַרף מאַרשירן בײַ נאַכט, אין אַ מצב פון כּסדרדיקער גרייט־קייט. מיר האָבן געהאַט הייס געוואָר, האַנטגראַנאַטן און בײַטלען פון ערשטער הילף, און מיר זענען געווען אַנטשלאָסן זיך אַרויס־צוקריגן פון די הענט פון יעטוועדן פּאַליציי־פּאַטראָל וואָס מיר וועלן אָנטרעפן און, אויב ס׳וועט נישט זײַן קיין ברירה, אויך עפענען אַ פײַער, כּדי צו דעקן אונדזער צוריקציִען זיך.

די נוטרים אין מײַן איינהייט זענען געקומען פון אַלע טיילן פון לאַנד און דאָס רוב האָט נישט געקענט דעם שטח אויף וועלכן מיר האָבן מאַרשירט, אָבער היות ווי זיי זענען געווען גוט אויס־געאיבטע סערזשאַנטן, האָבן זיי זיך לײַכט צוגעפּאַסט צום וועג און צו זײַנע שוועריקייטן. צוויי אַ זייגער פאַר טאָג זענען מיר דערגאַנגען צום טרעפפּונקט, אַזוי ווי ער איז געווען באַצייכנט אויף דער מאַפּע. מיר האָבן גלײַך פאַרנומען פאַרטיידיקונג־פּאָזיציעס, אַוועקגעשטעלט אויסקוקערס וואָס זאָלן אויפדעקן דעם הויפּט־כּוח, וואָס האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט אָנקומען יעדער מינוט. ס׳זענען אַוועק צוויי שעה — צוויי שעה וואָס האָבן אויס־געזען ווי אַן אייביקייט — און פון דעם כּוח איז קיין זכר נישט געווען. כ׳בין געווען פאַרדאגהט: אויב כ׳וועל פאַרבלײַבן מיט מײַן איינהייט אין אָט דער פײַנטלעכער געגנט, וואָס איז נאָך דערצו פול מיט פּאַטראָלן, וועל איך שטעלן אין געפאַר מײַנע מענטשן און דעריבער איז אפשר בעסער מיר זאָלן גיין ווײַטער איידער די זון וועט אויפגיין. די עיקר־אויפגאַבע וואָס מ׳האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט איז דאָך איך זאָל זי ברענגען אויף אַ זיכער אָרט. פון דער אַנדערער זײַט, אויב מיר וועלן פון דאַנען אַוועקגיין און די הויפּטגרופּע וועט אָנקומען און וועט דעריבער וואַרטן אויף אונדז, וועט זי אַזוי אַרום זיך אויסשטעלן אויף אַ געפאַר. ס׳האָט מיר אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס מיר האָבן באַשטימט זיך

צו טרעפן אויף דעם אָרט, און ס'האָט מיר אַפילו פאַרדראָסן וואָס מיר האָבן בכלל באַשטימט אַ טרעפפונקט. בעסער וואָלט געווען אַז יעדער גרופּע זאָל זיך גיין צום ציל באַזונדער און אויף אַ זעלבשטענדיקן אופן.

נישט ווילנדיק האָב איך דערמאָנט מײַן טאַטנס ווערטער איידער מיר האָבן פאַרלאָזט זײַן הויף: „צו וואָס דאַרפט איר זיך טרעפן אויפן וועג? איר וועט זיך בעסער טרעפן אין עין־חרוד, דאָס איז זיכערער".

די צײַט האָט זיך געצויגן לאַנגווײַליק און איז געווען אָנגעלאָדן מיט שפּאַנונג און גרייטקייט. און דאָן האָב איך, נאָך אַ שיקול־דעת, באַשלאָסן אַז איינער פון די סערזשאַנטן זאָל אָפּפירן די איינהייט אין עין־חרוד און איך זאָל בלײַבן אַליין און וואַרטן אויפן הויפּט־כּוח. כ'האָב גערופן צו זיך דעם סערזשאַנט אריה אשל (וואָס איז שפּעטער געווען איינער פון די הויכע באַאַמטע אינעם ישׂראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום, אַמבאַסאַדאָר אין בראַזיל און אין קאַנאַדע, געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק) און אים באַשטימט פאַר מײַן פאַרטרעטער און פאַרן אָנפירער פון דער גרופּע. כ'האָב אים אויפגעקלערט ווי אַזוי זיי דאַרפן גיין פאָרויס — דורך דעם ערדקנייטש וועלכער פירט פון דער הייך צום טאָל, וואָס איז אַ גוטע באַהעלטעניש פאַר די גייערס. בעת כ'האָב אים אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן די לעצטע אָנווײַזונגען — די צײַט האָט געיאָגט און דער מאָרגן־שטערן האָט זיך באַוויזן פריער ווי כ'האָב אים דערוואַרט — האָב איך דערזען ווי דער אויסקוקער קריכט צו מײַן זײַט צו. ער האָט מיר געמאָלדן, אַז ער האָט באַמערקט אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג עטלעכע הונדערט מעטער מיזרח־זײַט פון אונדז. כ'האָב זיך צוגעשאַרט צום אָבסערוואַציע־פּונקט און פאַר מײַנע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט, שווין אין ליכט פון אַ קלאָרן פרימאָרגן, אַן איינהייט פון דער גרענעצוואַך, וואָס רינגלט אַרום אַ גרופּע מענטשן אָנגעטאָן ווי ייִדן. כ'האָב קיין ספק נישט געהאַט, אַז דאָס איז טאַקע די

הויפּט־קאַמפּאַניע וואָס האָט פּאַרשפּעטיקט. ס'איז מיר נישט געווען קיין ספק, אַז איך טאָר מער נישט פאַרבלײַבן אויפן אָרט און שטעלן אין געפאַר די נוטרים. איך מוז זיי אַרויסראַטעווען פאַר יעדן פּרײַז. אַזאַ איז געווען דער באַפעל און איך מוז לויט אים האַנדלען. אין אַ שנעלן באַוועגן זיך, טײלווײַז קריכנדיק און טײל־ווײַז גליטשנדיק זיך זענען מיר פאַרשווונדן הינטער דעם ערד־קנייטש און דערנאָך מיט אַ לײַכט לויפן אָנגעקומען קיין עין־חרוד.

כ'האָב איבערגעגעבן דער קאָמאַנדע פון דיסטריקט וואָס ס'איז געשען, כ'האָב זיך אויף דער שנעל פאַרבונדן מיט דער הויפּט־קאָמאַנדע און זיי האָבן אונדז געהייסן אַנטלויפן פון עין־חרוד — אויס מורא פאַר אַ רעוויזיע, — אָבער נישט קיין גוואַלד. די סערזשאַנטן־נוטרים, האָט מען מיר געזאָגט, דאַרפן תּיכּף און אויפן קירצסטן וועג זיך אומקערן אויף זייערע ערטער און אײַנ־שרײַבן זייערע נעמען אין די טאָגביכער פון די סטאַנציעס, כּדי צו פאַרטושן די שפּורן פון זייער אָפּוועזנהייט. ס'איז געווען אַ חשש אַז די ענגלענדער זאָלן זיך דערוויסן אַז די נוטרים אין אוניפאָרמען האָבן זיך באַטייליקט אינעם קורס און דאָס פאַר־שרײַבן די נעמען אין די טאָגביכער האָט געדאַרפט דינען ווי אַן „אַליבי".

דעם גאַנצן טאָג בין איך פאַרבליבן אין עין־חרוד, כּדי נאָכ־צופאָלגן וואָס ס'איז געשען מיט די מ"ג (דרײַ און פערציג). כ'האָב געהאָפט אַז דורך די לאָקאַלע אינסטיטוציעס און מיט דער הילף פון עטלעכע מענטשן פון די מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָבן נישט געהערט צו די ליבהאָבערס פון די אַראַבער, וועט מיר אַפילו געלינגען זיי צו באַפרײַען. אויף מאָרגן בין איך גע־פאָרן קיין עפולה, כ'בין אַרײַן צום סעקרעטאַר פון דעם שטעטל און אים געבעטן ער זאָל דורכן טעלעפאָן מעלדן מײַן פאָטער אַז איך בין געזונט. איצט האָב איך זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט די דרײַ און פערציק אַרעסטירטע, וואָס זענען שוין געהאַט אַרי־בערגעפירט געוואָרן אין דער תּפיסה אין עכּו, און אָרגאַניזירן

זייער יורידישע פּאַרטיידיקונג. כ'בין געוואָרן אַ בן־בית אין דער דאַזיקער תּפיסה. זענען דאָך דאָרט געזעסן אויך מײַנע חברים פון גינוסר וואָס צוזאַמען מיט זיי האָב איך פּאַרטיידיקט די וואַסערקוואַלן פון קיבוץ. (די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט מיטן טויט פונעם אַנפירער פון שכנותדיקן דאָרף און מיטן פאַרוווּנדן צוויי אַנדערע אַראַבער. מײַנע שלאַכט־חברים זענען אַלע געווען נוטרים און איך האָב אויסגעמיטן דעם אַרעסט בלויז דערפאַר וואָס כ'בין שוין נישט געווען קיין נוטר און מײַן נאָמען איז נישט דערשינען אין דעם טאָגבוך פון דער סטאַנציע). די גאַנצע צײַט וואָס די חברים פון מײַן קיבוץ זענען געזעסן אין תּפיסה, פלעג איך זיי רעגולער אָפּשטאַטן אַ וויזיט, אין דער באַגלייטונג פון מ. עליאַש און י. ש. שפּיראָ, וואָס זענען געווען זייערע אַדוואָקאַטן אין אויפטראָג פון דער „הגנה". און אַזוי, אונטערן אויסרייד אַז איך קום מיט אַ וויזיט צו מײַנע חברים פון גינוסר, בין איך אַרײַן אין דער עפּו'ער תּפיסה שוין אויף מאָרגן נאָכן אַרעסט פון די דרײַ און פּערציק. דער קאָמענדאַנט פון קורס רפאל לעוו, זײַן פּאַרטרעטער משה כּרמל און די מדריכים משה דיין און יעקב סאַלאָמאָן האָבן דערציילט ווי אַזוי זיי זענען געכאַפּט געוואָרן דורך אַן איינהייט פון אַראַבישן גרענעץ־מיליטער. דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן דערציילט איז דערשינען אין פאָרעם פון אַ בוך — „מ"ג מכתבים של אסיר עברי" (דרײַ און פּערציק בריוו פון אַ יִידישן אַרעסטאַנט) — געשריבן דורך משה כּרמל.

מ"ב

מײַן פאָטערס געזונט איז ערגער געוואָרן און ער איז ווידער קראַנק געוואָרן. בלית־ברירה האָט ער מסכּים געווען אַריבערצוגיין צײַטווײַליק צו מײַן שוועסטער, „אָבער בלויז צײַטווײַליק", ווי ער האָט געזאָגט. ס'איז אַוועק אַ שטיקל צײַט און ער האָט

זיך אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צום געדאַנק אַז ער דאַרף דאָרט פאַרבלײַבן. ס'איז אַוועק נאָך אַ יאָר. מײַן שוועסטער האָט מיר געשריבן אַז דער טאַטע פילט זיך טאַקע גוט, ער קען זיך אָבער נישט אַקלימאַטיזירן אינעם לעבן פון חיפה. און נאָך האָט זי מיר געשריבן, אַז ער בענקט נאָך מיר און רעדט אַ סך וועגן מיר. כ'האָב געוווּסט אַז דער איינציקער אופן אים צו פאַרגיטיקן פאַרן נישט אומקערן זיך אין כּפר־תּבֿור איז אים צו דערמעגלעכן לעבן אַ פול דאָרפלעבן. אויך דאָס מאָל, אָן קיין שום צוגרייטונגען און נישט באַראַטנדיק זיך פריער מיט די ברידער און מיט דער שוועסטער, האָב איך זיך געוואָנדן צו מײַן קאָמענדאַנט אין גליל־דיסטריקט, נחום שדמי — דאָס איז געווען אָנהויב 1940 — און אים געבעטן ער זאָל מיר באָרגן זײַן אויטאָ. כ'בין אַוועקגעפאָרן צו מײַן שוועסטער אין חיפה און געזאָגט דעם טאַטן אַז כ'בעט אים ער זאָל קומען מיט מיר קיין גינוסר. און כּדי צו באַפעסטיקן מײַנע רייד, האָב איך אים פאַרגעלייגט דעם איינשטימיקן באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס רופט אים קומען זיך באַזעצן צווישן אונדז. נאָך אַ שטילשווײַגן פון עטלעכע מינוט האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן:

„ווי אַזוי האָסטו געוווּסט וועגן צו קומען?"

„כ'האָב געפילט אַז ס'איז געקומען די צײַט" — האָב איך געענטפערט.

„אמת, ס'איז געקומען די צײַט" — האָט ער געענטפערט. „איך פאָר מיט מיט דיר, זאָג מיר אָבער: צי איז גינוסר דײַן היים? צי ביסטו זיכער אין דעם? כ'האָב שוין צוויי מאָל פאַרלאָזן מײַנע נחלות — מחניים און כּפר־תּבֿור. איך בין מער נישט גרייט צו וואַנדערן".

איך האָב געוווּסט אַז דאָס פאַרלאָזן מחניים און דאָס פאַרלאָזן כּפר־תּבֿור זענען פאַרבליבן צוויי אָפענע און ברענענדיקע וווּנדן אין זײַן האַרצן. כ'האָב אים צוגעזאָגט אַז ער וועט מער נישט דאַרפן וואַנדערן. כ'האָב אַרײַנגעטאָן זײַנע זאַכן אין אויטאָ

און צוויי שעה שפּעטער זענען מיר געווען אין גינוסר. דאָס אָרט איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט אָנגעבונדן האַרציקע באַציונגען מיט די עלטערע קיבוץ־חברים. און דאָך האָבן אין זײַן צופּאַסן זיך צום לעבנס־שטייגער פון קיבוץ נישט געפעלט אויך קיין יסורים. אין כּפר־תּבור איז ער געווען אַ בעל־הבית מיט אַ באַלעבאַטישקייט און איך בין געווען זײַן זון און זײַן חניך און דאָ, אין גינוסר, איז ער געווען דער פאָטער פון יגאַלן, אויס־געהאַלטן דורכן קיבוץ. כּל־זמן זײַן געזונט האָט אים דערלויבט, פלעג ער אַרבעטן, באַזונדערס אין קליינעם גערטנדל לעבן זײַן הויז. ער פלעג אָבער אַרײַנגיין אין הויף פון קיבוץ. דער אויפ־שוווּנג און די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע מעטאָדן וואָס זענען אײַנגעפירט געוואָרן אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט האָבן אים שטאַרק באַאײַנדרוקט. און דאָך האָט ער זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון צו מאַכן באַמערקונגען בנוגע ענינים וואָס זענען אין זײַנע אויגן נישט געווען כּשורה. אַזוי למשל האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס ביסל נאַכלעסיקייט וואָס באַגלייט אין דער אָדער אַנדער פאָרעם יעדער קיבוצישער באַלעבאַטישקייט, און ער האָט נישט געקענט משלים זײַן מיט פאַרשיידענע קלייני־קייטן ווי דאָס איבערלאָזן שטיקער האָלץ נישט אויף זייער אָרט, אָדער די שלעכטע געוווינהייט נישט צוריקצוטראָגן דאָס געצײַג און אַנדערע אַרבעט־מכשירים אין מחסן נאָך דעם ווי מ׳האָט אויפגעהערט זיך מיט זיי צו באַנוצן. אַרומדרײַענדיק זיך גלאַט אַזוי איבערן הויף, פלעג ער נישט איין מאָל אויסדריקן זײַן אומ־צופרידנקייט ווען ער האָט דערזען אַ ברעט מיט אַן אַרויסגע־סטאַרטשעטן טשוואָק וואָס זײַן געפערלעכער שפּיץ איז געווענדט אויף אַרויף. טייל מאָל האָב איך אים געפונען ווי ער מאַכט אָרדענונג אין אַ פאַרלאָזן ווינקל, כאָטש קיינער האָט עס אים נישט געבעטן — אַ וואָר אויג פון אַן אמתן בעל־הבית, וואָס איז נישט גרייט און קען נישט בײַטן זײַנע געוווינהייטן אַפילו נאָך דעם ווי ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט.

ווי געזאָגט, האָט ער געהאַט אויסצוזעצן אויף דער אָדער אַנדערער זײַט פון קיבוץ. ער איז אָבער געווען שטאַרק באַגײַס־טערט פון דער סאָלידאַריטעט וואָס האָט אין אים געהערשט. איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט, ווי אין אַ געלעכטער: „איך דאַרף נאָך אויספּרווון ווי אַזוי ס׳פילט זיך אַ חבר פון קיבוץ אין מיטעלן עלטער, אָבער ס׳איז קיין ספק נישט אַז פאַר יונגע און זקנים איז דער קיבוץ אַ גן־עדן". אויך אין דעם פרט האָט אים זײַן געזונטער חוש נישט פאַרפירט, ווײַל ס׳קען דאָך נישט זײַן קיין צווייפל אַז פאַר קינדער און יוגנטלעכע איז זיך בכלל נישט פאַרצושטעלן קיין פרײַערע און גליקלעכערע באַדינגונגען ווי די פונעם צוזאַמענלעבן אין קיבוץ, וואָס זײַן געזעלשאַפט האָט אַנט־וויקלט אַ גאַנץ באַזונדערע באַציונג — וואָס האָט קיין גלײַכע נישט צו זיך — צו די באַדערפענישן פון די קינדער און יוגנט־לעכע. און וואָס שייך דער סאָציאַלער זיכערקייט און דער מעג־לעכקייט פאַרן מענטשן צו געפינען פאַר זיך אַן אָרט אויך אויף דער עלטער, איז אַ ספק צי מ׳קען זיך פאָרשטעלן אַ מער אידעאַלן מצב ווי דער פון דעם אַלטן מאַן אין קיבוץ. דאָס גוטע געפיל פון אָט די ביידע עלטער־גרופּעס אין קיבוץ האָט אין זײַנע אויגן נישט באַדאַרפט האָבן קיין באַווײַזן; ער איז נאָך אָבער דערווײַל נישט געווען זיכער ווי אַזוי עס פילט אַ חבר פון קיבוץ, וואָס האָט שוין אויסגעשעפּט זײַנע מעגלעכקייטן אין דער פיזישער אַרבעט און איז נאָך נישט דערגאַנגען צום הויכן עלטער. ביז זײַן לעצטן טאָג האָט ער נישט אָנגענומען קיין ענדגילטיקע שטעלונג אין דעם ענין.

אויך דאָ, אין גינוסר, פלעג ער יעדן טאָג גיין צו פוס זײַנע פינף קילאָמעטער. נאָכן זונפאַרגאַנג פלעג ער אָנטאָן זײַן היטל מיטן דאַשעק, נעמען זײַן שטעקן אין האַנט אַרײַן און שפּאַנען מיט געמאָסטענע און געלאַסענע טריט איבער די שטעגן פון די פעלדער אָדער בײַ דער זײַט פון כביש. „דאָס גיין איז גוט פאַרן געזונט", פלעג ער זאָגן. „און אויך דער געדאַנק ווערט קלאָרער

בעתן גיין״. אין איינעם פון זײַנע שפּאַצירן האָט ער זיך געפונען אַרײַנגעמישט אין אַן אינצידענט מיט אַראַבער, דער לעצטער אין זײַן לעבן. דאָס האָט מיר דערציילט זרובבל בן־נור, איינער פון די וותיקים אין גינוסר:

„געווען איז עס זומען 1955. דער טאַטע איז דעמאָלט געווען אין די מיטעלע אַכציקער יאָרן. אַלע חברים פון קיבוץ זענען געהאַט אַוועקגעפאָרן צו דער חתונה פון אַ זון פון אַן אַרטיקן אַראַבישן פרײַנד. אויסער אים איז קיינער נישט פאַרבליבן אין קיבוץ. אָוונט־צו איז ער אַרויס ווי געוויינלעך אויף זײַן שפּאַציר און אויך כּדי צו עפענען אַן אויג אויפן פעלד פון די אבטיחים (אַרבוזן) וואָס האָט זיך געפונען בײַם הויפּט־כּביש. דערנענטערנ־דיק זיך צום פעלד האָט ער דערזען צוויי יונגע, אַן ערך אַכצן־יאָריקע אַראַבער וואָס האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו גנבענען די אבטיחים. ער האָט זײַ געלאָזט טאָן דאָס זייעריקע און האָט זיי איבערראַשט פון הינטן. ער האָט געגעבן אַ געשריי און זיי באַפוילן אויפצוהייבן די הענט. די אַראַבער זענען גע־בליבן ווי פאַרגליווערטע אויפן אָרט, מיט די הענט אין דער הייך. דער טאַטע האָט זיי גלײַך געהייסן אַרונטערלייגן די הענט הינטערן רוקן און זיי האָבן געפאָלגט. האָט ער בײַ זיי גענומען די דינע שטריק וואָס זיי האָבן בײַ זיך געהאַט, האָט זיי געבונדן און זיי אָפּגעפירט אין הויף אַרײַן. דאָרט האָט ער זיי אַרײַנגעזעצט אין מחסן, פאַרשלאָסן די טיר און געוואַרט ביז ס׳וועט צוריקקומען דער ראַיאָן־קאָמענדאַנט״.

מ״ג

דאָ, אין גינוסר, האָט ער צו זײַן פאַרדרוס באַנײַט זײַנע קאָנטאַקטן מיט די באַאַמטע פון דער פּיק״אַ, פון וועלכע ער איז געווען אָפּגעריסן אַ סך יאָרן. מ׳דאַרף נישט זאָגן אויף וועמענס

זײַט ער האָט זיך אָװעקגעשטעלט אין אונדזער קאַמף מיט דער געזעלשאַפט װאָס זײַן באַציִונג צו איר איז געװען אױב נישט אין גאַנצן אַ נעגאַטיװע, איז לכל־הפּחות אַ געמישטע. אין אַ געװיסן עטאַפּ פֿונעם קאַמף האָט פּיק״אַ באַשלאָסן זיך צו װענדן צום געריכט כּדי צו באַקומען אַן אױספּיר־באַפֿעל װאָס זאָל איר מעגלעך מאַכן אונדז אַראָפּצוטרײַבן פֿון באָדן. מײַן פֿאָטער האָט מורא געהאַט די געזעלשאַפֿט זאָל אַ מאָל נישט געװינען דעם דאָזיקן פּראָצעס, לאַװ דװקא װײַל זי איז געװען גערעכט, נאָר אַ דאַנק די מיטלען מיט װעלכע זי איז עלול געװען זיך צו באַנוצן כּדי צו פֿאַרזיכערן פֿון פֿאָרױס דעם פּסק־דין. אין אײנעם אַ טאָג, װען כ׳בין אַרײַן מיט רותן אין זײַן צימער, אױף אַ גלאָז טײ, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

„מיר דאַכט זיך אַז דער פּראָצעס װעט בטל װערן.״

„פֿון װאַנען נעמסטו דאָס?״, האָב איך אים געפֿרעגט.

זײַן תּשובֿה איז געװען:

„הײַנט אין דער פֿרי, װען כ׳האָב שפּאַצירט אין װעלדל, האָב איך אָנגעטראָפֿן דעם הער X פֿון דער פּיק״אַ־אָנפֿירונג אין חיפֿה. ער איז געקומען כּדי צו באַקוקן דעם שטח און זיך ביטער באַקלאָגט אױף די װתיקים פֿון גינוסר, גאַנץ ספּעציעל אױף דיר, לױט אים צעשטערט איר דאָס געזעץ און רירט אָן דעם כּבֿוד פֿון פּיק״אַ. הער X האָט מיך געבעטן כ׳זאָל אים העלפֿן צו װירקן אױף אײַך איר זאָלט אָננעמען דעם פֿאָרשלאָג פֿון דער געזעלשאַפֿט און זאָלט אַריבער אױף אַן אַנדער התּישבֿות־אָרט.״

„און װאָס האָסטו אים געזאָגט?״ — האָב איך געפֿרעגט.

„װאָס איך האָב געזאָגט? כ׳האָב אים געזאָגט: גוט, װאָס כ׳האָב דיך געטראָפֿן, הער X, װײַל דו װײסט דאָך אַז צװישן אַלע מנוװלים אין דער פּיק״אַ האָב איך דיך תּמיד געהאַלטן פֿאַר אַן אָנשטענדיקן מענטשן. דעריבער, הער X, זע איך װי מײַן פֿאַרזענלעכן חובֿ צו װאָרענען דיך פֿאַר דער סכּנה װאָס שװעבט איבער דײַן קאָפּ... װאָסער סכּנה? האָט הער X געפֿרעגט און

איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳האָב געהערט אַז פּיק״אַ פֿאָדערט אויף גינוסר צום געריכט און אַז חברה האָט באַשלאָסן אַז אויב גינוסר וועט דעם פּראָצעס פֿאַרלירן, וועלן זיי הרגענען עטלעכע אָנפֿירערס פֿון פּיק״אַ און דיך צווישן זיי. דעריבער איז בעסער איר זאָלט זיך צוריקציען פֿון דאָזיקן פּראָצעס!״.

„און דו גלייבסט באמת, אַז די דאָזיקע דראָונג איז גענוג כּדי זיי אָפּצושרעקן?״

„איך גלייב אַז דאָס לעבן זייערס איז זיי טײַערער ווי דאָס הערשן איבער די באָדנס אין גינוסר־טאָל״, — האָט דער טאַטע געענטפֿערט און צוגעגעבן: „איך מיין אַז קיין פּראָצעס וועט נישט זײַן״.

קיין פּראָצעס איז נישט געווען, און ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס איך נישט פֿאַר וואָס ער איז בטל געוואָרן. אָבער דער טאַטע איז געווען זיכער אַז מיטן פֿאַרשפּרייטן דעם קלאַנג וועגן דער דראָונג, וואָס האָט פּאַקטיש קיין שום גרונט נישט געהאַט, האָט ער אויסגעפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון גינוסר. ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, געוווּסט אַז מיר וועלן זיך נישט באַנוצן מיט די גוואַלד־מיטלען, מיט וועלכע ער האָט איבער־געשראָקן דעם הער X. אָבער זעט אויס אַז ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט דער דראָונג, ווי איינער זאָגט: אויב ס׳וועט נישט העלפֿן, וועט עס נישט שאַטן.

מ״ד

כ׳האָב שוין דערציילט וועגן דער ערשטער באַגעגעניש פֿון מײַן פֿאָטער מיט יצחק שׂדה, נאָך וועלכער ס׳זענען געקומען אַ סך באַגעגענישן — תּחילת אין כּפֿר־תּבֿור, און שפּעטער אין גינוסר. יצחק, וועלכער איז געווען דער מײַסטער פֿון באַציונגען מיט מענטשן, האָט אים אָפּגעגעבן כּבֿוד, וואָס האָט זיך מיר טייל מאָל

אַפילו אויסגעזוען צו זײַן איבערגעטריבן. ער פלעג אים אַ מאָל אויך ברענגען אַ פלאַש בראָנפן, און היות ווי ביידע האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון ביטערן טראָפּן, פלעגן זיי אָנקלאַפּן זייערע גלעזלעך און שוועבן אין אַ פרײַנדלעכער און וואַרעמער אַטמאָ־ספער וואָס האָט תּמיד באַגלייט זייערע באַגעגענישן. טייל מאָל, כּדי צו פאַרשאַפן מײַן פאָטער אַ פאַרגעניגן, פלעג דער אַלטער אויך אָפּגעבן מיר אַ שבח. מיט זײַן פּילזײַטיקער פּערזענלעכקייט האָט יצחק געוווּסט ווי אַזוי צוצובינדן מענטשן צו זיך און איך בין געווען שטאַרק צופרידן פון דעם צובונד וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן אָט די ביידע זקנים, וועלכע האָבן זיך איינער דעם צווייטן ליב געהאַט און געשעצט.

וואָס שייך מײַן טעטיקייט און מײַן פונקציע, איז מײַן פאָטער געווען, ווי מען זאָגט, „אין קורס פון די ענינים". אין 1941, ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער פּלמ״ח, האָט שוין מײַן פאָטער געלעבט אין גינוסר און אַזוי אַרום האָט ער געקענט בײַוווינען די גרינדונג־צערעמאָניע אין יענעם עווקאַליפּטוס־וועלדל בײַם ברעג פון כּנרת, וואָס האָט זוכה געווען אַרײַנצוגיין אין דער געשיכטע. גאַנץ אָפט פלעג ער קומען אין דאָזיקן וועלדל זיך צוקוקן צו דער פּלוגה א' פון פּלמ״ח, מײַן פּלוגה, צו אירע אי־בונגען, טרענירונגען און שפּײַטערס. נישט איין מאָל פלעג ער זיצן מיט אונדז אַרום דעם שפּײַטער, אַ ביסל ווי אַ זײַטיקער, און פלעג זיך צוהערן צו אונדזערע שמועסן און געזאַנגען. טייל מאָל, ווען דער ניגון איז אים געווען באַקאַנט, פלעג ער שטיל מיטזינגען מיט אונדז. אַ דאַנק זײַן נאַטירלעכן טאַקט, האָט ער תּמיד גע־וווּסט די גרענעץ און איז קיין מאָל נישט געווען קיין לאַסט פאַר זײַן סביבה.

כאָטש ער איז דערצויגן געוואָרן אויף דער ליטעראַטור פון דער השׂכּלה און פון די חובבי־ציון, און האָט געטראַכט און געלעבט מיט די באַגריפן פון זײַן תּקופה, די באַגריפן פון נאַציאָ־נאַלן רענעסאַנס און גאולה, איז זײַן שפּראַך פרײַ געווען פון

מליצות. בין איך דעריבער אין איינעם אַ טאָג אַזוי דערשטוינט געוואָרן ווען ער האָט מיר געזאָגט: „יגאל, צי האָסטו זיך אָפּגע־געבן אַ חשבון אַז, זײַענדיק דער קאָמענדאַנט פון דער ערשטער פלוגה פון פלמ״ח, ביסטו דער ערשטער קאָמענדאַנט פונעם זעלבשטענדיקן ייִדישן מיליטער זינט בר־כּוכבא?"

אויך איך בין נישט פרײַ פון היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס. אָבער די דאָזיקע רייד זײַנע האָבן מיך שטאַרק דערשטוינט, היות ווי זיי האָבן נישט געשטימט מיט זײַן אופן פון אויסדריקן זיך און זײַן פשוטן און זאַכלעכן אַרט רעדן.

צום פלמ״ח האָט ער זיך באַצויגן מיט אַן אויסערגעוויינלע־כער ערנסטקייט בעת מיר האָבן זיך צו אונדז אַליין באַצויגן מיט אַ ביסל ביטול און מיט אַ גרויסער מאָס לײַכטקייט, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די יונגע. אַן איבערגענומענער מיט אונדזערע איבונגען און אַ באַגײַסטערטער מיט דעם הויכן ניוואָ פון אונדזערע געוואַגטע שפּרונגען און פון די נאַכט־אַקציעס, פלעג ער מיר טייל מאָל זאָגן: „מיר האָבן דאָס נישט געקענט. ווען מיר וואָלטן דאָס געקענט טאָן אין אונדזער צײַט... אַ־האָ! ווער ווייס ווּהין מיר וואָלטן דערגאַנגען".

דאָס וואַקסן פון פלמ״ח האָט ער באַגלייט אויף אַן אינטימען אופן, סײַ מחמת ער האָט אים צוגעטיילט אַ מיליטעריש־פּאָליטישע וויכטיקייט פון דער ערשטער מדרגה, ממש אַ היסטאָרישע וויכטי־קייט, סײַ מחמת איך בין געווען אין אים אַרײַנגעמישט פון זײַנע ערשטע שריט. מײַן וועלט איז געוואָרן זײַנע און אַלע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער נאָכגעפאָלגט מײַנע טעטיקייטן. און איך פלעג אים, ווי ווײַט מעגלעך, משתּף זײַן צו מײַנע מעשׂים און פלעג אים דערציילן אַלץ וואָס האָט אים געקענט אינטערעסירן. ער איז געווען אַן עדות פון די פּאָליטישע דיסקוסיעס און קאַמפן, ספּע־ציעל פון די וואָס זענען אָנגעגאַנגען אַרום דעם חלוקה־פּלאַן. פון איין זײַט איז ער נישט געווען גרייט משלים צו זײַן מיט אונדזער מוותּר זײַן אויף מער ווי אַ העלפט פון ארץ־ישׂראל.

ער האָט געהאַלטן אין איין טענהן אַז מיר האָבן שוין סײַ ווי סײַ מוותּר געווען אויף מער ווי אַ העלפט פון לאַנד, ווען ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן די מיזרח־מלוכה פון עבר־הירדן. פון דער אַנדערער זײַט איז ער געווען פעסימיסטיש וואָס שייך דער יכולת פון ייִשוב גובר צו זײַן די ענגלענדער. לויט אים — דאָס איז אויך געווענדט געווען צו מיר — האָבן מיר אונטערגעשאַצט דעם כּוח פון דער אימפּעריע, וואָס האָט, ווי ס׳זעט אויס, באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון ייִדישן ייִשוב אין לאַנד. ער האָט משלים געווען מיט אונדזער אַנטי־בריטישן קאַמף און מיט אַ ציטערדיק האַרץ באַגלייט אונדזערע אַקציעס. ער האָט אָבער נישט געלייגט אויף זיי קיין גרויסע האָפענונגען. מיט אַ באַהאַלטענער זאָרג פלעג ער זיך געזעגענען מיט מיר פאַר אַן אַקציע און מיט אַן אָפענער פרייד פלעג ער מיך אויפנעמען ווען כ׳בין פון איר צוריקגעקומען אַ גאַנצער און געזונטער. ער האָט געציטערט די ענגלענדער זאָלן מיך נישט אַרײַנזעצן אין תּפיסה אויף אַ לענגערער צײַט.

אַ גרויסער טייל פון מײַנע טעטיקייטן — הן אין דער תּקופה פון קאַמף, הן אין די ערשטע עטאַפּן פון דער באַפרײַונג־מלחמה — זענען פאָרגעקומען אין צפון פון לאַנד און כ׳האָב דעריבער געקענט קומען אַהיים גאַנץ אָפט. דאָס רוב פלעג איך צוריקקומען באַגינען און אַן קווענקלענישן אָדער קוקן אויפן זייגער פלעג איך אָנקלאַפּן אין דער טיר פון זײַן צימער און אַרײַנגיין אים זאָגן „גוט־מאָרגן". גוט זענען טאַקע געווען די מאָרגנס אין טאַטנס צימער. מיט אַ ליכטיק און פריילעך פּנים פלעג ער אויפשטיין פון בעט, פאַרבריען אַ גלאָז טיי און טייל מאָל אַפילו אַרויסציען אַ פלעשל אַראַק פון באַר כּדי צו באַגיסן צוזאַמען מיט מיר די געלונגענע אַקציע. אויסגעצייכנטע באַציונגען האָבן זיך געשאַפן צווישן רותן און אים. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געפילט איינזאַם בעת איך בין געווען ווײַט פון דער היים און די טעג ווען כ׳בין געווען אויסערן קיבוץ זענען געוואָרן אַלץ מערער,

וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צום צווייטן און אַנטשיידנ־דיקן עטאַפּ פון דער באַפרייונג־מלחמה — דעם עטאַפּ פון דער אָפענער מלחמה מיט די אַראַבישע לענדער.

ווי געזאָגט, האָבן מיך מײַנע אויפגאַבעס אַלץ מער דער־ווײַטערט פון דער היים, כ׳האָב זיך אָבער תּמיד באַמיט אָנצוהאַלטן מיט איר אַ פאַרבינדונג, צי דורך אַ צעטל וואָס כ׳פלעג צו איר איבערשיקן, צי דורך אַ לעבעדיקן גרוס מיט אַ פרײַנד, וואָס האָט געדאַרפט קומען אין גינוסר, צי דורך דער פרעסע, וואָס אויך זי קען באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרבינדונג, כאָטש אַן אומדירעקטע און אומפּערזענלעכע. מיט וואַכזאַמקייט און מיט אַ ציטער האָט ער נאָכגעפאָלגט אַלע עטאַפּן און ספּעציעל מײַן אָנטייל אין זיי.

אין אַפּריל 1948, ווען כ׳האָב באַקומען די קאָמאַנדע איבער דער „יפתח־אַקציע" (מבצע יפתח), וואָס האָט געדאַרפט באַ־פרײַען דעם אייבערשטן גליל און די באַלאַגערטע צפת, וועלכע איז געשטאַנען אין שווערן פאַרטיידיקונג־קאַמף, בין איך אָפּגע־טרעטן אין גינוסר כּדי זיך צו באַגעגענען מיט איר, מיט מײַן משפּחה און מיט די חברים פון קיבוץ. אַן ערך דרײַ שעה האָב איך פאַרבראַכט מיט איר און אין משך פון גאַנצן שמועס האָט ער נישט אויפגעהערט אונטערצושטרײַכן פאַר מיר ווי גרויס עס איז די סטראַטעגישע וויכטיקייט פון הר־כּנען. דעם דאָזיקן באַרג און די פּייזאַזשן וואָס קוקן אַראָפּ פון איר האָט ער זייער שטאַרק ליב געהאַט — אפשר דערפאַר וואָס ער האָט איין מאָל באַגעגנט אויף איינעם פון זײַנע שיפּועים אַ מיידל וואָס רײַט אויף אַן אייזל, אַ מיידל וועלכע איז געוואָרן זײַן פרוי? אָבער דאָס מאָל האָט ער נישט גערעדט וועגן דער שיינקייט פון די פּייזאַזשן פונעם באַרג, נײַערט פון זײַן וויכטיקייט ווי אַ צענטראַלע סטראַטעגישע באַזע, וואָס יעדער וואָס הערשט איבער איר, הערשט איבער דעם גאַנצן אייבערשטן גליל.

מ״ה

די שלאַכטן פאַרן באַפרײַען דעם אייבערשטן גליל זענען אָנ־געגאַנגען מיט דער גאַנצער קראַפט. כאָטש זײַ זענען פאָרגעקומען ווײַט פון זײַן הויז, האָבן זיך זייערע אָפּקלאַנגען גוט געהערט אין אים. אַ צײַט שפּעטער האָט ער מיר דערציילט אַז בעת דער אַנט־שיידנדיקער שלאַכט בײַ צפת, בעת דער דונער פונעם אויפרײַס־מאַטעריאַל האָט זיך אָראָפּגעקײַקלט פון הר־כנען און איז דער־גאַנגען ביז צום גינוסר־טאָל, איז ער די גאַנצע צײַט געזעסן אין דרויסן און געפּרוּווט טרעפן לויט די מלחמה־אָפּקלאַנגען ווי עס זעט אויס די מיליטערישע סיטואַציע און וואָס ס׳געשעט מיר פערזענלעך אין די געשפּאַנטע מינוטן פון דער שלאַכט. דאָס אײַננעמען צפת האָט געבוירן אַ שיינע לעגענדע וואָס איז טאַקע פאַרבונדן מיט מיר, אָבער אויב איך ברענג זי דאָ אַזוי ווי זי ווערט דערציילט, איז עס בלויז ווײַל ס׳איז אַ שאָד צו פאַרלירן אַזאַ שיינע דערציילונג. עס שרײַבט ד״ר יעקב הרוזן:

„דאָס באַפרײַען דעם גליל ווערט ברייט באַשריבן אין די ביכער וועגן דער זעלבשטענדיקייט־מלחמה. אָבער אין די געסלעך פון צפת האָט מען נאָך אַ לאַנגע צײַט ווײַטער דערציילט די נסים ונפלאות וועגן דעם אָפּראַטעווען פון צפת. די אַלטע ייִדן האָבן געדענקט ווי אַזוי דער יונגער גענעראַל יגאל, דאָס אייניקל פון ר׳ אלתר שוואַרץ פון צפת, דער חלוץ פון די חלוצים וועלכער האָט פאַרלאָזט זײַן הויז און איז אַוועק אין געאונאַ כּדי זי צו פאַרוואַנדלען, צוזאַמען מיט זײַנע חברים, אין „גיא־אוני״, צפת די שטאָט פונעם אר״י הקדוש, האָט בכן זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערן דורך יגאלן, דעם קאָמאַנדיר וואָס צפתער בלוט שטראָמט אין זײַנע אָדערן.

„אין יענער צײַט פלעגן די נשים צדקניות פון דער הייליקער שטאָט מיט שטאָלץ דערציילן וועגן די פלמ״חניקעס און זייערע

קאַמאַנדירן ווי וועגן צדיקים און מושיעים און מיט זייער צע־שפּילטער פֿאַנטאַזיע אויסמאָלן ווי אַזוי ס'איז געשען דער נס פֿון צפֿת. גאַנץ פּשוט, אַלע קדושים וואָס ליגן אויפֿן בית־החיים האָבן זיך אויפֿגעהויבן און זענען אַרויס פֿון זייערע קברים (עט־לעכע פֿון די צפֿתער ווײַבער האָבן אַפֿילו געהערט דעם גערויש וואָס זיי האָבן געמאַכט אויפֿשטייענדיק פֿון זייער מנוחה) און נאָך דעם ווי זיי זענען אַדורך דעם אַפּעל זענען זיי צוגעשטאַנען צו די קעמפּער־פֿאָרמאַציעס. צו יעדן איינציקן פּלמ"חניק זענען צוגעטיילט געוואָרן צוויי פֿון די גדולי ישראל וואָס האָבן אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. גלײַכצײַטיק האָט מען אַ גאַנצן טוץ פֿון די גרעסטע צדיקים צוגעטיילט צו יגאלן און זיי האָבן אים באַשיצט פֿון אַלע זײַטן (אַפֿילו אַ געפּאַנצערטער טאַנק וואָלט אים בעסער נישט באַשיצט). און צווישן די באַשיצערס האָט נישט געפֿעלט דער צפֿתער ר' אלתר שוואַרץ, וואָס איז גע־שטאַנען בײַ דער זײַט פֿון ר' יוסף קאַרו. וואָס איז בכן דער וווּנ־דער אַז צפֿת האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און אַז די וואָס האָבן געוואָלט איר שלעכטס טאָן זענען אַנטלאָפֿן ווי די האָזן."*

אין דער באַפֿרײַונג־מלחמה האָב איך אויך איבערגעלעבט שווערע אינערלעכע ראַנגלענישן וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף זייער כאַראַקטער און זייערע סיבות.

אַ מאָל פֿלעג איך דערציילן מײַן פֿאָטער וועגן אַ טייל פֿון מײַנע ראַנגלענישן, כ'האָב זיך אָבער אָפּגעהאַלטן אים משתּף צו זײַן צו פֿיל אין מײַנע אַנטוישונגען. כ'האָב דורכגעלעבט איין אַנטוישונג ווי אַ רעזולטאַט דערפֿון וואָס עס איז נישט אָנגענומען געוואָרן דער פּלאַן וועלכן כ'האָב פֿאָרגעלייגט באַלד נאָך דער „יפתח־אַקציע". דער פּלאַן איז געווען: צו קאָנצענטרירן אַ באַ־וועגלעכן כּוח אונטער מײַן קאָמאַנדע, כּדי דורכצופֿירן אַ טיפֿע

---

* „חזון ההתנחלות בגליל", ז' 364.

אַרומרינגלונג פונעם טאָל פון בית־שאַן לענג־אויס דעם ירדן־טאָל, אין דער ריכטונג פון יריחו. דער פּלאַן האָט געהאַט צוויי צילן: אָפּצושנײַדן די כּוחות פון דעם לעגיאָן און פון דעם איראַקישן עקספּעדיציע־כּוח פון דעם מיזרח־ברעג [פון ירדן] און אַזוי אַרום דערגרייכן ירושלים פון הינטן, אַנהאַלטנדיק, פאַרשטייט זיך, אַ פּאַראַלעלן דרוק מצד די צה"ל־כּוחות פון מערב־זײַט.

„נישט געזאָרגט" — האָט מיר דער טאַטע געזאָגט — „ירושלים וועט נישט אַנטלויפן. דו וועסט צו איר דערגרייכן פון אַן אַנדער זײַט."

אַן אַנדערע אַנטוישונג, אַ מער פּײַנלעכע, האָב איך דורכגעלעבט אין יוני—יולי 1948 נאָך דער „דני־אָפּעראַציע" (מבצע דני), אין וועלכער מיר האָבן באַפרײַט די שטעט לוד און רמלה. מיר האָבן ענדגילטיק אַראָפּגענומען די באַלאַגערונג פון דער ייִדישער ירושלים און אויסגעברייטערט דעם קאָרידאָר וואָס פירט צו דער הויפּטשטאָט. אין יענער צײַט האָט די העכסטע קאָמאַנדע פון דער זיכערקייט־מאַכט באַשלאָסן אײַנצוטיילן דאָס לאַנד אין פראָנטן. כ'האָב שטאַרק געוואָלט זײַן דער קאָמענדאַנט פון דעם צענטראַלן פראָנט, וואָס וועט אַרײַננעמען אין זיך ירושלים. כ'האָב געוואָלט קאָמאַנדירן די עקספּעדיציע צו באַפרײַען גאַנץ ירושלים און כ'האָב געגלייבט אַז ס'איז מעגלעך דאָס דורכצופירן. כּדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָב איך זיך אויסגעאַרבעט פאַר מיר אַ פולע סטראַטעגישע טעאָריע, דאָס איז די טעאָריע פון פעבער, לויט וועלכער מע דאַרף זיך ראשית־כּל דורכברעכן אין צענטער און שפּעטער זיך אומווענדן צו ביידע פלאַנגען. איך בין געווען זיכער אין דער טעאָריע און אין אירע פּראַקטישע רעזולטאַטן. אָבער מײַן בקשה באַשטימט צו ווערן ווי דער קאָמענדאַנט פון צענטראַלן פראָנט איז נישט אָנגענומען געוואָרן. איך בין באַשטימט געוואָרן ווי דער קאָמענדאַנט פון דרום־פראָנט.

ווען כ'האָב וועגן דעם דערציילט מײַן פאָטער האָט ער מיר געזאָגט: „מיטן גאַנצן כּבוד צו אַלט־ירושלים, אָבער דער נגב

קען לעבן אָן איר; אָבער ירושלים קען נישט לעבן אָן דעם נגב. נעם אָן די קאָמאַנדע איבערן נגב מיט אַ גוטן ווילן. איך בין זיכער אַז דו וועסט דערגרייכן ירושלים אויך דורכן נגב". און ווען איך בין נאָמינירט געוואָרן ווי דער קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט, האָב איך דערלאַנגט אַ פאָרשלאָג צו דעראָבערן ירושלים און דעם גאַנצן מערב־ברעג דורך אַ מעכטיקער צוואַנג־באַוועגונג, פון דרום און פון צפון, מיט מײַן קאָמאַנדע איבערן דרום־אַרעם. צו מײַן גרויסן צער איז אויך דער דאָזיקער פאָרשלאָג אָפּגע־וואָרפן געוואָרן און שפּעטער האָט מען נאָך גערעדט דערוועגן ווי אַ „בכיה לדורות"... ס'האָט מיך זייער געקרענקט דער אופן ווי אַזוי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט הן אין טעריטאָריאַלן זינען, הן אין פּאָליטישן זינען.

איצט, נאָך דער תקופה פון פּעסימיזם וואָס ער האָט דורכ־געמאַכט אין אָנהויב פון דער מלחמה, איז ער געווען פול מיט אומגעוויינטלעכן בטחון אין די רעזולטאַטן פון דער קאַמפּאַניע און אין די מעגלעכקייטן וואָס עפענען זיך פאַר אונדז.

כ'האָב אַראָפּגעגנידערט צום נגב. דאָס אײַננעמען באר־שבע — די שטאָט וואָס ער האָט גוט געקענט פון דער צײַט פון זײַן דינען אין טערקישן מיליטער — איז אין זײַנע אויגן געווען די העכסטע דערגרייכונג פון אַלע קאַמפּאַניעס אין דער באַפרײַונג־מלחמה. צי איז עס טאַקע אַ קליינקייט וואָס די הויפּטשטאָט פון נגב איז אין אונדזערע הענט און זײַן זון האָט אָנגעפירט מיט איר דעראָבערונג? דאָס האַרץ פון פאָטער איז שטאָלץ און ברייט געוואָרן. אין איין טאָג איז צו מיר דערגאַנגען אַ שטיקל פשוט פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ בלײַ־פעדער: „מײַן ברכה צום באַפרײַען באר־שבע. דאָס איז דער צענטראַלער שיידוועג פון נגב, וואָס מאַכט מעגלעך צו באַפרײַען דעם גאַנצן נגב. דערלויב מיר אָבער צו ציִען דײַן אויפמערק אויף אַן אָרט וואָס מיר פלעגן בשעתו רופן ביר־אַסלאַדזש, דרום־צו צו באר־שבע, אויפן וועג וואָס פירט צום סיני. דאָרט איז

פֿאַראַן אַ קוואַל פֿון פּריש וואַסער און אויך אַ באַרג־פּאַרמאַציע וואָס ס'איז לײַכט צו פֿאַרטיידיקן. כּל־זמן איר האַלט נאָך נישט ביר־אַסלאָדוש, איז באר־שבע אין סכּנה. מײַן עצה איז איר זאָלט וואָס שנעלער אײַננעמען ביר־אַסלאָדוש.

דער גורל אָדער דער צופֿאַל האָט געוואָלט אַז דער דאָזיקער צעטל איז דערגאַנגען צו מיר בעת מיר האָבן זיך טאַקע געגרייט אײַנצונעמען ביר־אַסלאָדוש. כ'האָב דערלאַנגט דעם צעטל מײַן אָפּעראַציע־אָפֿיציר, יצחק רבין, און אים געזאָגט: „נו, יצחק, מע דאַרף אויספֿילן דעם באַפֿעל פֿון טאַטן און וואָס שנעלער אײַננעמען ביר־אַסלאָדוש".

ווען כ'האָב זיך שפּעטער געטראָפֿן מיט מײַן פֿאָטער און אים דערציילט אַז דאָס דעראָבערן ביר־אַסלאָדוש איז באמת געווען לעבנסוויכטיק און אַז זײַן פּלאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ באַרעכטיקטער פֿון סטראַטעגישן קוקווינקל, איז נישט געווען קיין גליקלעכערער מענטש פֿון אים.

מ"ו

נישט תּמיד זענען מיר געווען איינשטימיק אין אַלעם, אַפֿילו נישט אין פּאָליטישע ענינים. ווען כ'האָב זיך באַפֿרײַט פֿון צה"ל, האָט ער נישט פֿאַרהוילן פֿון מיר זײַנע ספֿקות וואָס שייך דעם דאָזיקן שריט. ער האָט וואָס אַן אמת געקענט מײַנע אַנטוישונגען, און ווי אַ פֿויער פּלעג ער זאָגן: „בן־גוריון לײַדט נישט קיין שותּפֿים צום ניצחון. דעריבער האָט ער פֿונאַנדערגעלאָזט דײַן פּלמ"ח, דעריבער וועט ער זיך פֿרייען אויב דו וועסט אויסטאָן דעם מונדיר". אָבער ווען איך האָב אים דערציילט אין וואָסערע אומשטאַנדן איך בין געווען געצוווּנגען אַוועקצוגיין, האָט ער מיט מיר מסכּים געווען זאָגנדיק: „דאָס אָפּהיטן דעם כּבֿוד פֿון מענטשן איז וויכטיקער ווי זײַן אמט, וואָסערער ער זאָל נישט זײַן".

מ״ז

אין די שווערסטע, צום מיינסטן אָנגעלאָדענע טעג פלעג איך מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען צו דערגיין צו מיַין פאָטער, אים צו זען, צו שמועסן מיט אים. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען געבונדן מיט נאָך אַ באַגער: אויסצונוצן יעדער געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט מיַין משפחה און זיך טרעפן מיט חברים פון קיבוץ. אַזוי האָב איך זיך געפירט אין אַלע עטאַפּן פון מיַין מיליטערישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט: ווי אַ נוטר, ווי אַ מאַן פון פו״ש און פלמ״ח, ווי אַ טעטיקער אין די שורות פון „הגנה״ און פון צה״ל, ווי אַ מיטגליד פון דער כנסת און ווי אַ מיניסטער.

אַ גאַנץ יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין סיריע — פון אָנהויב ביז סוף 1942. מיט דער קאָאָרדינאַציע מיט דער יידישער אַגענץ (סוכנות) און מיטן שטאַב פון פלמ״ח בין איך געשיקט געוואָרן טעטיק צו זיַין ווי אַ שליח פון דער בריטישער אַרמיי. מיַין אָפיציעלער אַמט איז געווען: אויפזעער פון „סולל־בונה״ אין סיריע און לבנון — אַן אויסגעצייכנטער קאַמופלאַזש — אָבער די אויפגאַבעס וועלכע כ׳האָב געדאַרפט אויספירן ווי דער קאָמענ־דאַנט פונעם אַראַבישן אָפּטייל זענען געווען ריין מיליטערישע און אונטערגרונט־אויפגאַבעס. צו מיַין דיספּאָזיציע איז געשטאַנען אַן אויטאָ און כ׳פלעג זיך סטאַרען צוצושפּרינגען אַהיים אויפן שנעלסטן און קירצסטן וועג — פון דמשק דורך דער בנות־יעקב־בריק — אַפילו בלויז אויף עטלעכע שעה. כ׳האָב נישט פאַרפעלט קיין איין משפחה־געשעעניש הן אין גינוסר, הן אין הויז פון איינעם פון מיַינע ברידער. אַפילו פון חלב (אַלעפּאָ), וואָס אין צפון־סיריע, פלעג איך קומען קיין גינוסר און נעמען מיַין פאָטער אין מיַין וואָגן קיין חיפה, בנימינה אָדער נתניה, וווּהין מיר פלעגן דאָס רוב פאָרן איבער צמח, בית־שאן, דזשענין, שכם און טול־כּרם. איך מיין אַז דער טאַטע האָט גוט געפילט ווי שטאַרק איך

בין צו אים צוגעבונדן און דערפאַר האָט ער אויך מסכּים געווען צו קומען צו מיר אין גינוסר.

אין די ערשטע יאָרן וואָס ער איז געווען אין גינוסר האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן צוריק אויפשטעלן זײַן ווירטשאַפט אין כּפר־תּבור, אָבער ביסלעכווײַז האָט ער זיך גע־נומען צוגעווינען צום לעבן פון קיבוץ, ער האָט אַפילו געפונען אין אים אַ באַפרידיקונג. און דאָך האָב איך נישט קיין ספק, אַז אויב כ׳וואָלט מסכּים געווען אומצוקערן זיך מיט אים אין זײַן דאָרף אַרײַן, וואָלט דאָס מסתּם געווען פאַר אים די גרעסטע פאַרגיטיקונג וואָס כ׳וואָלט אים געקענט פאַרשאַפן.

מיר זענען ביידע געשטאַנען פאַר אַ זייער שווערער דילעמע, ווען איך האָב באַטראַכט די מעגלעכקייט אָפּצוזאָגן זיך פון דער כּנסת כּדי צו פאָרן קיין ענגלאַנד ממשיך צו זײַן מײַנע לימודים אויפן אָקספאָרדער אוניווערסיטעט. ער האָט אויף קיין מינוט נישט געצווייפלט וואָס איך דאַרף אויסקלײַבן: די כּנסת אָדער דעם אוניווערסיטעט, און האָט געפּסקנט: „פאָר לערנען. די לימו־דים זענען אַ פּערמאַנענט פאַרמעגן, די פּאָליטיק דערקעגן וועט נישט אַנטלויפן. וואָס מער דו וועסט לערנען — אַלץ אַ בעסערע פּאָליטיק וועסטו מאַכן״.

„אָבער אויב איך וועל אָוועקפאָרן אויף צוויי אָדער דרײַ יאָר וועסטו דאָך דאָ בלײַבן אַליין?״ — האָב איך געזאָגט.

דערויף האָט ער מיר געענטפערט: „איך וועל נישט בלײַבן אַליין. איך ווין אין דײַן קיבוץ און כ׳בין זיכער אַז כ׳וועל גוט אויסהאַלטן די דאָזיקע צוויי יאָר. פאַרשטייט זיך, אויב דו וועסט שרײַבן פון צײַט צו צײַט און אויב דו וועסט גוט פּראָגרעסירן״, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל...

צוויי מאָל בין איך געפאָרן לערנען אין חוץ־לארץ, צוויי מאָל האָב איך אים איבערגעלאָזט אַליין און ביידע מאָל איז ער געווען דער וואָס האָט מיך געמוטיקט צום פאָרן.

מ"ח

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אין לאַנד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז איך ווער פאַרבעטן צוריקצוקומען פון אָקספאָרד כּדי צו ווערן מיניסטער אין דער רעגירונג. דאָס איז געווען אין דער צײַט פון דער פינפטער כּנסת און די חברים־וותיקים פון קיבוץ זענען געקומען אין זײַן צימער כּדי אים צוצווינטשן.

„מע לייגט פאַר דײַן זון ווערן אַ מיניסטער", האָבן אים די חברים געזאָגט.

„איך שאַץ זייער הויך אָפּ דעם אַמט פון אַ מיניסטער" — האָט ער זיי געענטפערט — „אָבער אויב ער וואָלט מיך געפרעגט אַן עצה, וואָלט ער אָפּגעזאָגט דעם פאַרשלאָג ביז ער וועט פאַרענדיקן זײַנע לימודים".

אויך מיר, דאָרט, האָבן זיך שטאַרק געקווענקלט צי דאַרף איך אָננעמען די פאַרבעטונג פון ירושלים אָדער ממשיך זײַן מײַנע לימודים ביזן פאַרענדיקן מײַן פאַרשאַרבעט. אָבער דווקא רות, וועלכע האָט בדרך־כּלל געהאַלטן אַז כ'דאַרף ממשיך זײַן מײַנע לימודים און זיך נישט אײַלן אומצוקערן אַהיים, זי האָט געזאָגט: „איך מיין אַז דער טאַטע וואָלט געהאַט אַ סך נחת ווען ער וואָלט בײַ זײַן לעבן געזען זײַן זון ווי אַ מיטגליד פון דער רעגירונג".

מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין ישׂראל און ביזן הײַנטיקן טאָג איז מיר שווער צו באַשטימען בײַ זיך גופא וועלכער פון די פאַרשיידענע מאָטיוון האָט איבערגעוויגן, אָבער אין איין זאַך בין איך נישט מסופק: דער געדאַנק וועגן טאַטן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מײַן באַשלוס אומצוקערן זיך.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן.

„צי איז פאַראַן אַן אויסזיכט דו זאָלסט ווען עס איז פאַרענדיקן דײַן דאָקטאָראַט?"

„כ'האָב מורא אַז נישט" — האָב איך געענטפערט — „מיין

אַמט ווי אַ מיניסטער פֿאַרלאַנגט די גאַנצע צײַט און ענערגיע".

און דאַן, נאָך דעם ווי ער האָט נאָכגעטראַכט אַ לענגערע צײַט, האָט ער געפֿרעגט: „צי ביסטו זיכער אַז די דאָזיקע רעגירונג וועט אָנהאַלטן פֿיר יאָר? איך אויף דײַן אָרט וואָלט זיך פֿאַרזיכערט אַ וועג צוריקצופֿאָרן קיין אָקספֿאָרד אויב די רעגירונג וועט פֿאַלן".

„דער וועג קיין אָקספֿאָרד איז תּמיד אָפֿן פֿאַר מיר, טאַטע, אָבער אויב ס'איז באמת פֿאַראַן אַ געפֿאַר אַז די דאָזיקע רעגירונג זאָל פֿאַלן, וועסטו מסכּים זײַן מיט מיר אַז מע דאַרף אַלץ טאָן כּדי צו פֿאַרמײַדן איר פֿאַלן".

„נו, ביז איצט זענען דײַנע באַשלוסן געווען ריכטיקע" — האָט ער געזאָגט און איז אויפֿגעשטאַנען — „איך האָף אַז דײַן איצטיקער באַשלוס איז אַ ריכטיקער".

„צי זענען אַלע מײַנע באַשלוסן געווען ריכטיקע?" — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן כּלומרשט אין אַ געלעכטער, מחמת כ'האָב דאָך געוווּסט אַז נישט איין אָדער צוויי מאָל האָב איך אים פֿאַרשאַפֿט עגמת־נפֿש.

„יאָ, אַלע דײַנע באַשלוסן" — האָט ער געענטפֿערט.

„אַרײַנגערעכנט דער באַשלוס צו גיין אין קיבוץ?"

„יאָ, — האָט ער געענטפֿערט, — אין איין זאַך לכל־הפּחות האָט דער לעבנס־שטייגער פֿון קיבוץ אַ מעלה לגבי מײַן לעבנס־שטייגער: דײַן קיבוץ איז דײַן פֿעסטונג און דײַן אָנשפּאַר. ער גיט דיר אַ מעגלעכקייט צו לערנען, צו אַרבעטן און טעטיק צו זײַן אין קיבוץ און אויסער אים. אין קיבוץ האָט דאָס לעבן אַ זינען וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געפֿילט".

„פֿאַראַן נאָך איין מעלה" — האָב איך אים געזאָגט — „אַ דאַנק זײַן געזעלשאַפֿטלעכער סטרוקטור און דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַרשיידנאַרטיקייט — אין דער אַגריקולטור, אין דער אינדוסטריע און אין דינסטן — וואָס זייער אויפֿנעם־פֿעיקייט איז כּמעט אומ־

באַגרענעצט, קען מען אין קיבוץ אָנהאַלטן די משפּחה מער ווי אין יעטווידער אַנדערער לעבנס־פאַרעם".

„מיט דער צײַט וועט מען זען" — האָט ער מיר געענטפערט.

געווען איז אין די ווערטער אַ מין אומעט, און איך האָב אַרויסגעהערט פון זיי אַ געדעמפּטן אָפּקלאַנג פון אַ דורכפאַל, וואָס ער האָט מיט אים נישט משלים געווען אויך אין זײַנע לעצטע טעג: דאָס צערונען ווערן פון אַ חלום וועגן דעם פּײַקאָוויטש־שבט אויף דער ערד פון כפר־תּבור.

מ"ט

ער איז אַלט געווען איין און נײַנציק יאָר ווען ער איז אַוועק פון דער וועלט. אין זײַן צוואה האָבן מיר געפונען אַז ער וויל נישט קומען צו קבורה אין כפר־תּבור, דעם דאָרף פון זײַן גרויסער ליבשאַפט און זײַן ביטערער אַנטוישונג. זינט ער האָט פאַרלאָזן די קאָלאָניע איז ער אַהין מער נישט געקומען אַפילו קיין איין איינציק מאָל. ער האָט פשוט נישט געוואָלט מער דאָרט שטעלן אַ פוס. טייל מאָל, ווען ער פלעג פאָרן מיט מיר אין מײַן וואָגן און מיר זענען געווען געצוווּנגען פאַרבײַפאָרן פאַר דער קאָלאָניע אויף אונדזער וועג צום דרום פון לאַנד, אָדער צום צענטער, פלעג ער פאַרדעקן זײַנע אויגן מיט אַ נאָזטיכל איידער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו זײַנע פעלדער, און ער האָט עס אַראָפּגענומען ערשט ווען דער אויטאָמאָביל איז צוגעקומען צו דער מערב־זײַט פון באַרג תּבור. די זיגזאַגן פונעם וועג האָט ער גוט געקענט און האָט זיך אין זיי אויסגעפונען אַפילו אין דער פינצטער. אַלע זײַנע האָפענונגען זענען געווען קאָנצענטרירט אין דאָזיקן דאָרף און אינעם פאַרלאָזן זײַנע נחלות האָט ער געזען דעם גרעסטן פון זײַנע דורכפאַלן — אַ דורכפאַל וואָס קען בשום־אופן נישט פאַרגעבן ווערן. בלויז דער וואָס האָט געוווּסט וואָס

דער דאָזיקער מענטש האָט אינוועסטירט אין זײַן דאָרף, איז געווען מסוגל צו פאַרשטיין וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אין זײַן האַרצן. מיר, זײַנע קינדער, האָבן געוווּסט. מיר האָבן אים קובר געווען אויפֿן בית־עולם פֿון בנימינה, אַזוי ווי ער האָט פאַרלאַנגט אין זײַן צוואָה. אָבער ווען מיר האָבן געדאַרפֿט אויסקלײַבן אַ שטיין פאַר זײַן מצבה, זענען מיר, מרדכי און איך, אַרויס צו די פעלדער פֿון טאָטן אין כּפר־תּבור. מיר זענען דאָרט אַוועק צום באַדנטייל קאַסטעל — דעם טייל פעלד וואָס ער האָט מיט זײַנע אייגענע הענט פֿון אַ בערגל פעלדזן און דערנער פאַרוואַנדלט אין דעם בעסטן און פּרוּקטיקסטן פֿון אַלע טיילן פֿון אונדזערע פעל־דער — און צווישן די באַזאַלט־פעלדזן אין דאָזיקן פעלד האָבן מיר אויסגעקליבן אַ שוואַרצן פעלדזנבלאָק, וועלכן ער האָט מיט זײַנע הענט בשעתו אַרויסגעריסן און אים אַוועקגעשטעלט ווי אַ גרענעצשטיין אין עק פֿון זײַן פעלד. מיט דער הילף פֿון אַ הייַ־בער, וואָס איז אַרויפֿגעשטעלט געוואָרן אויף אַן אויטאָ, איז דער שוואַרצער פעלדז אויפֿגעהויבן און אַוועקגעפֿירט געוואָרן דורך זײַנע אייניקלעך אויפֿן בית־עלמין — אַ מצבה וואָס קיין האַנט פֿון אַ שטיינער־האַקער האָט נישט אָנגערירט. בלויז זײַן נאָמען איז אויף אים אויסגעקריצט געוואָרן, ווי אויך צוויי ווערטער: „איש הראשונים״ (דער מענטש פֿון די ראשונים).

אין טאָג פֿון דער ערשטער יאָרצײַט האָט זיך די גאַנצע משפּחה — די קינדער, די אייניקלעך און די אוראייניקלעך פאַרזאַמלט אַרום זײַן קבר. ס׳האָט געהערשט אַ שטילשווײַגן. פּלוצעם האָט זיך דערהערט דאָס קול פֿונעם ייִנגסטן אוראייניקל אודי: „דער דאָ־זיקער פעלדז איז שטאַרק ענלעך צום זיידן״...